STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08506

DI YIDISHE TRAGEDYE IN DER POYLISHER LITERATUR

Bernard Mark

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ב. מאַרק

די ייִדישע טראַגעדיע אין דער פּוילישער ליטעראַטור

פאַרלאַג „ייִדיש בוך", וואַרשע, 1950

B. MARK

TRAGEDIA ŻYDOWSKA
W LITERATURZE POLSKIEJ

Wydawnictwo „Idysz Buch". Warszawa, 1950.

Druk. „Nowe Życie" Warszawa, ul. Tłomackie 5.
Ark. 10. 61x86. B-107854.

אַרײַנפֿיר

אין קיין שום ליטעראַטור האָט די ייִדישע טראַגעדיע און דער ייִדישער ווידערשטאַנד נישט באַקומען אַזאַ פֿאַרנעם — הן אין דער צאָל ווערק, הן אין דער פֿאַרטיפֿונג — ווי אין דער היינטצייטיק־פּוילישער. עס איז כּמעט נישטאָ דער פּוילישער שרייבער, וואָס זאָל אויף אַזאַ, אָדער אַנדערן אופֿן נישט ברענגען צום אויסדרוק — בעלעטריסטיש, אָדער פּובליציסטיש, באַשרייבעריש, אָדער ליריש — זיין באַציונג צו די גרוילִיקע געשעענישן, וואָס זיינען פֿאָרגעקומען מיט די ייִדן אויף דער טעריטאָריע פֿון אָקופּירטן פּוילן און אַפֿילו מחוץ זיינע גרענעצן. דאָס איז אַ מין קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו, אַ מאָראַלישער חוב ביי כּמעט איטלעכן פּראָזאַיקער, פּאָעט, דראַמאַטורג, עסייאיסט צו נעמען אַ וואָרט, אויפֿצורודערן זיין לייענערשאַפֿט. מאָנען חשבון, נישט לאָזן פֿאַרגעסן. די דאָזיקע טעמע האָט די פּוילישע ליטעראַטור געהאַלטן פֿאַר איינער פֿון די סאַמע וויכטיקסטע, פֿון די סאַמע בכורהשע תּיכּף נאָך דער באַפֿרייונג פֿון לאַנד. און נישט סתּם אין היינזיכט פֿון אויסדריקן מיטלייד, פֿון אָנשרייבן אַן עפּיטאַפֿע, נאָר ס'רוב אין טאָז פֿון חשבון־הנפש, אָפֿט מיט אַ שאַרפֿער קריטיק פֿון די „אויבערשטע" און פֿון דער אונטערוועלט־שיכטן אין דער אייגענער געזעלשאַפֿט. עס איז בוי־טיק דערביי אונטערצושטרייכן, אַז בכלל האָט קאָלאַבאָרירט מיטן אָקופּאַנט אַ מינימאַלער טייל פֿון דער פּוילישער ליטעראַטור (סקיווסקי, געטעל, בודרעצקי, וואַסילעווסקי).

אָבער לאָמיר דערביי נישט פֿאַרגעסן, אַז די היינטצייטיקע פּוילישע ליטעראַטור איז נאָך אַ קלאַסן־דערשיינונג. אמת — אונטער דער ווירקונג פֿון דער נייער ווירקלעכקייט ווערן די פּראָגרעסיוו־רעאַליסטישע עלעמענטן אַלץ גרעסער אין וואָג און פֿאַרנעם, אָבער די ליטעראַטור. פּונקט ווי דאָס

לעבן, פונקט ווי די געזעלשאַפט, האָט נאָך נישט דערגרייכט דעם אידעיש־מאָנאָליטן כאַראַקטער, וואָס די סאָוויעטישע, הגם די פוילישעווירקלעכקייט און ממילא די פוילישע ליטעראַטור אַנטוויקלען זיך אויך אין דער דאָזיקער ריכטונג.

אַזוי אַרום האָבן מיר אין דער היינטצייטיקער פוילישער ליטעראַטור פאַרשיידענע באַציונגען צו דער ווירקלעכקייט, פאַרשיידענע אידעאָלאָגישע און קינסטלערישע איינשטעלונגען. אויך פאַר דער באַפרייונג איז די פויליש ליטעראַטור געווען סאָציאַל־אידעיש צעגלידערט, אָבער היינט האָט זיך געענדערט די פראָפּאָרץ — עס דאָמינירט אַלץ מער, עס פירט אָן אַלץ בולטער די ליטעראַטור פון דעם נייעם מענטש, די רעוואָלוציאָנערע און סאָציאַליזם־בויערישע.

די דאָזיקע שטריכן און עלעמענטן פון דער איצטיקער פוילישער ליטעראַטור שאַפן די פאַרשיידנאַרטיקייט אין דעם צוגאַנג צום יידישן פּראָבלעם. די גאַמע פון דער דאָזיקער פאַרשיידנאַרטיקייט איז זייער ברייט: פון איין זייט — האַס, גלייכגילט, פון דער צווייטער — מיטפילנדיקע שילדערונג פאַר די יידישע יסורים; אַ העכערער אידעיש־מאָראַלישער שטאַפּל איז — מיטגעפיל און סימפּאַטיע לגבי דעם יידישן ווידערשטאַנד, חשבון־הנפש, קאָנסעקווענטער אינטערנאַציאָנאַליזם און דאָס געפיל פון געמיינזאַמען גורל. די אַלע אַרטן פון באַציונג צו דעם יידישן פּראָבלעם אין דער אָקופּאַציע־צייט זיינען אַן אויסדרוק פון די פאַרשיידענע קלאַסן־אָנגעהעריקייטן און ממילא פון די פאַרשיידענע אַנטשפּרעכיקע פּסיכאָ־אידעישע פּנימער פון די באַזונדערע שרייבער. די רעאַקציאָנערע עלעמענטן פון דער לאָנדאָנער עמיגראַציע און די רעכט־קאַטוילישע שרייבער אין לאַנד ווייזן אַרויס אין זייער פּובליציסטיק און בעלעטריסטיק ממש שנאה צו די ביז צום טויט געררודפטע יידן, שנאה געמישט מיט שאָדן־פרייד און עקל (מאַצקעוויטש, סעידא, דאָבראַטשינסקי). העכסטנס איז עס אַ לגמרי פּאַסיווע אָבסערוואַציע פון דעם גרויל. ווייטער גייען די שרייבער, וועלכע — הגם זייערע קינסטלערישע אויסדרוק־מיטלען זיינען אָפט דיאַמעטראַל־פאַרשיידענע — דאָך שאַפן זיי, פון סאָציאַלן שטאַנדפּונקט, איין (נישט קיין איינהייטלעכע) גרופּע. דאָס זיינען די שרייבער פון דער קלייןבירגערלעכער אינטעליגענץ, ביי וועלכע עס שפּיגלט זיך איצט אָפּ — אַ דאַנק דער ווירקונג פון דער נייער ווירקלעכקייט — די פאָלגנדיקע ריכטונג אין דער אַנטוויקלונג פון דער באַציונג צום יידישן פּראָבלעם: פון פּאַסיוון מיטלייד צו די יידישע יסורים ביז חשבון־הנפש. בולט אַנטפּלעקט זיך די דאָזיקע באַ־

ציונג ביי סטעפאַן אַטווינאַווסקי; אויך ביי נאַלקאָווסקאַ, הגם שוואַכער ווי ביים פריערדיקן; אַ מיטן־פּאָזיציע פאַרנעמט בראַשקעוויטש. די סאַמע קאָנ־סעקוועטע אַנטוויקלונג האָט אַדורכגעמאַכט יעזשי אַנדזשעיעווסקי. נישט דערגאַנגען ביז חשבון־הנפש זײַנען די יענע וואָקלדיקע קאַטוילישע שרײַבער, וועלכע געפינען זיך נאָך אין געפּאַנגשאַפט ביי דער אַלטער בירגער־לעכער אידעאָלאָגיע (זשוקראָווסקי). פאַרקערט — די קאַטוילישע שרייבער, וועלכע שטאַמען פון אָרעמען קלײנבירגערטום און הייבן איצט אָן זוכן וועגן צו דער נייערווירקלעכקייט, ביי די פילט זיך שוין אויך דער טאָן פון חשבון־הנפש, פון רעווידירן אַלטע, פאַלשע איינשטעלונגען (אַסטראָמענצקי).

צום שטאַרקסטן און צום שטאַנדהאַפטיקסטן האָט זיך אַרויסגעוויזן אויך לגבי דער יידישער טעמע די רעוואָלוציאָנערע פוילישע ליטעראַטור, די שרייבער, וואָס האָבן זיך דערנענטערט צום סאָציאַליסטישן רעאַליזם, די קינסטלער, וואָס זייער הומאַניזם דריקט זיך נישט אויס אין פילאַנטראָפּישן מיטלייד, נאָר איז אַ קעמפערישער, אַ וועלט־ און מענטש־איבערבויערישער. אָט די שרייבער האָבן סיי אין אונטערערד, סיי אויף עמיגראַציע, סיי אין די מיליטערישע רייען און סיי איצט, אין באַפרייטן פוילן, געגעבן אויף דער טעמע פון יידישער פּראָבלעמאַטיק פון דער אָקופּאַציע־צייט ווערק, וועלכע זיינען געוואָרן וועג־וויייזעריש און מיטרייסעריש פאַר דער גאַנצער היינטצייטיקער פוילישער ליטעראַטור.

די גרויסע פאַראינטערעסירונג און די אין וויט גרעסטן טייל טיף־מענטשלעכע באַציונג צו דער יידישער טראַגעדיע און צום יידישן ווידער־שטאַנד איז אין דער פוילישער ליטעראַטור נישט קיין נייע דערשיינונג. ביי איז דער ברייטער פאַרנעם פון אָט דער טעמאַטיק, ביי איז דער אופן פון לייזן דאָס פּראָבלעם, אָבער די דערשיינונג גופא האָט שוין אַ לאַנגע טראַדיציע אין דער פוילישער ליטעראַטור. די דאָזיקע טראַדיציע צייט אירע פּעדים פון די קלאַסיקער מיצקעוויטש, סלאָוואַצקי און נאָרוויד, פון דער פּאָ־זיטיוויסטין אָזשעשקאָ, און אויך דעמלט לאָזט זיך אָבסערווירן די כאַראַק־טעריסטישע דערשיינונג: דער מאַגנאַטישער קאָנסערוואַטיסט זיגמונט קראַ־שינסקי האָט געשילדערט אַ בילד פון בלוט־גיריקע יידן, די פּראָטאָטיפּן פון די „זקני ציון", וועלכע גרייטן אַ פאַרשווערונג אויף דער וועלט; אַקעגן־זשע די שענסטע ראָמאַנטישע בילדער פון יידישע געשטאַלטן האָבן געשאַפן די רעוואָלוציאָנער־דעמאָקראַטישע שרייבער מיצקעוויטש (יאַנקעל) און סלאָ־וואַצקי (יודיטאַ), און דעם אַפּאָטעאָז פון יידישער גבורה, פון יידישן אָנטייל אין פוילישע אויפשטאַנדן האָט געגעבן דער פּראָגרעסיווער דיכטער ציפּ־

ריאַן באַרוויד. שפּעטער האָט עליזאַ אָזשעשקאָ, די באַזינגערין פון פעלקער־פריינטשאַפט, די קעמפערין פאַר גלייכבאַרעכטיקונג פון אָרעמען פויערטום און פאַר דער עמאַנציפּאַציע פון דער פרוי, גערופן אין אירע קינסטלערישע ווערק צו דערלאַנגען די האַנט דעם ייד, וואָס וויל אַראָפּטרייסלען פון זיך דעם רעליגיעזן פאַנאַטיזם און די אומוויסנקייט. סאָציאַלער פּראָגרעס גייט אין דער ליטעראַטור האַנט אין האַנט מיט סאָלידאַריטעט לגבי דעם אונטערדריקטן ייד.

די זעלביקע דערשיינונג איז געקומען צום אויסדרוק אויך אין דער תקופה צווישן 1917 און 1939 — אין דעם ענדעקיש־סאַנאַטאָרישן פּוילן. נאָר אַזעלכע שרייבער, ווי וואַנדאַ וואַשילעווסקאַ, וולאַדיסלאַוו בראָניעווסקי, לעאָן קרוטשקאָווסקי, עמיל זעגאַדלאָוויטש, אַנדזשעי סטרוג, הולקאַ־לאַסקאָווסקי, דאָס הייסט — די פּראָלעטאַרישע און די קליינבירגערלעך־פּראָגרעסיווע — האָבן געקעמפט אונטער דער אָנפירונג, אָדער אונטער דער ווירקונג פון די קאָמוניסטן קעגן פּשיטיק, געטאָ־בענק און שחיטה־געזעצן, פּונקט ווי קעגן בערעזע און פּאַשיזאַציע. פון זיי איז די דאָזיקע דערהויבענע טראַדיציע אַריבער אין אַנטיפאַשיסטישן אונטערערד פון אָקופּירטן לאַנד און ווייטער — צו דער נייער ליטעראַטור פונם פאָלקס־דעמאָקראַטישן פּוילן, וואָס שפּאַנט צום סאָציאַליזם.

און ווען מיר נעמען אַצינד די פּראָפּאָרץ פון די פּויליש־ליטעראַרישע ווערק, וועלכע שטאַמען פון די אַלטע בירגערלעכע און קאַטוילישע מקורים און האַלטן זיך ביים נוסח פון האַס, אָדער פּאַסיווקייט, לגבי דער גאַנצער פּוילישער ליטעראַטור, וועלכע האָט אַזוי דרייסט און ברייט גענומען אַ וואָרט אין דעם יידישן פּראָבלעם, קענען מיר פעסטשטעלן צום לויב פון דער פּוילישער ליטעראַטור, אַז די צאָל נעגאַטיווע שאַפונגען איז אַ מינימאַלע, זי ווערט ממש בטל בששים — אין דעם ברייטן שטראָם, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר די פּאָזיטיווע באַציונג צו די יידישע מאָטיוון. די יידישע טעמאַטיק אין דער הייַנטצייטיקער פּוילישער ליטעראַטור איז ממש אַן עפּאָפּ, איבער וועלכן קיין שום היסטאָריקער און קריטיקער וועט נישט קענען אַריבערגיין אָן אַן אַנאַליז פון אָט דער מערקווירדיקער, באַגריסונגווערטיקער דערשיינונג.

די רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור

עס איז נאָך נישט געקומען די פולע אָפּשאַצונג פון דער ראָל פון דער רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור אין פאַרמלחמהדיקן פוילן, אין פוילן פונם ענדעקיש־סאַנאַטאָרישן רעזשים, אין פוילן פון העלדישע קאַמפן פון פּראָ־לעטאַריאַט און פּויערטום. אָבער ווער עס געדענקט יענע צייט, דער ווייסט און קען אָפּשאַצן, וואָס פאַר אַ געוואַלטיקן באַטייט און איינפלוס די דאָזיקע ליטעראַטור האָט אויסגעאיבט אויפן פוילישן באַוווסטזיניקן פּראָלעטאַריאַט, אויף דער פּראָגרעסיווער אינטעליגענץ, אויף די בעסטע זין און טעכטער פונם דאָרף, אויף די ראַדיקאַליזירטע שיכטן פון די נאַציאָנאַלע מינדער־הייטן. יעדע ליד פון וולאַדיסלאַוו בראָניעווסקי איז געווען ווי אַ שפּיז אינם האַרץ פון שונא. די שילדערונגען פון שטאָט און דאָרף און פון די „קרעסן", וועלכע עס האָט געגעבן וואַנדאַ וואַסילעווסקאַ, האָבן אויפגעריסן די פּעאָ־דאַל־קאַפּיטאַליסטישע און קאָלאָניזאַטאָרישע ווירקלעכקייט פון דער פּריציש־פאַבריקאַנטישער מלוכה. לעאָן קרוטשקאָווסקיס ראָמאַנען האָבן גע־עפנט די אויגן פון פּראָגרעסיוון לייענער אויף די אמתע סאָציאַלע שפּרונג־פעדערן פון פּוילנס פאַרגאַנגענהייט. לוציאַן שענוואַלדס פּאָעזיע, וועלכע האָט אָנגעבונדן קינסטלעריש אין די בעסטע טראַדיציעס פון דער פּויליי־שער קלאַסיק, האָבן מיטגעריסן מיט זייער רעוואָלוציאָנערן פּאַטאָס, אַרויס־רופנדיק אַן אידעישן אויפרודער ביי דער אינטעליגענץ. צוליב אונזער קאָנקרעטער טעמע שטעלן מיר זיך אָפּ בלויז אויף די סאַמע אָנגעזעענע פאָרשטייער פון דער פּויליש־רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור. אָבער עס איז באַוווּסט, אַז די ריי איז לענגער. אַ באַזונדער קאַפּיטל איז די ראָל פון די דאָזיקע שרייבער, פון אָט דער גרופּע אין דער פּוילישער ליטעראַטור בכלל. די רעוואָלוציאָנערע שרייבער־גרופּע איז געווען דער אידעישער סטימול־

פאַקטאָר פאַר דער הומאַניסטישער פוילישער ליטעראַטור. די רעוואָלוציאָנערע שטרעמונג איז געווען אי דאָס געוויסן פון די פּראָגרעסיווע שיכטן פון פוילישן פאָלק, אי זייער גייסטיקער וועג־ווייזער און געפילן־אויסדריקער, אי דער נביאישער מאָנער און קריטיקער לגבי די רעגרעסיווע עלעמענטן אין לאַנד. די דאָזיקע שטרעמונג איז געווען אַן אָרגאַנישער טייל פון דעם גאַנצן רעוואָלוציאָנערן לאַגער און ממילא אַ טרעגער און אויסדריקער פון זיין אינטערנאַציאָנאַליסטישן גייסט.

איז דעריבער קלאָר, אַז ווען אַ יידישער פּראָלעטאַריער האָט געקעמפט אין פוילן פאַר סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער פרייהייט, האָט אַזאַ דערשיינונג נישט בלויז נישט געקענט אַדורכגיין אומבאַמערקט פאַרן פויליש־רעוואָלוציאָנערן שרייבער, נאָר פאַרקערט — אַזאַ זאַך איז געוואָרן אַן אָרגאַנישער מאָטיוו אין זיין שאַפונג; ס'איז געווען נישט קיין טעמע, צו וועלכער ער האָט זיך געדאַרפט פריינטלעך באַציען, נאָר זיין טעמע, אַ שטיק אייגנס פון זיין באַציאונג צום אָרום. און בשעת די פאַשיזירנדיקע מאַכט־האָבער האָבן גענומען פּראָווען זייער אַנטיסעמיטישע פּראַקטיק, איז די אויפרעגונג און די רעאַקציע פון דעם פויליש־רעוואָלוציאָנערן שרייבער אויך געווען נישט קיין חוב־אויספילונג, נאָר אַ וועזנטלעכער אָפּשניט פון זיין פען־ און ביקס־קאַמף.

דער פוילישער רעוואָלוציאָנערער שרייבער איז אַדאַנק זיין גאַנצער אידעאישער איינשטעלונג צוגעגאַנגען צו די מאָטיוון פון יידישן אומקום און פון יידישער גבורה אַן די אַלע פּסיכאָ־אידעאישע קאָמפּלעקסן, וועלכע עס האָבן געמוזט האָבן די פוילישע שרייבער פון אנדערע אידעאיש־קינסטלערישע שטרעמונגען. דער פויליש־רעוואָלוציאָנערער שרייבער האָט לגבי זיך, לגבי זיין לאַגער, נישט געדאַרפט קיין חשבון־הנפש, ווייל נישט ער, נישט זיין לאַגער, האָבן זיך פאַרזינדיקט לגבי דער יידישער געזעלשאַפט; פאַרקערט — יענע שרייבער זיינען מחויב צו מאַכן אַ חשבון־הנפש, סיי אין באַצוג צו דער יידן־פראַגע, סיי בנוגע דעם פויליש־רעוואָלוציאָנערן לאַגער, במילא — בנוגע דער פויליש־רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור. דער פויליש־רעוואָלוציאָנערער שרייבער האָט דעריבער דעם סאַמע דירעקטן, דעם סאַמע דרייסטן, דעם סאַמע האַרציקסטן צוגאַנג צו דער טראַגעדיע פון פוילישן יידנטום, און ער פאַרשטייט אויך צום טיפסטן און ריכטיקסטן דעם יידישן ווידערשטאַנד, זיינע קוואַלן, זיין אינספּיראַציע, טראַדיציע און כוח. פונקט ווי אַמאָל, אַזוי האָט אויך בעת דער אָקופּאַציע און דער באַפרייערישער מלחמה קעגן היטלעריזם דער פויליש־רעוואָלוציאָנערער שריי־

בער געפילט אין דעם יידן־אומקום אַ טייל אייגענע — געזעלשאַפטלעכע און פּערזענלעכע — טראַגעדיע, און אין דעם געטאָ־אויפשטאַנד — אַ קאַמף פון אייגענע געשטאַלטן, אַ געראַנגל פאַר דעם סאָציאַלן אידעאַל, וואָס אים האָבן געדינט זיינע ווערק.

אַ גערודפטע און געשטיקטע אין די צייטן פון בערעזע, האָט אַצינד, אין די נייע באַדינגונגען, די פּויליש־רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור נישט בלויז באַקומען די מעגלעכקייט זיך פריי אויסצולעבן, אומגעשטערט אויס־צוזינגען די געפילן פון אַרבעטנדיקן פאָלק, נאָר זי איז אויך געוואָרן דער וועג־ווייזערישער און אָנפירנדיקער אַוואַנגאַרד אין דער ליטעראַטור פון לאַנד. אויף אירע אידעיש־קינסטלערישע מוסטערן דערציט זיך דער יונגער דור שרייבער. איר וועג, וואָס האָט שוין אין יענע יאָרן געפירט דורך דעם קריטישן צום סאָציאַליסטישן רעאַליזם, הייבט אָן אַלץ מער צו דאָמינירן אין דער ליטעראַטור פון נייעם פּוילן, וואָס איז אַרויף אויפן שליאַך צו איבערגעשטאַלטיקן דיווירקלעכקייט און אויפצושטעלן אַ סאָציאַל־יושר־דיקע געזעלשאַפט.

וולאַדיסלאַוו בראָניעווסקי

פאַר דער אָרגאַנישער אינערלעכער פאַרבינדונג פון דער פּויליש־רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור מיט דער יידישער טעמע איז — סיי פאַר דער פאַרמלחמהדיקער צייט, סיי פאַר דער עפּאָכע פון היטלעריסטישן גרויל — צוממערסטן כאַראַקטעריסטיש די פּאָעזיע פון וולאַדיסלאַוו בראָ־ניעווסקי.

פאַר דער פּאָזיציע פון אַ דיכטער איז נישט וויכטיק די קוואַנטיטעט; דער עיקר איז דער — ווי אַזוי. מיט איין ליד קען זיך אַ פּאָעט פאַרוואָרצ־לען אויף אייביק אינם געדעכעניש פון אַ שיכט, פון אַ פאָלק. די ריכטיקייט פון אָט דער טעזע באַשטעטיקט זיך טאַקע אויף בראָניעווסקין. מיט צוויי לירישע לידער האָט בראָניעווסקי באַפעסטיקט זיין פאַרברידערונג, די פאַרברידערונג פון באַוווסטזיניקן פּוילישן פּראָלעטאַריאַט, מיטן אַרבעטנ־דיקן ייד. די וויזיע פון מילע־גאַס, פון דער גאַס פון יידישער אָרעמשאַפט, די וויזיע, וואָס שוידערט אויך מיט איר שטומער טראַגיק און רירט מיט איר

האַרציקייט, איז געוואָרן אייגן דעם יידישן פּראָלעטאַריער און דעם יידישן אַרבעטנדיקן אינטעליגענט, און ווי אַ דערגאַנצונג צו אָט דעם בילד פֿון טראַגישער אויסזיכטלאָזיקייט — דאָס ליד וועגן דעם יונגן יידישן שניידער־אַרבעטער, וואָס זיצט הינטער די תּפיסה־קראַטעס און טרוימט וועגן קאָנטינואירן דעם קאַמף פֿאַר באַפרייונג. בראָניעווסקי דערהייבט דעם יידישן קעמפּערישן פּראָלעטאַריער; די לבנה פֿון פּאַוויע־גאַס, די גאַס פֿון די יידישע שניידער און טעקסטילער, איז זיין אייגענע, דעם דיכטערס, טרוים־וועלט, זיין אייגענע בענקשאַפט צו אַן אַנדער, בעסערן, יושרדיקן לעבן. אַזאַ אינטימקייט האָט געקענט אַרויספליסן נאָר פֿונעם האַרצן פֿון אַ שרייבער, וואָס האָט באמת ליב דעם יידישן אַרבעט־מענטש. בראָניעווסקיס שורה, וואָס איז ווי אויסגעשמידט פֿון שטאָל, וואָס פֿאַרמאָגט אַ מעטאַלענעם קלאַנג, וואָס איז ווי אַ פֿייל געווענדט צום ציל, ווערט ווייך, ליריש, וואַרעם, ווען ער רעדט וועגן געשטאַלטן און זאַכן, וועלכע ער האָט אינטים ליב. אין אַזעלכע פֿאַלן רייסט זיך אָפּ זיין שעפֿערישע פֿאַנטאַזיע פֿון דער האַרטערווירקלעכקייט און שווימט אַוועק אין דער וועלט פֿון ראָמאַנטיק — דאָס איז די רעוואָלוציאָנערע ראָמאַנטיק, דאָס געזאַנג צום טרוים, די גאַרונג צו ענדערן די ביטערע ווירקלעכקייט.

און אַזאַ דערשיינט פֿאַר אונז בראָניעווסקי אויך אין זיינע יידישע מאָטיוון פֿון דער אָקופּאַציע־צייט. דער פֿאַשיסטישער שונא האָט פֿאַרטיליקט די מילע און די פּאַוויע — זיין מילע און זיין פּאַוויע. דאָס האָט אָנגערירט די סאַמע טיפֿענישן פֿון דעם דיכטערס ליידנדיק האַרץ. און עס איז אַרויסגעקומען דאָס אומפֿאַרגעסלעכע „Żydom Polskim” „פֿאַר די פּוילישע יידן”. די באַציונג פֿונעם דיכטער צום אומגליק פֿון פּוילישן יידנטום דערקענט מען שוין פֿון די ערשטע פֿערזן: „מיינע ווערטער ווייק איך אין בלוט, און דאָס האַרץ איז אין ריזיקן געוויין”. אָבער איבער דעם דאָמינירט דאָס שטאָלצע געפֿיל פֿונעם פּאָעט, ווען ער הייבט אָן דאָס ליד מיט די ווערטער: „פֿון די פּוילישע שטעט און שטעטלעך הערט מען נישט קיין געשריי פֿון פֿאַרצווייפֿלונג, עס זיינען געפֿאַלן, ווי אַ קעמפּערישע גרופּע, די וואַרשעווער באַשיצער פֿון געטאָ”. אין צוויי טראַדיציעס פֿאַרבינדט בראָניעווסקי דעם געטאָ־אויפֿשטאַנד: אין דער חשמונאישער, מכביאישער טראַדיציע, אין דעם העראָישן נאַציאָנאַל־באַפֿרייערישן פֿאָדעם, וואָס וועבט זיך אַדורך אין דער יידישער געשיכטע, און — אין פּוילישן פֿרייהייט־קאַמף; די געטאָ־אויפֿשטענדלער, זאָגט דער דיכטער, האָבן אויפֿגעהייבן אָן דער מינדסטער האָפֿנונג דעם קאַמף, וואָס איז אָנגעפֿאַנגען געוואָרן אין סעפּטעמבער 1939.

בראָניעווסקי איז נישט בלויז אַ באַזינגער פון יידישער העלדישקייט,
ווי אַ רעוואָלוציאָנערער דיכטער זעט ער אין דער פּאָעזיע עפּעס מער און
עפּעס העכערס ווי בלויז שיינקייט און באַשרייבערישקייט. אין דעם פאַרמל־
חמהדיקן אני־מאמין־ליד „פּאָעזיע" זאָגט ער וועגן דער שליחות פון דיכ־
טונג אָט וואָס: דו קומסט ווי אַ מאַי־נאַכט, אַ ווייסע נאַכט, אַ נאַכט, אַן אייג־
געשלאָפענע אין בלומען... דו שוועבסט שטיל דורך שלאָפלאָזע, שטילע
נעכט... אָבער דאָס איז צו ווייניק! צו ווייניק! דייגע ווערטער פאַרפירן און
זאָגן ליגן! פאַר לעבעדיקע ברוסטן — גיב אָטעם פון התלהבות, אַ ברייטן
פלי און פליגל צו אָרעמס...

אָט דעם פּאָעטישן קרעדאָ בלייבט בראָניעווסקי טריי אין זיין ליד צו
די פּוילישע יידן. נישט באַוויינען איז זיין ציל, הגם דער טרויער שטיקט
אים טיף אין האַרצן. ער קומט לערנען זיין פאָלק, די פּאָליאַקן: און אָט,
וואָס מען דאַרף, ווי אין אַ פעלז, אויסקריצן אין פּוילישן געדעכעניש: מען
האָט דאָס בשותפותדיקע הויז אונז חרוב געמאַכט, און דאָס פאַרגאָסענע
בלוט פאַרברידערט אונז, עס פאַרייניקט אונז דער עקזעקוציע־מויער,
דאַכאַו, אָשוויענטשים, יעדער נאָמענלאָזער קבר און יעדע תפיסה־קראַטע.
אָט די געמיינזאַמע יסורים זיינען צו עפּעס מחייב. די דיכטער וואַרפט אַרי־
בער אַ בריק צו דער צוקונפט, ער שטעלט אויף אַ וויזיע פון דער קיגפטיקער
פרייער געזעלשאַפט אין אַ נייעם פּוילן, דעמלט וועט איין זון לייכטן פאַר
אַלעמען, פאַרן פּוילישן און יידישן מענטש, און דעמלט וועט קומען דער
ענד־ציל פון אונזער שטרעבן: עס וועט אויפשטיין אַ נייע ראַסע, די העכסטע,
די אידעלע מענטשן.

אַזוי האָט דער רעוואָלוציאָנערער ליריקער, אַרויספילנדיק די קוואַלן
און די טראַדיציעס פונם געטאָ־אויפשטאַנד, דערזען דעם העכערן זין פון
דעם קרבן — דעם צושטייער צום געראַנגל פאַר דער גרויסער אידייע,
פאַרן סאָציאַליזם.

די גרויליקע וויזיע פון פאַרפייניקטן פּוילישן יידנטום לאָזט דעם דיכ־
טער לאַנג, לאַנג נישט אָפּ. די דאָזיקע טעמע קערט זיך אום צו אים נאָכאַמאָל
און נאָכאַמאָל. דאָס איז נישט ביי בראָניעווסקין קיין פראַגע פון איינמאָל
אַרויסוויטיקן זיינע געפילן און פּטור. פּונקט ווי דער יידישער דיכטער פון
פּוילן, אַזוי קען זיך אויך דער פּוילישער באַזינגער פון מילע־גאַס און פון
דער לבנה פון פּאַוויע נישט באַרויקן. און אָט דערזעט ער די יידישע טראַגע־
דיע אין אַ באַלאַדע, ווו עס קומען ווידער אויף די יידישע גאַסן, מוראַנאָוו,
נאַלעווקעס, איניינעם מיטן פּוילישן ניי־וועלט; ער פאַראַפראַזירט מיצקע־

וויטשעס באַללאַדן און ראָמאַנצעס, אויסשרייענדיק מיט ווייטיק, אַז דאָס שטעטל איז שוין נישטאָ, די יידן זייִנען פאַרטיליקט און געבליבן זייִנען בלויז צווי — אַ דרייצניעריק מיידעלע און ישו, ביידע יידן, ביידע קרבנות פון עס־עסישן טעראָר; ער דערהערט, ווי מיצקעוויטש אין זייִנע „קרימער סאָנעטן", דעם קול פון היימלאַנד, פון פוילישן און יידישן קלאַנג, אין זייִנע ישראל־מאָטיוון. אומעטום ווייִנט זייִן האַרץ; אָבער אין קיין שום ליד פון אָט דער טעמאַטיק האָט ער זיך נישט דערהויבן אַזוי ווי אין דעם הימן „פאַר די פוילישע יידן". און עס איז נישט קיין ווונדער, וואָס דאָס דאָזיקע ליד איז אַריין אינם יידישן געטאָ־אויפשטאַנד־פּראָגראַם ווי אַן אייזערנער פאַנד, ווי דער שלמותדיקער אויסדרוק פאַר די געפילן, וואָס קומען אויף בײם פּראָגרעסיוון ייד אין שייכות מיט דער טעמע פון 19־טן אַפּריל.

די יידישע מאָטיוון האָט בראָניעווסקי אָנגעשריבן אין גלות, געפינענדיק זיך ווייט פון היימלאַנד. סיי די יידישע, סיי די אַנדערע מאָטיוון פון יענעם פעריאָד זייִנען ביי בראָניעווסקין אין אַ גרויסער מאָס פּראָדוקטן פון דעם טיפן ווייטיק בײם דיכטער, וואָס ער קען נישט — זייַענדיק אויף עמיגראַציע ווייט ווייט, אַקטיוו אָנטיילנעמען אינם באַפרייונגסקאַמף, וואָס שפּילט זיך אָפּ אין לאַנד. אין אָט די לידער דערשייִנט דער רעוואָלוציאָנערער פּאָעט ווי דער אמתער פּאַטריאָט, וואָס גייט אויס פון צער און בענקשאַפט נאָך זייִנע פאָלקס־ברידער. דער דאָזיקער מאָטאָר פון זייִן דיכטונג ווערט נאָך מער פאַרשטאַרקט אונטערן אייִנדרוק פון די טרויעריקע גרוסן וועגן די יידן־מאָרדן.

וואַנדאַ וואַסילעווסקאַ

ווייט פון פוילן האָבן געשאַפן זייערע בייע ווערק אויך וואַנדאַ וואַסילעווסקאַ און לוציאַן שענוואַלד. זיי האָבן זיך אָבער געפונען אין אַ לאַנד, וווּ עס האָט זיך געשמידט דאָס געווער צו באַפרייען פוילן — אין ראַטנפאַרבאַנד. דער נאָענטער באַריר מיט דער סאָוועטישער ווירקלעכקייט, מיט דער סאָוועטישער ליטעראַטור, דער אַקטיווער אָנטייל אינם אָנשטרענג פון לאַנד בײם גרייטן דעם זיג, דאָס אַלץ האָט גורם געווען, אַז די שטימונג אין די מלחמה־שאַפונגען פון די שרייבער, בפרט ביי וואַסילעווסקאַן,

איז אַ מער מונטערע, אַ מער קעמפערישע, הגם אויך ביי זיי פילט זיך דער טיפער ווייטיק און די גרויסע בענקשאַפט.

וואַנדאַ וואַשילעווסקאַ האָט זיך איינגעגלידערט אין דער סאָוויעטישער ליטעראַטור אין דער סאַמע קריטישער צייט, אין דער תקופה פון דער מסירות־נפשדיקער מלחמה קעגן די דייטשע אַרמייען. וואַשילעווסקאַ האָט איינע פון די ערשטע אין דער סאָוויעטישער ליטעראַטור געגומען — נישט בלויז אין פובליציסטישן, נאָר אויך אין קינסטלערישן זין — שטעלונג צו דעם דאָזיקן געראַנגל. איר ערשט ווערק אויף מלחמה־ און אָקופּאַציע־טעמע איז „Tęcza“ — „דער רעגנבויגן“. ווען מען לייענט אַצינד וואַשילעווסקאַס מלחמה־ראָמאַן „דער רעגנבויגן“, ווו עס ווערט מיט ליידנשאַפט און עקס־פּרעסיע אַרויסגעבראַכט דער מעכטיקער פּאַטריאָטיזם פון דער אוקראַיני־שער פויערטע, דער פּאַטריאָטיזם, וואָס איז שטאַרקער פון דער ליבע צום אייגענעם לעבן, צום אייגענעם קינד, און ווען מען באַקענט זיך מיט די קלע־נערע דערציילונגען פון דער שרייבערין פון יענער צייט, אין וועלכע עס ווערט צווישן אַנדערע געשילדערט מיט אויפריכטיקער ליבשאַפט דער סאָ־וויעטישער ייד אין קאַמף מיטן שונא, מוז מען קומען צום אויספיר, אַז דאָס איז נישט קיין נייע וואַשילעווסקאַ. איר שעפערישער וועג גייט גראַדליניק, אָן זיגזאַגן — פון יענעם ערשטן רעפּאָרטאַזש וועגן דעם לעבן און קאַמף פון פּוילישן שטאָטישן פּראָלעטאַריאַט ביז אירע מלחמה־דערציילונגען.

וואַשילעווסקאַס באַציונג צו די יידישע פּראָבלעמען, צו די יידישע טיפּן, צו יידישער טעמאַטיק דריקט זיך אויס נישט סתם אין השתפכות־הנפש און מיטלייד־געפיל. וואַשילעווסקאַ איז אין דער פּוילישער ליטעראַטור פון 1917—1939 געווען די איינציקע, וואָס האָט אין אירע קינסטלערישע פאַר־צייכענונגען געוויזן אַ געזונטן, האַרעפּאַשנעם, אַרבעטסלוסטיקן און מידה־טובהדיקן ייד. ווען די אַנטיסעמיטישע העצע אין לאַנד איז דערגאַנגען צו די ברוטאַלסטע פאָרמען, צו פּאָגראָמען, האָט זיך די שרייבערין אוועקגע־לאָזט אין אַן אינטערעסאַנטער עקסקורסיע. זאַלבענאַנד מיטן מאַן האָט זי זיך אויף אַ שיפל געלאָזט מיט די וואַסערן פון בוג און דערנאָך מיטן פּרי־פּעט איבער פּאָלעסיע. די פּרוכט פון דער דאָזיקער נסיעה איז געווען אַ ציקל קינסטלערישע רעפּאָרטאַזשן, וועלכע האָבן זיך געדרוקט אין דעם זשורנאַל „וויאַדאָמאָשטשי ליטעראַצקע“. אין די דאָזיקע פאַרצייכענונגען, וועלכע האָבן מיטגעריסן מיט דער אינערלעכער דינאַמיק פון זייער סטיל, מיט דער שפּעדיקייט און זאַפטיקייט פון פּאָלעסיער פּייזאַזש, האָט וואַשילעווסקאַ אַרויסגעפירט טיפּן פון פּאָלעסיער יידן — נייע טיפּן, וואָס זיינען נאָך נישט

געוואַגנדיק באַקאַנט געווען אַפילו אין דער יידישער ליטעראַטור, יידן פון די טיפע דורותדיקע וועלדער, יידן פון די בלאָטעס, יידן פון העט־העט פאַר־וואָרפענע דערפער, יידן סמאָלע־טרייבער און האָלץ־העקער, שמידן און פישער, יידן מיט אייזערנע מוסקולן און קינדערישע אויגן. די שרייבערין געפינט אין זייערע גבורישע געשטאַלטן די שענסטע מענטשלעכע מדות: ליבע צו אַרבעט, מאָראַלישע ריינקייט, גאַסטפריינטלעכקייט, הילפסגרייט־קייט.

פון די געשטאַלטן פון די געזונטע פאַליעסער יידישע אַרבעטס־גבורים פירט אַ גלייכע ליניע — אַן אידעישע און קינסטלערישע — צו די צוויי יידישע געשטאַלטן, וואָס וואַשילעווסקאַ שילדערט אין דער מלחמה־דער־ציילונג „פעלקער־חברותא" און אין דער פאַרציינעכונג „די פרויען אין קאַמף"; דאָס זיינען דער טאַנקיסט פינקעלשטיין פון דער דערציילונג „פעל־קער־חברותא" און די פאַרטיזאַנקע דריימאַן פון דער פאַרצייכענונג „די פרויען אין קאַמף". די דאָזיקע נייע געשטאַלטן זיינען נישט בלויז געזונטע און ערלעכע יידישע מענטשן; די הויפט־מידה פון די פאַליעסער האָרע־פאַשניקעס — די האַרציקע גאַסטפריינטלעכקייט — דערהייבט זיך אין די באַדינגונגען פון דער מלחמה קעגן היטלעריזם צו דער מדרגה פון גרענעצ־לאָזער קרבנות־גרייטקייט. דער הויפט־שטריך פון די פאַליעסער שמידן און סמאָלע־טרייבער — די אַרבעטסלוסט — גייט אַריבער אין די טעג פון דער פאַטערלענדישער מלחמה אין אַן אומגעוויינלעכער גבורה אויפן שלאַכט־פעלד.

אָבער נישט בלויז סוביעקטיוו זיינען די יידישע געשטאַלטן ביי וואַ־שילעווסקאַ אויסגעוואַקסן צו אַ נאָך גרעסערער מאָראַלישער און גבורהשער הויך ווי פריער. עס האָט זיך אַצינד געענדערט דער פאָן פון די אָביעקטיווע געשעענישן, דער באָדן פון דעם סיפור־המעשה. דאָס איז נישט פינסקער געגנט פון 1938, דאָס איז די סאָוועטישע אוקראַינע פון 1942. די שרייבע־רין זעט אַצינד דעם ייד, פונקט ווי דעם אוקראַינער, נישט אַן איזאָלירטן אין זיין טרויעריקן מצב, נישט ווי אַ ציל־ברעט פאַר די פיילן פון צעווילדע־וועטע דם־שונאים, נאָר ווי אַ רינג אין דער אַלגעמיינער מעכטיקער קייט, וואָס שיצט דאָס לאַנד. וואַשילעווסקאַ זעט איצט דעם ייד נישט ווי אַ קעגנ־זאַץ צום אַנטיפאַטישן מיליטערישן קאַלאָניסט אין מערב־ווייסרוסלאַנד, נאָר ווי אַ דערגאַנצנדיקע געשטאַלט אין דער סאָוויעטישער פעלקער־משפחה. די קעגנזייטיקע באַציונגען צווישן די דריי טאַנקיסטן — דעם רוס רוסאַ־קאָוו, דעם אוקראַינער מיקאָלאַ און דעם ייד פינקעלשטיין — זיינען נאַטיר־

לעך און פֿאַרשטענדלעך אין זייער האַרציקער תמימות, אין זייער רירנדי־קער אוממיטלבאַרקייט. אויף אַ דינעם, אײדעלן אופֿן קאַפּט אויף די שרײַבעריך די אייגנאַרטיקע נאַציאָנאַלע כאַראַקטער־שטריכן פֿון איטלעכן פֿון די דרײַ: פּינקעלשטיין האָט אַ נטיה צו טעאָרעטישע באַטראַכטונגען; ער איז אַן אײביקער בעל־בטחון. ער, דער שטאָט־מענטש, ווײַזט אַרויס ממש אַ רירנדיקע בענקשאַפֿט צו נאַטור, צו דאָרף, צו ערד. רוסאַקאָוו בענקט נאָך רו. ער האָט אַ נטיה צו טרוימען, אָבער ער איז אומפֿאַרגלײַכלעך אין קאַמף מיטן שונא. מיקאָלאַ איז אַ שטיק שפּרודלדיקע ענערגיע. ער איז לעבנסלוס־טיק און אימפּולסיוו, האָט ליב געלעכטער און וויל בײַ אַלעמען זיך לערנען. די פֿאַרשיידענע כאַראַקטער־שטריכן און נטיות, דער פֿאַרשידענער גראַד פֿון טעמפּעראַמענט, דער נאַציאָנאַלער אייגנאַרט דינען נישט דערצו, אַז די דרײַ טאַנקיסטן זאָלן זײַן צעטיילט אינערלעך, פֿאַרקערט: זיי דערגאַנצן זיך. איטלעכער פֿון די דרײַ וואָפֿן־חברים לייגט אַרײַן זײַן אייגנאַרט אין דעם בשותפֿותדיקן קאַמף — און אָט אין דעם שטעקט די שטאַרקייט פֿון וואַשילעווסקאַס אויפֿפֿאַסן די פּראָגע. זי שילדערט דעם רוס, דעם ייד, און דעם אוקראַינער הן אין זייער אינטימען שמועס, הן אין זייער טרוים און בענקשאַפֿט; זי שטעלט זיי אויך אַוועק פּנים־אל־פּנים מיטן שונא און ברענגט אַרויס זייער העלדישקייט, וואָס איז אַ פּראָדוקט נישט בלויז פֿון זייערע כאַראַקטערן, נאָר נאָך מער פֿון זייער דערציִונג, פֿון דער אידייע פֿון פֿעלקער־פֿרײַנטשאַפֿט. פּינקעלשטיין און מיקאָלאַ ווערן אין שלאַכט פֿאַרוווּנדעט אין די אויגן, זיי פֿאַרלירן די ראִיה, און דאָך שטייען זיי, בלינדע, בלוט־אָפּגייענדיקע, און באַשיסן אָן אויפֿהער דעם שונא. דער רויט־אַרמייִשער פֿליכט־געפֿיל איז שטאַרקער פֿון אַלץ, פֿון פֿיזישן ווייטיק, פֿון פֿרזענלעכן בראָך. דער צו טעאָרעטישע באַטראַכטונגען גענייגטער פּינקעל־שטיין איז שרעקלאָז אין שלאַכט פּונקט ווי זײַן רוסישער און אוקראַיִנישער חבר.

אויף דער סאַמע העכסטער מאָראַלישער גבֿורהשער מדרגה שטעלט וואַשילעווסקאַ אַוועק די פּאַרטיזאַנקע דרײַמאַן. דאָס איז אַ יידישע פֿרוי פֿון אַן אַנדער סבֿיבֿה ווי פּינקעלשטיין. דאָך איז אַ יידישע פֿויערטע פֿון אַן אוקראַיִנישן דאָרף — איינע פֿון די, וואָס זייערע פּראָטאָטיפּן האָט די שרײַבערין באַמערקט נאָך אין פּאָלעסיע. דאָס איז אַ פּשוטע פֿרוי אָן בילדונג; ווען דער דײַטשער אויספֿאָרשער שטעלט איר אַ ריי פּאָליטישע פֿראַגן, ענטפֿערט זי: „איך בין אַ וויניק באַוווסטזיניקע”, אָבער זי פֿאַרמאָגט אַ פֿלאַ־מיק האַרץ און אַ שטאָלענעם כאַראַקטער. זי גייט אַוועק צו די פּאַרטיזאַנער,

באַטייליקט זיך אין אומצאָליקע אַקציעס, ווערט באַליבט ביי די שלאַכט־חברים, וועלכע רופן זי „מאַטקאַ". אין אַ צייט אַרום שפּירט זי, אַז זי איז מעוברת, זי וויל נישט פאַלן צו לאַסט די פּאַרטיזאַנער, וועלכע לעבן מיט אַן אומרויק לעבן, זי קערט זיך אום אונטער אַן אויסרייד אַהיים, פאַלט אַריין אין די הענט פון די דייטשע אויסוואורפן, ווערט געפּייניקט מיט כל־ערליי עינוים, לעבט איבער דעם טויט פון ניי־געבוירענעם קינד און גיט נישט אויס די חברים; זי ווערט צום טויט פאַרמוטשעט און בלייבט ביזן לעצטן אָטעם־צוג טריי.

וואַנדאַ וואַשילעווסקאַ גיט קיינמאָל נישט קיין אויסגעפּאַנטאַזירטע געשטאַלטן. אירע טיפּן זיינען שטיקער צאַפּלדיק אמתדיק לעבן. סיי פינקעלשטיין, סיי דריימאַן זיינען מענטשן, וועלכע האָבן עקזיסטירט בפועל־ממש; וואַשילעווסקאַ דערהויבט זיי קינסטלעריש, פּאַראַלגעמיינערט די דערשיינונג.

ווען וואַשילעווסקאַ שילדערט יידישע טיפּן, מאַכט זי נישט קיין פרומע מינע .זי טוט עס נישט, כדי איינקויפן זיך ביי עמעצן אין יחוס. דער יידישער טיפּאַזש קומט אַרויס פון אונטער איר פען נאַטירלעך, אַזוי ווי דער פּוילישער, דער אוקראַינישער, דער ווייסרוסישער.

לוציאַן שענוואַלד

די פּוילישע פּראָגרעסיווע שרייבער, וואָס האָבן זיך געפונען אין ראַטנפאַרבאַנד און דאָרט געהאַט אַ מקום־מקלט אין דער גרויל־צייט פון דעם חיהשן היטלעריזם אין פּוילן, האָבן לויטן ביישפּיל פון די סאָוויעטישע פענחברים געוויזן, אַז צווישן זייער געפּריידיקטן וואָרט און זייער פּערזענלעכער האַנדלונג איז נישטאָ קיין סתירה. אַ גרויסער טייל פון די פּוילישע שרייבער פון ראַטנפאַרבאַנד איז אַריינגעטרעטן אין דעם פּויליש־דעמאָקראַטישן מיליטער, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן אויף דער טעריטאָריע פונם סאָוויעטןלאַנד. איינער פון די ערשטע איז געווען לוציאַן שענוואַלד.

לוציאַן שענוואַלד, דער סאַמע טאַלענטירטסטער דיכטער פון דער רעוואָלוציאָנערער שרייבער־גרופּע אין פּוילן, האָט אַדורכגעמאַכט אַ לאַנגן וועג פון אידעיש־קינסטלערישע זוכענישן, ביז ער איז פעסט געבליבן שטיין

אין דער רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור. אָנגעהויבן ווי אַ שיינגייסט, אַ פאָר־מאַליסט, אַ ווירטואָז פון וואָרט און קלאַנג, האָט ער איז די יאָרן פון רעוואָלוציאָנערן אויפבראַוז אַדורכגעמאַכט אַן אינערלעכן קריזיס. פון יענער צייט אָן גייט שענוואַלד מיט אַ גלייכן וועג באַרג אַרויף, מיטן וועג פון אַ דיכטער־קאָמוניסט.

אין זיין רייכן ליטעראַרישן שניט פון די ראַטנפאַרבאַנדישע יאָרן, פון די יאָרן רויטע אַרמיי און פויליש מיליטער, וואָס איז אריינגענומען אין דעם באַנד "Z gościnnej ziemi do Polski" „פון דער גאַסטפריינט־לעכער ערד קיין פוילן", טיילט זיך אויס די פּאָעמע "Umarłej" — „צו דער פאַרשטאָרבענער".

אין יאָר 1936 האָט לוציאַן שענוואַלד פאַרנאָטירט ביי זיך: „דער שרייבער איז נישט איין מענטש. דער שרייבער — דאָס איז אַ גאַנצע משפחה; אַ משפחה מיט גענוג פּליסיקע געשטאַלטן, וועלכע ווערן אָבער צוזאַמענגעהאַלטן ביים לעבן דורך אַ טאָטן פון בלוט און פלייש". די מיסיע פונם שרייבער האָט שענוואַלד דער קאָמוניסט געזען אין זיין שליח־ציבורדיקייט, אין דעם, וואָס ער איז באַרופן צו רעדן נישט וועגן זיך אַליין, נאָר וועגן כלל.

די פּאָעמע „צו דער פאַרשטאָרבענער" איז געשריבן אין ראַטנפאַרבאַנד אויפן וועג צו דער ניי־געשאַפענער פויליש־דעמאָקראַטישער אַרמיי, ווען עס זיינען אָנגעקומען די ערשטע איוב־בשורות וועגן דעם טראַגישן גורל און סוף פון די וואַרשעווער יידן. שענוואַלד האָט אין געטאָ איבערגעלאָזט אַ סך פון זיינע נאָענטסטע און טייערסטע; ער האָט דאָרטן איבערגעלאָזט אַ שטיק פון זיין אייגענעם לעבן, אַ טייל פון זיין געזעלשאַפטלעכן און ליטעראַרישן מיליע. געוויס איז דאָרטן אויך געבליבן איינע פון די וועלכע דער דיכטער האָט באַזונגען אין זיין איבערברוך־ליד „די רעוואָלוציאָנערן", דאָס ליד, וואָס האָט מיט יאָרן צוריק ענדגילטיק באַשטימט די פּאָזיציע פונם פּאָעט, זיין שטעלן זיך אין דער ערשטער ריי פון דעם פּראָלעטאַרישן קאַמף. די פּאָעמע „צו דער פאַרשטאָרבענער" איז אַ געוואַלטיקער האַרץ־געוויין נאָך אַן אומגעקומענעם זייער נאָענטן מענטש. אָבער טריי זיין פּרינציפּ פון דער שליח־ציבורדיקער מיסיע פונם שרייבער, באַשענקט נישט שענוואַלד זיין באַזונגענע העלדין מיט קיין שום אינדיווידועלע שטריכן. פּונקט ווי די רעוואָלוציאָנערין פון דעם אַמאָליקן ליד קומט אויף ווי אַ סינטעטישער כאַראַקטער פון די פּראָלעטאַריש־קעמפערישע פרויען אין אַלטן פוילן, אַזוי טויכט אויף שענוואַלדס מאַרטירערין פון געטאָ ווי אַ סינטעטישער כאַראַקטער. מיט זיין אייגנטימלעכער אינערלעכער ריטמישקייט און

מעלאָדישקייט פון דער שפּראַך, מיטן אינערלעכן פּאַטאָס פונם פּערז, מיט דער פּלאַסטישער בילדערישקייט, מיט אַ געוואַלטיקער ליבשאַפט און בענקשאַפט שטעלט אויף דער דיכטער די געשטאַלט פון דער אומגעקומענער. עס איז נישטאָ קיין גרענעץ צו זיין צער: „און וווהין איך וועל גיין, און וואָס איך וועל נישט טאָן, איך בין פאַרצווייפלט צוליב דיר, פאַרצווייפלט צוליב דיר".

די פּאָעמע באַשטייט פון פיר טיילן: דער ערשטער טייל איז אַ מעכטיקער אויסגוס פון בענקשאַפט־ און וויי־געפילן. אינעם צווייטן טייל פון דער פּאָעמע קומט אויף די וויזיע פון דער העלדינס אומקום. דער דיכטער ווייסט נישט, צי זי האָט אין דער לעצטער רגע פון לעבן גערופן צו אים, אָבער איינס ווייסט ער, אַז זי האָט באַוויזן צו שטאַרבן שטאָלץ — „אַז אין די אויגן דיינע איז געווען דרייסטקייט, אַז מיט די בליקן האָסטו צעטרעטן דעם קריפּל, אַ שיינע, אַ פּיינפולע, אַ צאַרנדיקע און אַ נאַקעטע!".

דאָס איז איינע פון די זעלטענע וויזיעס פון דער יידישער פרוי אינעם אַנבליק פון טויט אין אומקום־לאַגער, צי אין געטאָ. דאָס איז די רעוואָלוציאָנערין אין דעם „יידן־רעזערוואַט" — אַזוי זעט זי שענוואַלד, דער דיכטער־קאָמוניסט. ער זעט זי נישט אין סתם אומקום, נישט אין ירידה, ער זעט זי אין דערהייבונג, אין שטאָלצקייט, אין מאָראַלישער העכערקייט איבערן פאַשיסטישן קריפּל.

אין אַנבליק פון אַזאַ וויזיע זינגט אויס דער דיכטער אַ גרויזאַמע שבועה — דער דריטער טייל פון דער פּאָעמע. אויך אין אָט דער שבועה ברענגט ער נישט צום אויסדרוק בלויז זיך אַליין. עס רעדט דורך זיינע ליידנשאַפטלעכע, שטורעמדיקע שורות די גאַנצע קאָשטשושקאָ־דיוויזיע, אין וועלכער שענוואַלד געפינט זיך, און איינינעם מיט איר — אַלע יידישע, פּוילישע, סאָוויעטישע קעמפער, די שלאַכטלייט פון פּוילישן מיליטער און פון דער רויטער אַרמיי, וועלכע מאַכן־מיט דעם העלדישן וועג פון לענינאָ ביז בערלין. נאָר דעמלט — שווערט דער דיכטער — ווען דער שונא וועט אָועקפאַלן ווי אַ פאַרפוילטער בוים, וועט ער זיין אומשטאַנד אַרויסצוזאָגן איר פולן נאָמען, נאָר דעמלט וועט ער בכוח זיין אויסצוזינגען אַ שטאַרקע, ריינע און לירישע מעלאָדיע.

און צום סוף — דער לעצטער טייל: דער דיכטער־קאָמוניסט קען נישט בלייבן שטעקן רק אינעם נקמה־געפיל. ער גרייכט העכער. ער באַגערט צו שטעלן אַ שענערן דענקמאָל זיין הייס־געליבטער, אומגעקומענער געטאָ־פרוי. דורך פּאַרטיפּטן געדאַנק, דורך געדולדיקער מי, דורך בויען אַ נייע וועלט

— ווײל ער פּאַראַײביקן איר נאָמען, איר אָנדענק, און ערשט דעמלט וועט ער זי זען אַ לעבעדיקע, ערשט דעמלט וועלן אירע אידעאַלן און איר קרבן באַקומען אַ תּיקון.

לײדער האָט שענוואַלד נישט דערלעבט צו אָט דער געגאַרטער רגע, צו דער זכיה פון פרידלעכן, שעפערישן בוי. זײן לעבן איז איבערגעריסן געוואָרן אין אויגוסט 1944, שוין אויפן שוועל פון לאַנד, אין סאַמע בלי פון זײן טאַלענט.

אַנדערע טוען איצט די אַרבעט, וועגן וועלכער ער האָט געטרוימט. אַנדערע פרײנט און מיטקעמפער פונעם דיכטער שטעלן אויף דעם דענקמאָל דער אומגעקומענער העלדין פון געטאָ.

לעאָן קרוטשקאָווסקי

אײנער פון די עיקרדיקע שטריכן פון דער רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור איז דאָס פּראָבלעמאַרטיקע. די רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור שטעלט אַוועק פּראָבלעמען און באַמיט זיך זײ צו לײזן. דער שעפערישער מעטאָד פון דער רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור איז נאָענט צום מעטאָד פון דער סאָוויעטישער, צום מעטאָד פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם — מען דאַרף פאַרשטײן, אַז די פולשטענדיקע, דערפאָלגרײכע אָנווענדונג פונם סאָציאַליסטישן רעאַליזם אין דער קונסט, אין דער ליטעראַטור איז מעגלעך ערשט אין די באַדינגונגען, ווען דער אַרבעטער־קלאַס נעמט איבער די מאַכט. דעמלט האָט שוין די רעוואָלוציאָנערע הומאַניסטישע קולטור, די קולטור פון אַרבעטער־קלאַס, די מעגלעכקײטן זיך צו אַנטוויקלען אין דער ריכטונג צו ווערן די הערשנדיקע. אַזוי דרינגט דער סאָציאַליסטישער רעאַליזם אַצינד אַלץ מער אַרײן אין דער שאַפונג־מעטאָדיק פון די רעוואָלוציאָנער־הומאַניסטישע שרײבער אין פּוילן און אויך בײ אַנדערע שעפער, וועלכע דערנענטערן זיך צו דער נײער ווירקלעכקײט. ממילא ווערן אַלץ דרײסטער און ברײטער געשטעלט פּראָבלעמען אין דער ליטעראַטור, אַלץ ריכטיקער קומען אַרויס די לײזונגען. וואָרעם, באַוואָפנט מיטן מעטאָד פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם, איז דער שרײבער בכוח צו געפינען אַן ענטפער אויף גרונטיקע פּראָבלעמען און אַנצוטרעפן אויף דער געזעצמעסיקײט אין דער גע־

זעלשאַפט, וואָס עפנט אים די אויגן אויף אַ ריי דערשיינונגען, וועלכע ער האָט פריער געזען ווי אַ פאַטום, ווי איינגעבוירן מענטשלעך בייז, ווי אומ־פאַרענדערלעכקייט און אייביקייט, ווי אַ פּראָדוקט פון ביאָלאָגיזם און אַטאַ־וויזם.

איינס פון די פּראָבלעמען, וועלכע קענען אָן דער הילף פון דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם אין דער וויסנשאַפט און פון דעם סאָציאַליסטישן רעאַליזם אין דער קונסט נישט פאַרענטפערט ווערן, איז די פראַגע פון אַנטיסעמיטיזם, פון ראַסן־האַס, פון דער היטלעריסטישע „אידעאָלאָגיע", פון פאַשיזם. אין זיין קאָנקרעטן פּאָליטישן געשטאַלט שטייט איצט דאָס דאָזיקע פּראָבלעם ווי די פראַגע פון דייטשלאַנד און פון די דייטשן. פאַר דער גאַנצער מענטש־הייט, אַזוי גוט ווי פאַרן יידישן פאָלק, איז דאָס נישט בלויז אַ פּראָבלעם, וואָס דאַרף געבן דעם שליסל צו די סיבות פון דער קאַטאַסטראָפע פון די יאָרן 1939—1945, נאָר אויך אַן אַקטועלער ענין, וואָס איז נוגע דער פאַר־זיכערונג פונם שלום אויף להבא און פון וועלכן עס איז אין אַ גרויסער מאָס אָפּהענגיק דער וויטערדיקער גורל פון אונזער פאָלק. דער ערשטער — אין דער פּוילישער ליטעראַטור — האָט זיך פאַרמאָסטן אויף דעם פּראָבלעם לעאָן קרוטשקאָווסקי אין זיין דראַמע „די דייטשן". פון זיינע אַלטע היסטאָ־רישע ראָמאַנען געדענקט מען קרוטשקאָווסקין ווי אַ פּראָבלעמען שרייבער. אין זיין נייער דראַמאַטישער שאַפונג „די דייטשן" ווייזט קרוטשקאָווסקי דורך אַ קווער־שניט פון אַ דייטשער משפחה דעם טיפן מאָראַ־לישן חורבן, וואָס דער פאַשיזם האָט אַריינגעבראַכט אין די נשמות פון די דייטשע מענטשן. דורך שווידערלעכן טעראָר, דורך צעלייגונג פון דער דערציונג, דורך אַרויסרופן די נידעריקסטע אינסטינקטן, דורך משוגענער פּראָפּאַגאַנדע, דורך דערפירן די אַלטע פּרייסישע קאַזאַרמע־דיסציפּלין ביז גולמדיקער אויטאָמאַטישקייט, דורך קאָרופּציע, דורך אויפּפּוישן דעם שאָ־וויניזם — וואָרצלט אויס דער היטלעריזם ביים דורכשניטלעכן דייטש דעם לעצטן צאָפּל פון מענטשלעכקייט, פאַרוואַנדלענדיק כמעט אַלעמען אין מיט־שותפים אינעם פעלקער־מאָרד. אָבער קרוטשקאָווסקי ווייזט איינצייטיק ווי דער פאַשיסטישער מלך מוז אויפפרעסן זיינע אייגענע אויסגעפורעמטע מענטשן־גולמס — אַזאַ איז די לאָגיק פון פאַרברעכן. דאָס היסטעריזירטע דייטשע מיידל רוט פאַלט אַריין צוליב אירע אייגענע משוגעתן און צופעליקע טובות אין קאָנפליקט מיטן רעזשים און קומט אום אין קאָנצלאַגער. און אויב עס איז דאָ אַיין דענקנדיקער מענטש אין דער משפחה, דער אַלטער פּראָפעסאָר זאָנענברוך, וועלכער באַמיט זיך צו פאַרקאָנספּירירן כאָטש זיין

גייסט קעגן דער פאַשיסטישער באַרבאַריי, מוז ערשט קומען די ריזיקע מפּלה פון דייטשלאַנד, אַז ער זאָל קענען אַרויסטרעטן מיט אַ ביסל ווערדע און אויף זיין ליבעראַל־פּראָפעסאָרישן שטייגער פּראָטעסטירן. דער זון זיינער, דער דורך־און־דורך דעמאָראַליזירטער עס־עס־מאַן, בלייבט אַ היטלעריסט און ווערט געדונגען דורך די אַנגלאָזאַקסישע אָקופּאַנטן צו שלאָגן קאָמוניסטן, צו פאַרשווערכן יידישע בית־עלמינס, צו היטן די אינטערעסן פון די קאַרטעלן און טרעסטן, צו וועבן חלומות וועגן רעוואַנזש; און דער אוניווערסיטעט־ווערכער האָפּפע טרוימט וועגן די „אַלטע גוטע צייטן, ווען עס איז געווען היטלער".

בלויז איין פיגור איז קאָנסעקווענט פון אָנהייב ביזן סוף. דאָס איז דער קאָמוניסט יאָאַכים פּעטערס, דער אַנטלאָפענער פון קאָנצלאַגער. דאָ גייט נישט וועגן צאָל, דאָ האַנדלט זיך וועגן עצם־עקזיסטענץ פון דעם דאָזיקן איינציק־מענטשלעכן עלעמענט, דעם עלעמענט, וואָס אויב מען וויל לייזן אַזאַ פּראָבלעם ווי דייטשלאַנד, אויב מען וויל באמת באַשטראָפן און פאַרטיליקן די מלחמה־פאַרברעכער און יידן־מערדער, אויב מען וויל ערנסט אויסוואָרצלען דעם נאַציזם און אַדורכפירן אַ גרינטלעכע איבערקערעניש — איז אָן אים, אָן די פּעטערס, די דאָזיקע זאַך נישט מעגלעך.

אין קרוטשקאָווסקיס דראַמע איז פאַראַן אויך אַ דירעקט־יידישער מאָמענט, אַ כאַראַקטעריסטישער עפּיזאָד — דאָס דערשיסן אַ יידיש יינגל, וואָס איז אַרויסגעקראָכן פון וואַלד, פון באַהעלטעניש, דורך דעם דייטשן זשאַנדאַר האָפּפע. דאָס דאָזיקע קורצע בילד האָט דער מחבר אַרויסגעפירט מיט אַזאַ הימל־שרייענדיקער קראַפט, מיט אַזאַ בולטקייט פון פאַרברעכן, אַז דאָס איז איינע פון די סאַמע אויפשוידערנדיקע סצענעס אין דער דראַמע.

סטאַניסלאַוו וויגאָדזקי

צו דער פּלעיאַדע רעוואָלוציאָנערע שרייבער פון פאַרמלחמהדיקן פּוילן, וועלכע ווירקן היינט ווייטער, געהערט אויך דער דיכטער סטאַניסלאַוו וויגאָדזקי.

סטאַניסלאַוו וויגאָדזקי איז נישט קיין פּנים חדשות אין דער פּוילישער ליטעראַטור. ער האָט זיך שוין לאַנג פאַר דער מלחמה, לאַנג פאַר אונזער

נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע קונה־שם געווען מיט זיין אויפריכטיקער רעוואָ־לוציאָנערער ליריק. וויגאָדזקי האָט געהערט צום רעוואָלוציאָנערן פליגל פון דער פוילישער פּאָעזיע אינעם פעריאָד צווישן די צוויי וועלט־מלחמות, צווישן דעם זיגערישן אָקטאָבער און דעם טראַגישן סעפּטעמבער. אין זיינע אַמאָליקע לידער האָט ער זיך געפונען אונטערן איינפלוס פון פראַנצויזישן רעמבאָ און נישט איינמאָל אַרויסגעבראַכט דעם אייגענעם אויפגעברויזטן געמיט און סאָציאַלע אידייע אונטער דער השפעה פון דעם גאָניאַלן פראַנ־צויזישן דיכטער. די צייט האָט געווירקט אויף וויגאָדזקיס ליד אין דער ריכטונג פון פאַרטיפן דעם לירישן אויסדרוק. דאָס איצטיקע געזאַנג פון סטאַניסלאַוו וויגאָדזקי איז אַרויס מער אויסגעלייטערט, ריינער אין קלאַנג, דירעקטער אין אויסדריקן דאָס געפיל, לירישער, שטאַרקער.

וויגאָדזקי אַלס ייד האָט די יאָרן פון גרויל איבערגעלעבט זייער שווער. ער האָט אַדורכגעמאַכט אַ וועג, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ גרויסן טייל פון זיינע שטאַם־ברידער. געטאָ, אונטערערד, אָשוויענטשים, אומקום פון דער משפחה, דייטשע לאַגערן, עבודת פּרך און לונגען־קראַנקהייט. ווי אַן אמתער דיכטער האָט ער די אַלע עינויים, די פּערזענלעכע און די נאַציאָ־נאַלע אַדורכגעווייטיקט באַזונדערס טיף, נישט בלויז פיזיש, נאָר אויך גייס־טיק. עס איז קאָנטיק אי פון זיינע נייעסטע לידער, אי פון זיינע בכורהשע פּראָזע־אַרבעטן, ווי ער קאָן זיך בשום אופן נישט באַפרייען פון דעם איבער־געלעבטן, ווי עס באַהערשט אים אַלץ נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל דער באַגער צו שרייבן וועגן די דאָזיקע ביישפּיללאָזע איבערלעבונגען פונם יחיד און כּלל. דאָס איז נישט ביי וויגאָדזקין קיין ענין פון דערפילן אַ געוויסן נשמה־חוב, איינמאָל פאַר אַלע מאָל און שוין! עס איז נישט ביי אים קיין זאַך פון שטעלן אַ מצבה און דערמיט אָראָפּוואַרפן פון זיך דעם דרוק פון די גרויליקע איבערלעבונגען, נאָר אַ שטאַרקע כסדרדיקע באַדערפעניש זיך אויסצורעדן, אַן אָרגאַנישער טייל פון זיין געמיט, געפיל און מחשבה. וויגאָדזקיס איצטיק ליד צילט נישט בלויז צו פאַראייביקן אין די הערצער דאָס געדעכעניש פון אומגעקומענעם פאָלק, נאָר אויך צו וואַרפן דער מערבדיקער וועלט דעם שטאַרקן „מעמענטאָ”, דער מוסר השכל פאַר דער קינפטיקער געשיכטע פון דער מענטשהייט.

די גרעסטע מעלות פון סטאַניסלאַוו וויגאָדזקיס נייסטע מאָטיוון זיינען זייער פולשטענדיקע אויפריכטיקייט, אויטענטישקייט פון איבערלעבונגען, קלאָרקייט פון אויסדרוק און דאָס אַבסאָלוטע אידענטיפיצירן אין זיי דעם איך מיטן כּלל. די אָפטע כמעט אויטאָביאָגראַפישקייט פון די מאָטיוון זיינען

אַ סימן פון דער צייט. דאָס איז נישט בלויז די איבערלעבונג פונעם דיכטער. דאָס איז דער טראַגישער לעבן־וועג פון מיליאָנען, פון אַ פאָלק. וויגאָדזקי איז ווייט נישט קיין אינדיווידואַליסט. ער שפּילט זיך נישט מיט זיינע געפילן, ער קאָקעטירט נישט מיט זיינע איבערלעבענישן, ער שטעלט זיי פאַר ווי אַ טייל פון די יסורים פון כלל. ער באַנעמט די שליחות פונעם אָפּגעראַטעוועטן דיכטער, וואָס האָט זיך שוין געפונען אין סאַמע כף־הכלע פון ערב אומקום און איז אַרויס אַ לעבעדיקער, ווי אַן עכטער רעוואָלוציאָנער. ער פּאַסט אויף זיין ליד ווי אַ סך־הכל פון די ווײ־געשרייען פון אַלע אומגעקומענע, פאַרגאַזעוועטע, פאַרשניטענע, ווי אַן אויסדרוק פון געוויין פון זיין, פון אונזער דור. די עינויים און ביטערע דערפאַרונגען האָבן נישט געשטויסן דעם דיכטער צו פאַרצווייפלונג און אַנטוישונג. ער דערשיינט ווידער פאַר אונז ווי אַ סאָציאַלער שעפער, ווי אַ המשך פון יענעם שליאַך, אויף וועלכן דער דיכטער איז אַרויף מיט יאָרן צוריק, פונעם שליאַך פון אַ רעוואָלוציאָנערער, וועלט־ און מענטש־איבערבויערישער פּאָעזיע.

„דורך דעם אייגענעם ווייטיק און דורך דער אייגענער פּיין דרינגט זיך אַדורך מיין ליד און וואַקסט אָן, און ווי אויף דעם וואָרעמען אַש פון שטאָט לייג איך אַרויף מיין האַנט אויפן האַרץ, אָבער אַ דערשראָקענע וועט זי זיך נישט צוריקכאַפּן, און וועט אויסדויערן ביזן סוף, די פּאַמעלעכע און פּיינפולע סטראָפע, אין וועלכער עס איז דאָ מיין טאַטער און די מוטער”. מיט אָט דער פאַרזיכערונג הויבט אָן וויגאָדזקי איינס פון זיינע געזאַנגען, און ער פאַרענדיקט דאָס ליד: „און אויסדויערן, אויסדויערן מיט די רעשטלעך פון די כוחות, און געדענקען אַלץ דעם ריזיקן פאַרנעם, און דאָס אייגענע לאַנד און די שטוב, און דעם פּאָגראָם, און די אייגענע טאַטער, און די מוטער מיינע”.

געדעכעניש און דרייסטקייט, זכרון פון דעם פאַרגעקומענעם און געוואַגטקייט אַריינצוקוקן דעם אמת אין פּנים אַריין, אויפדעקן אַלץ — אָט די צוויי שטריכן כאַראַקטעריזירן וויגאָדזקיס דיכטונג פון דעם נייסטן עטאַפּ פון זיין שאַפונג. עס איז אַ דיכטונג, אין וועלכער דער לייענער, בפרט דער יידישער, וועט געפינען דאָס געוויין פון אייגענעם האַרץ און וועט נאָכאַמאָל איבערלעבן דעם אומפאַרגעסלעכן רושם פונעם שוידער. דאָס איז אָבער נישט קיין קינה־פּאָעזיע פון פאַרצווייפלונג. די לידער פאַרמאָגן נישט בלויז אַקאָרדן, וואָס וועקן צו ווידערגעבורט, זיי זיינען נישט בלויז דורכגעדרונגען מיט אַן אינערלעכער פאַרביסנקייט אויסצודויערן, נאָר זיי פאַראַנקערן אין

דער אידייע פון באַזיגן דאָס שלעכטס און פון אויפבויען אַ נייע וועלט אָן געטאָס, אָשוויענטשימס און ראַסן־האַס.

סטאַניסלאַוו וויגאָדזקי האָט אויף אַ האַרמאָנישן אופן צונויפגעגאָסן זיין יידיש געמיט מיטן פוילן פּאָעטישן קלאַנג און מיטן אַלמענטשלעכן רעוואָלוציאָנערן געפיל. ער רעדט נישט וועגן דער בלוט־טריפנדיקער פאַר־גאַנגענהייט פון יידישן ציבור ווי אַ מיטפילנדיקער אָבסערוואַטאָר. אויב איר ווילט, איז זיין לידער־ציקל „Pamiętnik miłości", — „דאָס גע־דענק־בוך פון ליבע" אינהאַלטלעך אַ קייט קורצע שילדערונגען פון דעם גורל פונעם ייד אין די גרויליקע אומקום־יאָרן. צוערשט: די נאָענטסטע, די עלטערן, דער טאַטע, וועלכער האָט ליב געהאַט צו לייענען סיי וועלטלעכע לעקטור, ווי פאָל דע קרויף, סיי יידישע — חיים־נחמן ביאַליקן; די מוטער, די צוויי ברידער, די פרוי, — אַלע געפינען זיך אין איין נאָמענלאָזן קבר, אין אָשוויענטשים (די לידער: „דעם טאַטן", „צו דער מאַמען", „דאַטעס" און אַנד.). דער דיכטער זאָגט מיט ביטערניש, אַז זיינע פערזן שאַפן אַ ביאָ־גראַפיע, אַ מאָדנע ביאָגראַפיע, ער אַליין איז „דער ביאָגראַף פון שטילקייט און פּאָגראָם, פון אויסגעשטאָרבענע גאַסן און פוסטענישן און פונעם וויכער, וואָס האָט ביינאַכט אַ ווייע געטאָן איבער די חורבות פון מיין שטוב". ער גיט זיך אָפּ אַ דין וחשבון, אַז זיין ליד וועט זיין איצט ביטער ווי גאַל, ווייל דער דיכטער פון אומקום דערשיינט ווי „דער בעל־פּנקס פון מענטש, שיך, קליידער נאָך מיינע פאַרברענטע און נאָך דיינע"... („ביאָגראַפיע").

אַמאָל אין אַ דיסקוסיע האָט אַ חבר געשטעלט אַ פּראָבלעם: צי איז מעגלעך אַ טויטן־לאַגער־ליריק, אַ קרעמאַטאָריע־פּאָעזיע? וויגאָדזקי האָט באַ־וויזן, אַז דאָס איז מעגלעך, אָבער ביי איין תנאי: ווען דער אומקום־דיכטער דערזעט טראָץ אַלעמען דאָס מענטשלעכע, ווען ער פילט דאָס האַרץ פון די טויט־פאַרמשפּטע, ווען ער איז באַהערשט נישט בלויז מיט האַס צום שונא, נאָר אייגנצייטיק מיט ליבשאַפט צו די פאַרמשפּטע. וויגאָדזקי דער־בליקט טאַקע דעם מענטש, זיינע חלומות דורך די פלאַמען פונם קרעמאַ־טאָריום־פייער, ער איז פול מיט ליבשאַפט צום מענטשן אַפילו אין אָנבליק פון דער מיתה־משונה, פון וועלכן מען קען נאָר אַראָפּגיין פון זינען. אַ גרויסע צאָל פון די לידער פונם „געדענק־בוך פון ליבע" איז געווידמעט זיין אומ־געקומענעם טעכטערל. אָבער דער צעווייטיקטער טאַטע, דער דיכטער, דער־הויבט זיך העכער איבערן פּערזענלעכן אומגליק. דאָס בילד פון פאַרברענטן טייער־נאָענטן קינדישן גופל צעוואַקסט זיך אין אַ וויזיע פון דעם ריזיקן לעגיאָן יידישע קינדער, אין אַ סינטעטיש בילד פון יידישן קינד — ער

ווידמעט אים, דעם יידישן קינד, איינס פון די שענסטע לירישסטע לידער פון דער זאַמלונג; אַלע יידישע קינדערלעך, אַלע פון אונגאַרן, טשעכיע, ליטע און פוילן, און לעטלאַנד, אַלע זיינען זיינע, דעם פּאָעטס פייגעלעך, און ער קען זיך בשום אופן נישט פאַרשטעלן, אַז די דאָזיקע לענדער פון מזרח־ און מיטל־אייראָפּע זאָלן מער נישט באַהנט זיין מיטן שמעקעוודיקן שמייכל פון די משהלעך און שלמהלעך, וועלכע זיינען איבערגעענטפערט געוואָרן צו דער שחיטה.

ווייטער גייען לידער, געשריבענע אינם אָשוויענטשימער לאַגער, לידער פון פיינלעכע התבודדות און לידער פון צוריקקער, ביז מיר קומען צו צו אַ נייעם מין לידער, צו דער צווייטער זייט פון וויגאַדזקיס געמיט. דאָס ליד „שוואַרץ־נביאישע געמען״, ווו עס קומט אויף אַ צאַרן־קינה נאָכן טויט פון דער יידישער טאָכטער, פון רחל, שולמית און רבקה, פון מלכה, חנה און אסתר, און רות, איז שוין פון אַן אַנדערן מין. אין אים אַנטפּלעקט זיך דער אומבויגזאַמער באַגער פונעם דיכטער צו ווידערגעבורט. דאָס ליד רופט צו תחית־המתים, צו ווידעראויפשטיין צום לעבן — פון די געטאָס, לאַגערן און אויפשטאַנדן, פון די אַשן און גאַזן. די לידער פון ווידערגעבורט, וועלכע אָטעמען נאָך אַלץ מיט פיין און צער, אָבער גיבן אַן אויסבליק, פאַראַנקערן אין דער אינטערנאַציאָנאַליסטישער אידייע פונם פּאָעט. דאָס בילד פון דער גרויסער מאַרטירערין, פון דער יידישער מאַמע פאַרוואַנדלט זיך אין אַ בריי־טערער וויזיע, — אַ מאַמע איז חנה, אַ מאַמע איז קאַטיושא און אַ מאַמע איז מאַריאַ. און דער זיג איז אויסגעשמידט געוואָרן אויף אַלע פראָנטן פון דער פרייהייט־ליבנדיקער מענטשהייט. אומעטום האָט זיך געצויגן דער ליידן־וועג פון דער מענטש — הינטער דעם פוילישן קוטנאָ,ביים פראַנ־צויזישן רי דע פּאָבור, הינטערן רוסישן באַברויסק און אויף דער יידישער שליסקע־גאַס („אַ תפילה״). און ווען דער דיכטער ווענדט דאָס פּנים צו דער צוקונפט, פילט ער ווי זיין האַרץ באַשטייט פונעם אַש פון מאַרטירער פון פאַרשידענע נאַציעס — פון יידן, פּאָליאַקן, רוסן און גריכן („צום קינד־טיקן״).

„דאָס געדענק־בוך פון ליבע״ איז אַ רירנדיקער לירישער דענקמאָל נאָך די טראַגיש־פאַרשניטענע מאַמעס און קינדער אונזערע. עס איז אַ הימן צו דער שיינקייט און נשמה־לויטערקייט פון יידישן קינד, צו דער גוטסקייט און שטאַרקייט פון דער יידישער מאַמע. עס איז אין אַ נישט ווייניקער מאָס אַ געזאַנג צו פעלקער־פאַרברידערונג, געשריבן דורך אַ פּאָעט, וואָס זיין וועלט־באַנעם איז דורכאויס רעוואָלוציאָנער און זיין געמיט איז טראָגט אַלע

איוב־נסיונות פון גורל נישט צעבראָכן, נאָר גליט אויף מיט אַ פרישן פייער פון קאַמף־גרייטקייט פאַר אַ נייער וועלט.

סטאַניסלאַוו וויגאָדזקי איז נאָך דער באַפרייאונג דערשינען אויך אין אַ נייער שעפערישער געשטאַלט — ווי אַ פראָזע־שרייבער. בעיקר האָבן געמאַכט אַ רושם זיינע צוויי פראָזע־אַרבעטן: „Stopnie nienawiści“ — „די שטאַפלען פון האַס“ און „Czy napiszę powieść?“ — „צי וועל איך אָנשרייבן אַ דערציילונג?“.

דער נאָמען פון דעם צווייטן חיבור איז כאַראַקטעריסטיש: וויגאָדזקי איז אַמאָל געווען באַקאַנט נאָר ווי אַ דיכטער, טיילווייז ווי אַ פובליציסט און ווי אַ ליטעראַטור־קענער (בפרט פון דער לינקער דייטשער ליטעראַטור). די פראַגע — צי וועל איך אָנשרייבן אַ דערציילונג — איז, דוכט זיך, אַ רעטאָרישע. וויגאָדזקי ווייזט אויף, אַז דאָס לעבן אַליין פאַרמאָגט אַזוי פיל דראַמאַטישן שטאָף, מענטשלעכע געפאַלנקייט און מענטשלעכע דערהויבנקייט, אַז שוין דאָס בלויזע ערלעכע באַשרייבן געשעענישן פאַרוואַנדלט זיך אין אַן עכטער דערציילונג, אין אַ שטיק קונסט. וויגאָדזקיס פראָזע געהערט נישט צו דער קאַטעגאָריע פאַרענדיקטע, אויסגעטאָקטע, שלימות־דיקע קינסטלערישע ווערק, אָבער די אויטענטישקייט פון די מאָטיוון, די פלאַסטישקייט און וואָרהאַפטיקייט פון די געשטאַלטן, דער נאַטירלעך־פליסנדיקער דיאַלאָג, און בעיקר דער גרויסער אָביעקטיווער אמת, דאָס אַלץ, וואָס שאַפט צוזאַמען אַ רעאַליסטישע שילדערונג, ווירקן אַזוי שטאַרק און פריש, אַז עס פאַרשווינדט דער קליינער קינסטלערישער בלויז, וואָס טיילט נאָך אָפ די דאָזיקע פראָזע־אַרבעטן פון עכטער קונסט.

„די שטאַפלען פון האַס“ זיינען נוגע אַ זייער וויטיקלעכן פראָבלעם פון יידישן פאָלק — די צווישנבאַציאונגען פון מערב־ייד, פונם דייטש־שווייצאַרישן יאַהודי און דעם אמת־פאָלקסטימלעכן ייד, דעם מזרח־אייראָפעישן; און נאָך איין פראָבלעם, וועלכער איז אין גרונט גענומען נישט קיין אויסשליסלעך יידישער — דער טראַגישער, פאַרפירערישער, אומגליקלעכער אומגלויבן פון דער מערב־וועלט, יידישער און נישט־יידישער, אין די גרויליקע גרוסן וועגן די היטלעריסטישע מעשים־תעתועים איבער יידן אין די אָקופירטע לענדער. וויגאָדזקיס אַרויסטריט האָט, טויזנט מאָל צום באַדויערן, אַן אַקטועלן באַדייט ביזן היינטיקן טאָג. דער שווייצאַרישער יאַהודי, דער וווילהאָבנדיקער פלוטאָקראַט, וועלכן עס בינדט מיט דער יידישקייט דער איינמאָל־יאָריקער וויזיט ערב יום־כיפור אין דער סינאַגאָגע, פריי׳ן מ.

שרייט אויס אַן אויפגערעגטער, הערנדיק די אַלאַרם־ידיעות פון דעם „אָסט־יודע" הענריק:

—איך קען עס שוין. שוין פון אַ סך טעג דערציילן מיר פאַרשידענע מענטשן די דאָזיקע בבא־מעשיות... די דאָזיקע נישט־געשטויגענע געשיכטעס!".

אינעם ביכער־שראַנק פון פריץ מ. שטייען די ווערק פון הערצל, זאַנגוויל, בובער, היינע. פריץ מ. האָט אַ „סענטימענט פאַר יידישקייט", אָבער ער האָט צוטרוי צו זיין אייגענער לאָגיק, צו זיינע אַקציעס, וואָס שטעקן אין דייטשע אונטערנעמונגען, צו דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג און ער שרייט ווייטער אַז אומבויגזאַמער אין זיין טעמפּקייט, קליינקעפּלדיקייט און טפשות:

—זי ערציילען מיר יאָ אָבער שיינע ראובער־געשיכטן!

וויגאָדזקי איז מיט די „אָסט־יודען", קעגן די אָפּגעפרעמדטע פון פאָלק, אַרויסגעריסענע פון שורש, קאָסמאָפּאָליטיש־פּלוטאָקראַטישע מערבֿ־יאַהודים. ער דערזעט אַ טייל פון דער שולד פאַר אונזער אומגליק אין דעם פאַרברעכערישן אומצוטרוי פון די לעצטע, און ווי אַ מאַרקסיסט זוכט וויגאָדזקי די וואָרצלען פון זייער גלייכגילט אין זייער צונויפוווקס מיטן פינאַנס־קאַפּיטאַל פון די אָרומיקע פעלקער, דערונטער מיטן פינאַנס־קאַפּיטאַל פון דייטשלאַנד גופא.

די צווייטע פּראָזע־אַרבעט אויף אַ יידישער טעמע „צי וועל איך אָנשרייבן אַ דערציילונג" אַנטפּלעקט די צווייטע זייט פון דער געטאָ־ און אָקופּאַציע־ווירקלעכקייט — דעם ווידערשטאַנד קעגן דעם היטלעריסטישן אָקופּאַנט און פּאַרטיליקער.

דאָס איז די געשיכטע פון אויפקום פון דער יידישער קאַמף־באַוועגונג אין אַ גרויסער שטאָט פון זאַגלעמביע. דאָס איז כמעט אַ כראָניק פון אַ גרויסער טראַגישער צייט. פון איין זייט — דער „יידישער קעניג" פון די אויבער־שלעזישע געטאָס, דער טרויעריק באַרימטער מערין, דער מיטאַרבעטער פון אָקופּאַנט, דער מיטשולדיקער אין די גירושים און פּאַרטיליקונגען. פון דער צווייטער זייט — אַ גרופּע קאָמוניסטן, די שטילע העלדן פון יידישן ווידערשטאַנד: בלומענפרוכט, גרויבאַרד, גראָסמאַן, רוזשאַ לוסטיק. און אינײַנעם מיט זיי: דער אַלטער פּוילישער קאָמוניסט וואָוזשיניעץ, וועלכער ברעכט אַדורך די געטאָ־מויער און פאַרבינדט די איזאָלירטע מיט דער קעמפערישער אונטערערד.

מערין פריידיקט: „אַרבעט וועט ראַטעווען". די ווידערשטאַנדלער גוצן אויס די געטאָ ווי אַ צענטער פון קאָנספּיראַטיווער טעטיקייט, ווי אַ קוזשניע פון אַנטיפאַשיסטישער פּראָפּאַגאַנדע. און אין מיטן: דער אינזשעניער פ., דער זעלביקער, וועלכער האָט אַמאָל אויסגעדריקט זיין גלויבן, אַז דייטשלאַנד וועט פאַרכאַפּן דעם אוראַל, אַצינד, ווען אויך זיין עקזיסטענץ איז באַדראָט, זוכט ער פאַרבינדונגען מיט דער אונטערערד, מיטן וואַלד — אָבער עס איז צו שפּעט.

סטאַניסלאַוו וויגאָדזקי האָט מיט דער דאָזיקער פּראָזע־אַרבעט אויפגעטאָן אַ וויכטיקע זאַך — ער האָט אויפגעדעקט פאַרן פּוילישן לייענער אַ בלאַט הערכאָיק פון דער יידישער פּראָלעטאַרישער יוגנט. מיט שטילן פּאַטאָס, אין לחלוטין נישט פּרעטענציעזע טענער, מיט אַ רואיקער פּשטות שילדערט וויגאָדזקי דעם העלדישן מאַרטירער־אומקום פון דער יונגינקער רוזשאַ לוסטיק, פון אַט דער זאַגלעמביער זאָיאַ. „איך ווייס נישט — באַמערקט דער מחבר, — ווו עס איז אומגעקומען דער חבר גראָסמאַן, אָבער איך בין זיכער, אַז יעטווידן וויטיק און יעטווידע יסורים האָט ער אויפגענומען ווי אַן אַפּאָסטאָל; וואָס שטאַרקער עס האָט אים געשלאָגן דאָס לעבן, אַלץ אַ שענערע צוקונפט האָט ער געזען".

אין דעם געמיינזאַמען קאַמף פון פּוילישן רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער וואָוזשיניעץ מיט די גראָסמאַנס און לוסטיקס זעט סטאַניסלאַוו וויגאָדזקי די באַגייסטערדיקע אידייע פון דער קינפטיקער וועלט.

* * *

אונטערפירנדיק אַ סך־הכל פון די אַלע אויבן אַנאַליזירטע ווערק קאָן מען מאַכן דעם פאָלגנדיקן אויספיר: פונקט ווי אין אַלע אַנדערע טעמעס, אַזוי אויך אין יידישע מאָטיוון קאָן די פּוילישע רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור דינען ווי אַן אידעאישער וועגווייזער.

דאָס יידישע פּראָבלעם איז ביי די פּויליש־רעוואָלוציאָנערע שרייבער אַן אָרגאַנישער טייל פון דער גאַנצער פּראָבלעמאַטיק, וועלכע זיי באַהאַנדלען.

די אונטערערדישע ליטעראַטור

צו דער אונטערערדישער ליטעראַטור פאַרעכענען מיר די ווערק, וואָס זיינען נישט בלויז געשאַפן געוואָרן אין קאָנספּיראַציע אין דער אָקופּאַציע־צייט, נאָר וואָס זיינען דעמלט פאַרעפנטלעכט געוואָרן אונטער פּסעוודאָני־מען, אָדער אָן דעם נאָמען פונעם אויטאָר אין די אומלעגאַלע, אַנטיהיטלע־ריסטישע, פּאַטריאָטישע אויסגאַבעס. אַזוי אַרום ווען אין דעם דאָזיקן קאַ־פּיטל נישט באַהאַנדלט ווערן די חיבורים פון אַנדזשעיעווסקי, בראָשקעוויטש, אַטווינאָווסקי און אַנדערע, וועלכע האָבן געשריבן אין דער מלחמה־צייט אין די אָקופּירטע שטעט — זיי האָבן אָבער זייערע שאַפונגען נישט פאַר־עפנטלעכט דעמלט, אין די אונטערערדישע זשורנאַלן, און שפּעטער, נאָך דער באַפרייונג, האָבן זיי די ווערק דערגאַנצט, אויסרעדאַגירט, געענדערט. די ווערק פון אַנדזשעיעווסקי, בראָשקעוויטש, אַטוויאָווסקי און אַנדערע — הגם זיי דריקן אויס די שטאַנדפּונקטן און געפילן פון די מחברים און פון אַנטשפּרעכיקע פּוילישע שיכטן פון דער אָקופּאַציע־צייט — האָבן אָבער באַווירקט דעם לייענער איצט, אין אונזער קעגנוואַרט, בעת די אונטער־ערדישע ליטעראַטור האָט באַווירקט דעם לייענער דעמלט, אין דער דירעקט־גרויזאַמער צייט פון געטאָ און אומקום. חוץ דעם זיינען די שאַפונגען פון דער אונטערערדישער ליטעראַטור אוממיטלבאַרע, אויטענטישע דאָקומענטן, און פאַרמאָגן אַזוי אַרום — אויסער דעם מאָראַליש־אידעיִשן און קינסט־לערישן באַטייט — אויך אַ דאָקומענטאַליש־היסטאָרישע ווערט. דעריבער וועלן זיי באַטראַכט ווערן באַזונדער.

„Z OTCHŁANI"

אַ באַזונדערע ראָל האָט אָפּגעשפּילט די אומלעגאַלע זאַמלונג „ז אָט־כלאַני" — „פון כף־הקלע", וואָס איז אַרויס אין דער פּוילישער אונטערערד

אין יאָר 1944, ווי אַ ליטעראַרישער דאָקומענט פון דער באַציונג פונעם פּראָגרעסיוון פּוילישן דיכטער צו די געשעענישן אין וואַרשעווער געטאָ, צו די יידישע ליידן און צום יידישן אויפשטאַנד. דער געדאַנק פון אַזאַ זאַמלונג איז געבוירן געוואָרן איינצייטיק אין די קרייזן פון די יידישע אומלעגאַלע טוער אויף דער „אַרישער" זייט און ביי די פּוילישע פּראָגרעסיווע שרייבער. עס האָבן זיך באַטייליקט אין דער זאַמלונג: מיעטשיסלאַוו יאַסטרון, טשעסלאַוו מילאָש, יאַן קאָט און טאַדעוש סאַרנעצקי. עס איז קלאָר, אַז די נעמען פון די אויטאָרן זיינען נישט אָנגעגעבן געוואָרן; סאַרנעצקי האָט זיין פּאָעמע פאַרעפנטלעכט אונטערן פּסעוודאָ „יאַן וואַידעלאָטאַ".

מיעטשיסלאַוו יאַסטרון

אין די פינף לידער, וואָס האָט אין דער זאַמלונג געגעבן מיעטשיסלאַוו יאַסטרון, און אין נאָך דריי פּאָעטישע שאַפונגען זיינע, וועלכע ער האָט אָנגעשריבן אויך אין יענער צייט, קומען צום אויסדרוק די צווי גרונט־געפילן פון דעם דאָזיקן אָנגעזעענעם פּוילישן דיכטער: ווייַ און מוט, קינה און האָפנונג. יאַסטרונס שורה איז ביטער און שאַרף, צאָרנדיק און גאַליק. נישטאָ קיין ווייכקייט אין זיין ליד, און עס קען נישט זיין — דער דירעקטער איינדרוק און דער אוממיטלבאַרער באַריר מיט דער גרויזאַמקייט זיינען אַזוי דערשיטערנדיק, אַז דאָס לירישע קען זיך נישט אַנטפּלעקן. יאַסטרונס לידער זיינען אויך נישט קיין עפּיק — ער פילט זיך אַליין צופיל ווי אַן אָרגאַנישער טייל פון דעם קרבן, ער זאָל קענען תיכף באַשרייבן, ער זאָל גלייך האָבן די נויטיקע פּערספּעקטיוו. עס רייסן זיך אַרויס פון אונטער זיין פּען טענער פון געוויין, פון פאַרביטערונג, אַפילו פון פאַרצווייפלונג. ער זעט אין דעם קרבן אַ „היימלאָזן הויפן פון אַש"; ער רופט אויס, אַז „די, וואָס זיינען געשטאַנען פאַר דער וואַנט פון געוויין, וועלן זי שוין מער נישט זען"; ער פאַרשטייט נישט אין דער ערשטער רגע פון צאָרן דעם זין פון דעם יידישן אומקום — „די קריסטן, וואָס זיינען געוואָרפן געוואָרן צו די לייבן, האָבן געוווסט, פאַר וואָס זיי שטאַרבן! און איר?". ער באַטאָנט די גרויזאַמקייט און די טראַגישקייט פון דעם איינזאַמען טויט (די לידער: „די לויה", „אויף די חורבות", „* * *"). יאָ, ער בינדט אָן אויך אינעם יידישן

ווידערשטאַנד, הגם זייער דיסקרעט, נישט אָנרופנדיק די זאַך ביים נאָמען, אָבער דער דאָזיקער ווידערשטאַנד אַסאָציאירט זיך אין זיין דמיון מיטן פּאָרויס־פאַרמשפּטן, מיטן פאָרויס־דורכגעפאַלענעם העלדישן אויפטו פון מלך שאול, וועלכן די צוקונפט־פאָרויסזאָגער, די נביאים, האָבן דערקלערט, אַז זיין פאַלן איז אומפאַרמיידלעך („דאָס געזאַנג פון יידישן ייִנגל”).

און דאָך מוז דער דיכטער פעסטשטעלן, אַז מיטן סוף פון אַזוי פיל קרבנות איז נישט געקומען דער קץ פון דער וועלט. נישט געקוקט אויף דער גאַנצער גרויזאַמקייט פונעם פאַקט, וואָס נאָכן אומדערהערטן חורבן גייט נאָך אויף די זון, זינגט דער פויגל און עס בליט דער בוים, טאָר מען פאָרט זיך נישט אַראָפּלאָזן אין תהום פון אַלץ־פאַרלייקענונג; נישט געקוקט אויף אַלע איבערלעבונגען — „וועל איך זיך נישט בויגן אַקעגן דעם שוידער” („די האַנט, פון אונטער וועלכער עס איז אַנטלאָפן דער טויט”). דער דיכטער ווייסט, אַז עס מוז קומען די דערוואַכונג צום לעבן; זי וועט קומען שווער, מיט ווייטיק, און פונדעסטוועגן — „נישט צום איבערטראָגן איז דאָס געדעכעניש... און דאָך מוז מען עס איבערטראָגן; נישט צום איבערטראָגן איז דער טויט פון די נאָענטסטע, נישט צום איבערטראָגן איז דאָס מסכים זיין אויפן ווייטיק און אומקום... און אויך דאָס קען מען איבערטראָגן... איך קער אַוועק דאָס פּנים פון דער נאַכט פון אונזער איינזאַמקייט, כדי אָפּצוגעפינען אַ פול קול אין די צעריסענע קלאַנגען”...

מיעטשיסלאַוו יאַסטרון איז פאַר דער מלחמה נישט געווען דער דיכטער פון ענדגילטיקן געפינען, פון דערגרייכטן ציל, פון דער רעאַליזירטער, אויסגעקעמפטער שטרעבונג. ער איז גיכער געווען דער פּאָעט פון דער שטרעבונג גופא, פון דעם שווערן, פיינפולן געראַנגל פאַרן ציל. דעריבער איז זיין טאָן אַ שווערמוטיקער, זיין בילד אַ טראַגישס, זיין סטיל אַ דראַמאַטיש־אָנגעלאָדענער. דער דאָזיקער נוסח זיינער שפּיגלט זיך נאָך טיילווייז אָפּ אויך אין די געטאָ־ און אָקופּאַציע־מאָטיוון. צו דעם אַלגעמיינעם סטיל זיינעם זיינען נאָך צוגעקומען די אייגענע, שווערע, טראַגישע איבערלעבונגען. יאַסטרונס יידישע מאָטיוון זיינען פול מיט טראַגישן באַוווסטזיין, אָבער דורך אָט דער טראַגיק רייסט זיך אַדורך די שפּירונג פון דערוואַכונג, און אויך אָט די שפּירונג קומט אויף פול מיט ווייטיק, פול מיט אויסדרוק פון אָביעקטיווער און סוביעקטיווער פּיין. עס האָט זעלטן ווער אין יענער צייט, אין דער פּוילישער דיכטונג, אַרויסגעבראַכט אַזוי אמתדיק און טיף די שווערע ליידן פון מענטשלעכער ווידערגעבורט פונעם לעבן־געבליבענעם אָקופּאַציע־קרבן, ווי מיעטשיסלאַוו יאַסטרון.

טשעסלאַוו מילאָש

אַ פולשטענדיקע סטיליסטישע קעגנזאַץ צו יאַסטרונס פּאָעטישן נוסח איז דאָס ליד פון טשעסלאַוו מילאָש אין דער זעלביקער זאַמלונג. דאָס ליד, וואָס טראָגט דעם נאָמען „קאַמפּאָ די פיאָרי". קאַמפּאָ די פיאָרי איז אַ פּלאַץ אין רוים, וווּ עס איז אויף אַ שייטער־הויפן פאַרברענט געוואָרן לעבעדיקער־הייט דער פרייער גייסט דזשאָרדאַנאָ ברונאָ. מילאָשעס פּערז איז קורץ און קלינגעוודיק, אַפילו שפּילעוודיק; זיין סטיל איז נישט רעפלעקסיוו, נאָר אויסשליסלעך בילדעריש. ער אָפּערירט מיט צוויי גרונט־בילדער: די גלייכגילטיקייט פון המון, פאַר וועלכן דזשאָרדאַנאָ ברונאָ איז זיך מקריב, לגבי דעם קרבן; און — אַן ענלעכע דערשיינונג אין וואַרשע, אין די טעג, ווען עס האָט געברענט און געקעמפט דאָס געטאָ. אָבער פּונקט ווי ברונאָס אידייען — נישט פאַרשטאַנענע און איינזאַמע אין זייער צייט — האָבן שפּעטער, נאָך דורות טריומפירט, אַזוי וועט דער קרבן פון די געטאָ־יסורים און פונם געטאָ־אויפשטאַנד אין יאָרן אַרום באַפרוכפּערן די מרידה פון פאָלק פאַר אַ בעסערער וועלט. דאָס איז דער הויפּט־געדאַנק פונם ליד, דער הויפּט־געדאַנק, וואָס קלינגט ווי אַ נביאות און וואָס געפינט אַ העכערן זין פאַרן יידישן גבורה־אַקט. מילאָש זעט אינעם געטאָ־אויפשטאַנד נישט קיין אומזיסטן קרבן, נאָר אַ קערן פון קינפטיקע באַפרייערישע נצחונות. דאָס איז איינער פון די קאַמפן פאַר דער באַפרייונג פון דער מענטשהייט. אַדאַנק דעם שפּילעוודיקן און בילדערישן סטיל פון דעם ליד קומט אַרויס דער דאָזיקער געדאַנק — נישט געקוקט אויף די גרויל־בילדער — פּלאַסטיש און ווירקט אָפּטימיסטיש; אין העכערן, וועלט־באַנעמענדיקן זין פון דעם באַגריף אָפּטימיזם. אַדאַנק דעם קלינגט דאָס ליד ווי אַ טרייסט פאַרן קרבן, פאַר וועלכן עס שטייט אויף אַ וויזיע פון דעם היסטאָרישן־סאָציאַלן זין פון זיינע ליידן און קאַמף.

יאַן קאָט

דעם אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ איז געווידמעט דאָס ליד פונם דריטן אָנטיילנעמער פון דער פריער־דערמאָנטער זאַמלונג — „די פאַרטייזאַנער פון געטאָ" פון יאַן קאָט. דער דאָזיקער מחבר, וואָס איז אויסגעוואַקסן

שרייבעריש אין דער אָקופּאַציע־צייט און האָט שוין דעמלט פאַרנומען א
אַנטיפאשיסטישע שטעלונג, שלאָגט אָן אין זיין אָדע־ליד צו די געטאָ־
קעמפער אין באַגרינדעטע פּאָליטישע טענער. נאָך דעם ווי דער פּאָעט
דריקט אויס זיין פארערונג פאַר דער געטאָ־אונטערערד, וועלכע האָט „לי־
בערשט געוואָלט פאַלן אין חורבות, איידער א לעבעדיקע לאָזן, אז אירע
שטיינער זאָל טאָפּטשען דער שונא"; נאָך דעם, ווי ער רופט אויס: „איך
געדענק, כ'האָב געקענט דיין שטאָלצן בליק, פויסט און באַגנעט קעגן
טאַנקען!" — צאָרנט ער אויף מיט ביטערניש צו דעם טייל פון דער פוילישער
אונטערערד, וועלכער זאָגט: „ס'איז נאָך נישט געקומען די צייט!" די ערשטע,
וואָס האָבן איבערגעריסן די אומהיימלעכע שטילקייט, איז די קעמפנדיקע
שטאָט פון די טויטע, דאָס געטאָ, „און דו — ווארפט דער דיכטער זיין בי־
טערע טענה צו דעם לאָנדאָן־אָריענטירטן עלעמענט פון דער פוילישער
געזעלשאַפט, — דו דרייסט אַוועק דאָס פּנים, דו זעסט די בלוטיק בראַנד־
שריפה און דו ציסט צוריק דיין אָרעם, און שטייסט אַ פאַרשטיינערטער,
אומבאַוועגלעכער ביים טייך, ביי דער ווייסל".

טאַדעוּאַש רנעצקי

דער געטאָ־אויפשטאַנד האָט געווירקט ווי א מעכטיקע באַגייסטערונג
אויף דעם פּערטן מיטבאַטייליקטן אין „ז אָטכלאַני", אויף דעם דיכטער טאַ־
דעוש סארנעצקי, דעם מחבר פון דער שענסטער און שטאַרקסטער פויליש־
אונטערערדישער פּאָעמע וועגן דעם יידישן קאַמף — „וועגן דער מאַרטירעריי
א אייביקער ראַפּסאָד". דאָס איז אַ ברייט־אָטעמדיקער, ברייט־פערזיקער
עפּאָס, אַדורכגעפלאָכטן מיט לירישע דיגרעסיעס, אַדורכגענומען מיט
ביבלישן פּאַטאָס, מיט געדעכעניש פון אַלט־יידישער העראָיק, מיט די אָנ־
דענק־געשטאַלטן פון יהושע בן נון, פון שמשון און דוד בן ישי. דאָס איז
אַ הימן, א ריטער־ראַפּסאָד לכבוד דער ביישפּיללאָזער העלדישקייט פון די
געטאָ־אויפשטענדלער. דער דיכטער האַלט דעם אויפשטאַנד פון 19־טן
אַפּריל נישט בלויז פאַר איינע פון די שענסטע קאַפּיטלעך אין דער געשיכטע
פון יידישן פאָלק, נאָר נישט ווייניקער אויך פאַר אַ דערהויבן בלאַט אין
דער געשיכטע פון פוילן. די פּאָעמע עפנט זיך מיט אַ דעדיקאַציע „צו די,

וואָס האָבן געהאַט מוט, צו די יידן פון וואַרשע וואָס קעמפן מיט דעם פיינט־לעכן געוואַלט״; ער גיט זיך אָפּ א פולן חשבון פונעם פאַקט, אז די, וואָס האָבן געקעמפט, וועלן שוין נישט דערהערן דאָס ליד, אָבער זיי זיינען אריין אין דער אייביקייט, אינעם פּאַנטעאָן פון דער מענטשהייט און וועלן אייביק שפּאַנען אויף די וועגן פון מענטשלעכן רום; זייער גבורה איז אַ טייל פון פוילנס געשיכטע — „און זשולקעווסקי אליין (דער באַרימטער פוילישער העטמאַן — ב. מ.) צעטיילט די לאָרבער־קרענץ מיט זיין אייגענער האַנט — שוין־זשע האָבן זיי אַן אַנדער קבר אויסגעפילט, נישט אונזער פאַטערלענ־דישן אוצר פון אומשולדיקע קרבנות, דעם אוצר דעם גרויסן און ריינעם?״

טאַדעוש סאַרנעצקי איז נישט קיין פּראָבלעמען־דיכטער. ער פילט נישט דעם ביטערן טעם פון יאָסטרונס אינערלעכער פּיין און געראַנגל. אים איז פרעמד קאָטס צאָרן קעגן די, וואָס האָבן גערופן צו שטיין מיטן געווער ביי די פיס און וואַרטן. ער פאַרשטייט אויך נישט, וואָס פאַר אַ טראַדיציע האָט באַגייסטערט די קעמפער. אַקעגן־זשע איז ער דורכגעדרונגען מיט התלהבות פאַרן יידישן גבורה־אַקט. אויב מילאָש זעט אינעם געטאָ־אויפ־שטאַנד דעם העכערן זין פון שטאַנדפּונקט פון דער וועלט־באַפרייערישער אידייע, אויב קאָט דערבליקט אינעם אַקט פון 19־טן אַפּריל דעם גרויסן באַטייט פון אויפרייסן די שטילקייט אין אָקופּירטן פוילן — פּאַסט אויף סאַרנעצקי אַן אַנדער וועזנטלעכע דערגרייכונג פון דעם אויפטו פון דער יידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע — דאָס, וואָל מיטן פאַקט פונעם ווידער־שטאַנד איז געמאַכט געוואָרן א סוף צו דער לעגענדע וועגן יידישער פּחדנות; מיטן פאַקט פונעם אויפשטאַנד האָט דער אָנגריף פון די היטלע־ריסטן אויפגעהערט צו טראָגן אַ כאַראַקטער פון פּאָגראָמען, עס איז גע־וואָרן אַ קאַמף, אַ קעגנזייטיקע מלחמה — „עס האָבן זיך שוין געענדיקט פּאָגראָמען און די טעג פון אונטערדריקונג און שאַנד; אינעם שטורעם פון דער צאָרנדיקער גאַס האָט א רעד געטאָן דאָס קול פון העלדישקייט״.

דער מחבר שטעלט אויף אַ ריי אויפשוידערנדיקע אין זייער גרויזאַמ־קייט און אַנטציקנדיקע אין זייער גבורה בילדער פון יידישער מסירת־נפש. זיינע בילדער זיינען פאַראַלגעמיינערנדיקע. ווען ער רעדט וועגן אַ יידישן העלדישן קעמפער, באַשענקט ער אים נישט מיט באַזונדערע אינדיווידועלע שטריכן — ער פירט אַרויס א יידישן אויפשטענדלער, איי־נעם פון אַ סך, אַ טרעגער פון דער קאַמפס־אידייע. ווען ער באַשרייבט ווי מוטער רחל, וועלכע שפּרינגט מיט אירע קינדער אין תהום פון פלאַמען,

כדי נישט אַריינצופאַלן אין די הענט פונעם שונא, איז ער אויך אויסן צו געבן סינטעטיש די העלדישקייט פון דער יידישער פרוי.

מיט אַ געוואַלטיקער שאָדן־פרייד זינגט אויס דער דיכטער די חוזק־טענער לגבי די ריטער פון האַקן־קרייץ, וועלכע זיינען געבליבן שטיין צע־מישע אין אַנגעזיכט פון דעם יידישן ווידערשטאַנד. ער מישט אַריין אין דעם ירגזון, וואָס קומט אויף אין דער פאַשיסטישער מחנה, די טענער פון וואגנערס מוזיק; ער שטעלט אקעגן דער מעלאָדיע פון די „ניבעלונגען", מיט וועלכער דער היטלעריזם איז געגאנגען באהערשן די וועלט, דעם ניגון פון פוילישן יידנטום, וועלכער איז באַהויכט סיי מיט די קלאַנגען פון מיצ־קעוויטשעס יאַנקל, סיי מיטן אָטעם פון אַלטן תנך — דער ניגון פון מענטש־לעכקייט. פון אָט דעם ניגון וועט אַרויסשווימען דער גייסט פון איידעלן מוטיקן מענטש.

סאַרנעצקיס ראַפּסאָד איז דורכגעדרונגען מיט היסטאָריש־העראָישן אָטעם, מיט געדעכעניש־פּאַטאָס, וועלכע דערהייבן די פּאָעמע און רופן אַרויס די אַסאָציאַציע נישט נאָר מיט דער טראַדיציע פון ייִדיש־פּוילישן געמיינזאַמען קאַמף און נישט בלויז מיט די העראָישע מאָמענטן אין דער פאַרגאַנגענהייט פון יידישן פאָלק, נאָר וואַרפן אַריבער אַ בריק אויך צו דער צוקונפט; ס'איז נישט קיין עלעגישער ראַפּסאָד, נאָר אַ הימן, וואָס סוגערירט המשך, באַנייונג, ווידערגעבורט.

נישט פאַר אַלע פוילישע מחברים פון אונטערערד איז געווען פאַר־שטענדלעך דער יידישער ווידערשטאַנד. נישט אַלע האָבן געהאַט אַ אַנונג — אַזוי ווי סאַרנעצקי, קאָט, מילאָש — וועגן קאַמף־טראַדיציעס ביים פּוי־לישן יידנטום. דעריבער בלייבן שטיין געוויסע דיכטער אין אַנבליק פונעם געטאָ־אויפשטאַנד מיט איבעראַשונג, אָבער אָן דעם פאַרשטיין די קוואַלן פון דער יידישער פעיקייט צו קאַמף. אַזאַ געפיל קומט צום אויסדרוק אינעם ליד פון אַ געענוי נישטבאַקאַנטן מחבר. וועלכער צייכנט זיך מיט די אי־ניציאַלן י. ז. ט. אין דער זאַמלונג „Na oczach świata" „פאַר די אויגן פון דער וועלט". די דאָזיקע זאַמלונג איז אויך געווידמעט דעם אומ־קום און ווידערשטאַנד פון די פוילישע יידן, אָבער זי איז אַרויסגעגעבן דורך די ליטעראַרישע קרייזן, וואָס זיינען געשטאַנען נאָענט צו דער דע־לעגאַטור פון דער לאָנדאָן־עמיגראַנטישער רעגירונג, ד. ה. — צו די כוחות, וואָס האָבן אָפּגעהאַלטן פון אַקטיוון אַרויסטריט. נישט קיין וווּנדער דערי־בער, וואָס אינעם ליד „דאָס פלאַקערנדיקע געטאָ" פון י. ז. ט. דאָמינירט

דאָס געפיל פון איבעראַשונג און וווּנדערלעכקייט. „אָ, וווּנדער! — רופט אויס דער מחבר, — עס קענען זיך פאַרטיידיקן די זין פון ישראל".

ווי אַנדערש שטעלט זיך פאַר דער יידישער קאַמף־מאָטיוו אין די שאַפונגען פון דער זאַמלונג פון די פּראָגרעסיווע דיכטער „ז אָטכלאַני".

די יוגנט

נאָענט צו דער אידעישער איינשטעלונג פון אַט דער זאַמלונג זיינען די לידער אויף יידישע מאָטיוון ביי די יונגע פּאָעטן ראָמאַן בראַטני, טאַדעוש ראָזשעוויטש און טעאָפיל קאָוואַלטשיק, וועלכע זיינען אריין אין דער ליטעראַטור אין דער אָקופּאַציע־צייט, פאַרנעמענדיק אַ לינקע, אַנטיפאַשיסטישע פּאָזיציע. בראַטני און ראָזשעוויטש אָפּערירן מיט וויזיע. בראַטני זעט אינעם קורצן ליד „געטאָ" די וויזיע פון דעם ייד, וועלכער ווערט נישט פאַרברענט לגמרי אין דער קרעמאַטאָריע, נאָר שפּאַנט אַרויס — צום קאַמף. ראָזשעוויטש ווידמעט דעם יידישן מאָטיוו דריי לידער; צוויי זיינען עלעגיעס אויפן יידישן אומקום און איינס — „די רויז" — דערבליקט דעם אָנהייב פון ווידערגעבורט. טעאָפיל קאָוואַלטשיק זינגט אויס אַ הימן צו פעלקער־פריינטשאַפט; ער זעט די געמיינזאַמקייט אינעם גורל פון פּוילישן פרייהייט־קעמפער און פון יידישן מאַרטירער; אויף זייער בשותפותדיקן קבר שפּראָצט אויס א בלום פון רויטן מאָן („דער פאַרשעמטער מאָן").

אינגאַנצן צו אַן אַנדער מין ליטעראַטור געהערט די פּאָעמע „Ponary" — „פּאָנאַר" פון אַדאַם לודוויג, וועלכער האָט געלעבט אין אָקופּירטן ווילנע און איז געווען אַן עדות פון פּאָנאַר. *)

אַדאַם לודוויג וועבט אויס א וויזיע פון דער צוקונפט, ער זעט אויך אַ געוויסן היסטאָרישן זין אין די יידישע ליידן, אָבער זיין צוגאַנג איז א רעליגיעזער, ער שלאָגט אַן אין משיחישע טענער, און די מיסטיק שוואַכט אָפּ דעם איינדרוק פון דער שאַפונג. עס איז אָבער כדאי אונטערצושטרייכן די אויפריכטיקייט פונעם געפיל, דעם שטאַרקן מיטליד, די צאַרנדיקייט קעגן

---

*) די פּאָעמע געפינט זיך אין כתב־יד.

דער נאַציסטישער באַרבאַריי און דעם גלויבן אין דער צוקונפט, די אַלע עלעמענטן, וועלכע דרינגען אַדורך די פּאָעמע פון אַדאַם לודוויג.

די יידישע טעמע האָט באַקומען אַ קינסטלערישן תּיקון אויך אין דער פּראָזע פון דער פּוילישער אונטערערדישער ליטעראַטור.

לעך פּיעטשאַק

די דערציילונג „Miasto gore" — „די שטאָט ברענט" איז אָנגעשריבן געוואָרן דורך איר מחבר לעך פּיעטשאַק דירעקט אונטער דער ווירקונג פון דעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. פּאַרעפנטלעכט איז עס געוואָרן צום ערשטן מאָל אין דער אונטערערדישער פּוילישער פּרעסע, דערנאָך — אין דער באַניטער לעגאַלער פּוילישער פּרעסע, תּיכף נאָך דער באַפרייונג, און שפּעטער אין אַ פּויליש־ליטעראַרישן זשורנאַל. די אויטענטישקייט פון דעם מאַטעריאַל, די אויפריכטיקייט פונעם געפיל, די אוממיטלבאַרקייט פונעם בילד, די מוזיקאַלישקייט פון שפּראַך, דער חשבון־הנפשדיקער טאָן, וואָס ליגט אינעם אונטערטעקסט, די טיילוויז לירישע, טיילוויז שווערמוטיקע שטימונג, אין וועלכער עס איז איינגעהילט דאָס געמעל, דאָס אַלץ האָט גורם געווען, אַז מען זאָל די דערציילונג איבערדרוקן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל. זי פּאַרמאָגט — חוץ אירע קינסטלערישע און מאָראַלישע ווערטן — אויך אַ דאָקומענטאַלן כאַראַקטער. זי אילוסטרירט: וואָס האָבן איבערגעלעבט אויפריכטיקע פּוילישע פּאַטריאָטן אין יענער צייט פון נסיון.

„די שטאָט ברענט" שילדערט נישט דאָס, וואָס קומט פאָר אין געטאָ. איר פּלאַצדאַרם איז די „אַרישע" זייט און בלויז דורך אַ קלייניקן פּראַגמענט ווערט געוויזן דער ראַנד פון ברענענדיקן און קעמפנדיקן געטאָ, אַ בונקער פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע מיט עטלעכע סילועטן פון יידישע אויפשטענדלער — סילועטן, אָבער נישט קיין געשטאַלטן. דער נאָמען און דער גייסט פון איינעם פון די יידישע קעמפער ,וואָס זיין פּסעוודאָ איז „מיאָטעלקאָ", אַ בעזימל, וויקלט זיך אַדורך עטלעכע מאָל דורך דער דערציילונג און ווירקט אומדירעקט ווי אַ געוויסן־מאָנער ביי אַ ריי פּוילישע מענטשן. מיאָטעלקאָ איז דער פאַרבינדלער פון דעם יידישן אויפשטאַנד

מיט דער „אַרישער" זייט, ער איז די נשמה פונעם קאַמף. די אַנדערע יידי־שע סילועטן שאַפן אַ נאָמענלאָזע גרופּע, אָבער די דאָזיקע גרופּע ווערט געוויזן אין איר גאַרונג צו קרבנותפולן קאַמף. דער מחבר שילדערט אַן עקספּעדיציע פון דער „אַרישער" זייט מיט געווער צו הילף די אויפ־שטענדלער. דער פאַקט איז אַ אויטענטישער. דאָס איז די עקספּעדיציע, וואָס גייט דורך די אונטערערדישע קאַנאַלן, אונטער פרעטאַ־גאַס. דער וועג איז אַ שרעקלעך אויסמאַטערנדיקער. ענדלעך קומען די מענטשן צו צום בונקער פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. דער אויטאָר שילדערט איצט דעם יידישן אַפּשנים:

„זיי האָבן זיך געפונען אין אַ קעלער, וווּ אונטער די ווענט זיינען געשטאַנען פּריטשעס, געפלאַצטע פּעסער, קאַסטנס איינער אויפן צווייטן, ביים סופיט האָבן געברענט ליכט. גורני (דער פירער פון דער הילף־עקספּעדיציע — ב. מ.) האָט מיט אַ פוילן בליק אַרומגענומען דאָס בילד פון יידישן „בונקער". פאַר די אויגן האָבן, ווי אין אַ חלום, זיך באַוועגט צעפּיבערטע פּנימער פון אַרומלויפנדיקע מענטשן...

„מיט געאייל האָבן זיי אויפגעריסן די שטריק אויף די פּעק. מיט נער־וועזע פינגער גענומען רייסן פון זיי, דערלאַנגען איינער דעם צווייטן, באַ־טאַפּן מיט די אויגן די בלישטשענדיקע, מיט וואַזעלין־אויסגעשמירטע, פּיסטאָלעטן.

„...עטלעכע יידן זיינען צוגעשפּרונגען צו די קאַסטנס און באַהאַלט־ערטער און גענומען שיטן אויפן טיש הויפנס קיילעכדיקע גאָלדענע דאָ־לאַרן, רובלס, פינגערלעך...

„יאַרומיניאַק, פּאַיאַנשקאָווסקי און אַדאַם האָבן מיט שטוינונג געקוקט אויף דעם, וואָס קומט פאָר. מיאַטעלקאַ האָט צוגעגעבן מוט: „נעמט, נעמט... אונז איז דאָס שוין נישט נויטיק. דעם הייליקן פּיאָטר צאָלט מען נישט פאַרן עפענען דעם טויער".

נישט אַריינגייענדיק אין פּרטים, אויף וויפל די דאָזיקע שילדערונג איז פולשטענדיק רעאַליסטיש, איז אָבער כדאי צו באַטאָנען, אַז פּיעטשאַק ברענגט אַרויס דאָ און ווייטער דאָס איינציקע געפיל, וואָס דאָמינירט ביי די יידישע קעמפער: אַלץ אָוועקגעגעבן פאַרן געווער, וואָס איז נויטיק, כדי צו קאָנען פירן דעם קאַמף קעגן שונא און ווירדיק שטאַרבן.

אָבער, ווי געזאָגט, שטעלט זיך נישט די דערציילונג פאַרן הויפּט־ציל צו געבן דאָס, וואָס טוט זיך אין געטאָ, צו ווייזן די יידישע זייט. פּיעטשאַקס עיקר־ציל איז צו שילדערן דאָס, וואָס איז פאָרגעקומען — אין אָנבליק פון

ברענענדיקן און קעמפנדיקן געטאָ — אין דער פוילישער אונטערערד, ביי פאַרשיידענע אירע עלעמענטן.

לעד פּיעטשאַק וויזט נישט אָן גענוי, וועלכן טייל פון דער אונטערערד ער איז אויסן מיט זיין שילדערונג און קריטיק. אָבער צוקוקנדיק זיך נאָ־ענטער צו די געשטאַלטן, צו זייערע שטימונגען און שטעלונג, קאָן מען לייכט דעשיפרירן זייער אָנגעהעריקייט. פון איין זייט ווערט אַרויסגעבראַכט די שטעלונג פון די עלעמענטן פון א. ק., פון דער לאָנדאָנער אָריענטאַציע, וואָס סוגערירט: שטיין מיט דער ביקס ביי די פיס, נישט ארויסטרעטן, זאַמלען די ענערגיע צום קאַמף קעגן א ערגערן שונא, קעגן דער רויטער אַרמיי. פון דער צווייטער זייט — די געפילן און מעשים פון די, וואָס האָבן אָפּגעוואָרפן דעם לאָזונג, וועלכער איז געקומען פון לאָנדאָן. פון איין זייט — אונטערערד־עלעמענטן אָן א אידעישן אָנהאַלט, אַנטוישטע און צוזאַמענ־געבראָכענע, אַזעלכע, וואָס טוען אַלץ פאַר מאַטעריעלן פאַרדינסט; פון דער צווייטער — העכסטער מסירת־נפש, מענטשן, וואָס געהערן, אָדער זיינען נאָענט צו דער ריכטונג פון רעשטלאָזן פאַטריאָטיש־אַנטיפאַשיסטישן קאַמף.

דער מחבר וויזט נישט פּראָנטאַל די דאָזיקע שטרעמונגען, ער פירט נישט אַרויס די אָנפירער פון די באַוועגונגען, ער איז אין טייל ערטער נאַיוו אין דער שילדערונג; זיינע געשטאַלטן זיינען ס׳רוב די פּשוטע סאָלדאַטן פון אונטערערד, די געפירטע און צום טייל פאַרפירטע; די לעצטע זיינען קרבנות פון עמעצן, וואָס ווערט נישט געוויזן, אָבער וועלכער ווערט דערקענט דורך דעם אָטעם פון די באַוועגונגען. פּיעטשאַקס פאַרדינסט באַשטייט קודם־כל אין דעם, וואָס ער טראָגט אַרויס אומדירעקט אַ אורטייל קעגן די, וואָס שלעפּן אָפּ פון קאַמף, פון הילף פאַרן געטאָ, וואָס ווילן אוועקגיין פון דעם געראַנגל; זיין סימפּאַטיע איז מיט יענע, וועלכע האַלטן אויס ביזן סוף און זיינען טריי דער זאַך — „פאַר אייער און אונזער פרייהייט”.

פּיעטשאַק אָפּערירט אויסשליסלעך מיט בילדער און מיט אָקעגנשטעל־לונגען. פון די דאָזיקע בילדער און אָקעגנשטעלונגען דרינגט אַרויס דער אמת און די צעשמעטערנדיקע קריטיק פון יענע פאַקטאָרן, וועלכע הייסן שטיין פּאַסיוו אין אָנגעזיכט פון דעם אומקום פון אַ פאָלק. שוין אינעם ערשטן קאַפּיטל קומען צוויי קורצע, קאָנדענסירטע, אָבער אויפטרייסלדי־קע בילדער: אין דרויסן שפּילט זיך אָפּ אַ דראַמאַטישער קאַמף אויף לעבן און טויט; די יידן פאַרטיידיקן זייערע פּאָזיציעס; דער שונא האָט ארויסגע־שטעלט קעגן די אויפשטענדלער האַרמאַטן; „פון דער מעכטיקער דעטאָנאַ־ציע האָבן ווידער א קלונג געטאָן די שויבן... פון יענער זייט פענצטער

ווערט די שיסערײַ אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. שוין נישט קיין אײנצל־נע אויפרײַסן, נאָר גאַנצע קאַסקאַדעס פון עקספּלאָזיעס האָבן אויפגע־טרייסלט די שויבן"... און — אין דער קאָנספּיראַטיווער דירה, וואַרשײַנ־לעך אין דער געהיימער וווינונג פון א. ק., איבט מען זיך אין שיסן מיט א... הילצערנעם קוילן־וואָרפער. די פּשוטע סאָלדאַטישע מאַסע רײַסט זיך צו מעשים, צו קאַמף, און דער אָפיציר אַנטאָני הייסט זיך שפּילן, ממש שפּילן — מיט אַ הילצערנעם פּולעמיאָט, באַפוילט מאַכן גימנאַסטישע אי־בונגען אין דער זעלביקער צײַט, ווען ד אָ ר ט ן קומט פאַר א פאַרצווייפל־טער געראַנגל. צוויי בילדער — צוויי וועלטן.

דער מחבר קאָנפראָנטירט תיכּף, אויפן אָרט די שטעלונג פון א. ק. מיט די געפילן פון די בעסערע אונטערערדישע סאָלדאַטן: „ריביטוואַ האָט געקוקט אויף די חברים פון זײַן ווינקל, אַ געפיל פון חרפּה, וועלכן ער האָט בחינם זיך באַמיט צו באַהערשן, איז אים צוגעקראָכן צום גאָרגל... רי־ביטווא, שטייענדיק אויף אַכטונג, האָט גענומען די הילצערנע מאַקעט פון ביקס און אָנגעהויבן אינסטרואירן. ליגנדיק אויף דער פּאָדלאָגע, האָט ער געפּילט מיטן בויך, מיט דער ברוסט, מיט די פויסטן, ווי זי ציטערט פון די עקספּלאָזיעס. ער האָט זיך אין דער רגע פאַרגליכן מיט מיאַטעלקאָן. ער ליגט איצט אין אַ פינצטערער, אויף זיבן שלעסער פאַרמאַכטער דירה און „שיסט" פון אַ הילצערנער ביקס, און דרײַ הונדערט מעטער פון דאַנען, אין דער זעלביקער רגע, ליגט דער שלאָפער מיאַטעלקא, מיט שטיינער אין די נירן, און שיסט מיט אמתע קוילן".

די אידייענלאָזיקייט קומט צום בולטסטן צום אויסדרוק אין דער גע־שטאַלט פונעם א. ק.־אָפיציר הובערט. מען קען נישט זאָגן, אז הובערט איז נישט דרייסט. מען קען אויך נישט פעסטשטעלן, אז ער פירט נישט אַדורך קיין טויט־אורטייל איבער אַ פאַרעטער. אָבער וואָס פאַר אַ אידייע באַוועגט מיט אים? צו וואָס שטרעבט ער? פאַר וואָס פאַר אַ פוילן איז ער זיך מקריב? דאָס קלערט נישט אויף דער אויטאָר, און אפשר טוט ער עס נישט — מיט אַ כיוון ,ווײַל הובערט אַליין ווייסט נישט. הובערט איז נישט פעיק אָפּצו־שאַצן דעם גרויסן קרבן און די אידייע פון דער רויטער אַרמיי; ער פילט אויך נישט קיין באַזונדערע אינערלעכע אויפטרייסלונג אין אַנבליק פון דעם יידישן אומקום. ווען ער שטייט איינינעם מיט זײַן אונטערגעאָרדנטן רי־ביטווא פאַר די ברענענדיקע געטאָ־ווענט און קוקט זיך צו צו די דאַנטעישע סצענעס, פרעגט ער זײַן באַגלייטער: — „באַדויערסט זיי?" (די יידן?) און תיכף גיט ער צו: „הינטער סטאַלינגראַד זײַנען געפאַלן דרײַ הונדערט

טויזנט רוסן, אין אַט דער מלחמה קאָנען אומקומען דריי הונדערט טויזנט ייִדן". דאָס אַלץ.

צו וואָס עס דערפירט די אידייענלאָזיקייט פון דעם רעכטן פוילישן אונטערערד, זעען מיר אין דער געשטאַלט פון פּיאָטר ריביטווא — א דרייס־טער, אין גרונט אָרנטלעכער סאָלדאַט, אָבער אַן אַנטוישטער, א צוזאַמענ־געבראָכענער, מיט א אינערלעכן דראַנג צו אַנטלויפן פון דער אונטערער־דישער סביבה און זיך אַריינוואַרפן אינעם קאַראַהאָד פון אומזיניקן לעבן, פון שכרות און חושימדיקע ליידנשאַפטן. עס ווערט אים נמאס צו ליגן טעג ביי אַ הילצערנעם פולעמיאָט, ביי אַ שפּילצייג; זיין אומווילן צו אונטערער־דישער ארבעט איז אַ רעזולטאַט פון דער פּאָליטיק פון א. ק., פון גאָרנישט טאָן, פון נישט רעאַגירן אויף אָזעלכע דערשיינונגען ווי געטאָ־קאַמף. עס קומט ביי ריביטוואן אַ רעאַקציע: ער הייבט אָן צווייפלען אין דער גאַנצער נויטעוונדיקייט און צוועקמעסיקייט פון קאַמף, פון טראָגן הילף פאַר די יידישע אויפשטענדלער; ער דרייט זיך אַרויס פון דער הילף־עקספּעדיציע צו וועלכער עס רופט אים דער פּאַטריאָט גורני. ריביטווא גייט אַוועק, ער זוכט אויס פאַר זיין דעזערציע אַ באַרעכטיקונג: „דער גורל פון מיאָטעלקאַ און פון טויזנטער זיין גלייכן וועט נישט געענדערט ווערן, צי ער (ריביטווא) וועט גיין, אָדער נישט גיין (אין דער עקספּעדיציע); צוליב דעם וועט נישט אַראָפּפאַלן קיין גאָס־רעגן, וואָס זאָל פאַרגיסן מיט שטראָמען די פלאַקערנ־דיקע הייזער"... אָבער איין זאַך האָט ריביטווא נישט פאַרשטאַנען — דעם כאַראַקטער פונעם פאַשיזם, וואָס פאַרשלינגט נישט בלויז קעמפער, נאָר דעם מענטש בכלל, דעם אומשולדיקן מענטש; ער האָט נישט פאַרשטאַנען, אַז עס איז נישטאָ, וווהין צו אַנטלויפן פאַר דער פליכט, פאַרן קאַמף־חוב און פאַרן שונא. ריביטווא גייט אין אַ נאַכט־לאָקאַל, ווײַלט זיך, פאַרפירט זיין חברס פרוי, אָבער ער פאַלט אַ קרבן, ער ווערט צופעליק, אינעם פאַר־דעכטיקטן האָטעל, ווו ער פאַרברענגט די ליידנשאַפטלעכע נאַכט מיט קריסטינען, אַרעסטירט דורך די דייטשן ווי אַן ערובניק און ווערט ווי אַזעלכער דערשאָסן. ריביטוואס ירידה, זיין דעזערציע, זיין אומזיניקער אומקום זיינען אַ רעזולטאַט פון דער דערציונג, וואָס עס האָט אים געגעבן די א. ק.

דער פּאָזיטיווער העלד פון פּיעטשאַקס דערציילונג איז דער אונטער־ערדישער קעמפער גורני. ער רייסט פאַקטיש איבער מיט דער א. ק.־שטע־לונג, ער באַפרידיקט זיך נישט מיטן חשק צו קעמפן — ער אָרגאַניזירט הילף פאַר די געטאָ־אויפשטענדלער אַליין, אָן דעם אָנטייל פון די א. ק.־

אָפּיצירן אַנטאַני און הובערט. גורני מוז אָנקומען צו אונטערוועלט־מענטשן, וועלכע קענען די קאַנאַלן־וועגן צו די געטאָ־בונקערס. אָבער בעת יענע טוען עס פּאָר באַלויזונג, איז זיך גורני מקריב אידעיש. אין אַ קורצן, זייער אויסדרוקפולן בילד שילדערט פּיעטשאַק דעם אָנקום פון די געווער־שמוג־לער אינעם בונקער פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. און אַט ווייזט ער דעם אונטערשייד צווישן צוויי עלעמענטן, דעם שמוגלער יאַרומיניאַק און דעם פּאַטריאָט גורני.

„יאַרומיניאַק אַ רויטער, מיט אַ שיכורן נעפּל אין די אויגן, האָט אָפּגע־ווישט די געשווירענע וואָנסע. די אָפענע דלאָניע האָט ער געלייגט אויפן טיש און געזאָגט: און איצט... געלט".

אינגאַנצן אַן אַנדערער איז גורני:

„אַן עלטערער ייד, זעענדיק, אַז גורני זיצט אומבאַוועגלעך, האָט זיך אָנגעבויגן איבער אים, און ווייזנדיק מיט די אויגן אויפן געלט, וואָס איז געלעגן אויפן טיש, האָט ער אַ פרעג געטאָן: — נו, און איר? גורני האָט אַ פינטל געטאָן מיט די אויגן. אויף זיין פּנים האָט זיך באַוויזן אַ פאַרשעמ־טער שמייכל. ער האָט געדרייט מיטן קאָפּ אויף ניין... ער האָט געענטפערט שטיל: — איך... נישט פאַר געלט".

לעך פּיעטשאַק האָט אויפדגעדעקט נאָר איין פראַגמענט פון דער אַפּריל־מאַי־דראַמע אין וואַרשע אין אומפאַרגעסלעכן יאָר 1943. אָבער אין זיינע קורצע בילדער שטעקט אַזוי פיל אמת. ס'איז אין אַ געוויסן זין אַ ווידוי פון אַ מענטש, וואָס איז אַליין געווען אַ טייל פון אַ. ק. און וואָס האָט דערזען, צו וואָס עס האָט דערפירט די אומטעטיקייט און דער גלייכגילט — דער גורל פון די ריביטוואַס. ער האָט אין דער זעלביקער צייט געזען אַן אַנדער טיפּ קעמפער — דעם שטילן, באַשיידענעם, מענטשלעכן, אידעישן און קרבנות־גרייטן גורני. דער האָט יאָ געוווסט, פאַר וואָס ער קעמפט. הגם דער מחבר זאָגט עס דירעקט נישט אַרויס — פאַרן מענטש.

* * *

דער סעקטאָר פון יידישער טעמאַטיק אין דער אונטערערדישער פּוי־לישער ליטעראַטור פון דער אָקופּאַציע־צייט איז ברייטער פון דעם, וואָס איז באַהאַנדלט געוואָרן אין דעם דאָזיקן קאַפּיטל. עס זיינען אָבער געבראַכט און קאָמענטירט געוואָרן די סאַמע כאַראַקטעריסטישע פּאָעזיע־ און פּראָזע־שאַפונגען פון דעם טייל פון דער פּוילישער ליטעראַטור. ביים שלוס איז

כדאי אונטערצושטרייכן איין וויכטיקן מאָמענט: אויב ביי אַ ריי דיכטער פון דער אונטערערדישער ליטעראַטור רעדט זיך וועגן דער איינזאַמקייט פון געטאָ, איז עס געווען פאַרשטענדלעך פון דעם שטאַנדפונקט, וואָס די דאָזיקע שרייבער האָבן געשטרעבט דערמיט צו באַטאָנען נאָך שטאַרקער די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון יענע עלעמענטן, וועלכע האָבן נישט אויסגעפילט זייער מענטשלעכן און פאַטריאָטישן חוב און נישט געגעבן קיין ממשותדיקע הילף די יידן. אָבער שוין דעם פאַקט אַליין פון די אויבן־אַרומגערעדטע שאַפונגען איז אַן אויסדרוק פון דער סאָלידאַרישער באַציונג פון דעם פראָגרעסיוון טייל פון דער פוילישער געזעלשאַפט צו די יידישע ליידן און צום ווידערשטאַנד. אין אָט דעם מאָמענט באַשטייט די עיקר־וויכטיקייט פון דער פאַטאָריאַטיש־אונטערערדישער, אַנטיפאַשיסטיש־קעמפערישער פוילישער ליטעראַטור אין דער אָקופּאַציע־צייט.

חשבון הנפש

יעזשי אַנדזשעיעווסקי

יעזשי אַנדזשעיעווסקי האָט זיך — ווי ער גיט אַליין איבער אין זיין גרויסן עסיי וועגן די פּראָבלעמען פון פּוילישן אַנטיסעמיטיזם („אָדראָדזעניע" נומער 28) — פאַר דער מלחמה געפונען אין די קרייזן פון עקסטרעם פּוילישן נאַציאָנאַליזם. ער האָט געהערט צו דער גרופּע, וואָס האָט זיך געזאַמלט אַרום דעם אולטראַ־נאַציאָנאַליסטישן זשורנאַל „פּראָסטאָ ז מאָסטו". ער איז נאָך דעמלט געווען אַ יונגער, אומבאַקאַנטער שרייבער. אין די דרייסיקער יאָרן קומט אויף ביי אים אַן אינערלעכער אידעיִשער קריזיס. אים זיינען דערווידער די ענדעקיש־סאַנאַטאָרישע מעטאָדן לגבי יידן. אין דער טראַגישער זבאָנשין־תקופה רייסט ער איבער מיט „פּראָסטאָ ז מאָסטו" און לאָזט אַרויס אַן אַפּעל צו העלפן די יידישע קרבנות פון נאַצישן טעראָר. די וועגן מיט דעם נאַציאָנאַליסטישן לאַגער צעגייען זיך. די געשעענישן פון 1939—1943 האָבן נאָך שטאַרקער אויפגעטרייסלט אינערלעך אַנדזשעיעווסקין. די אויפרייסלונג איז לכתחילה געווען אַ ריין־מאָראַלישע, דערנאָך, אויפן שוועל פון באַפרייונג, האָט זי גענומען גרייכן טיפער, איז זי אַריבער פונם געפיל צום מוח און האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אידעאָלאָגישן איבערברוך, אין אַן איבערקערעניש אינם גאַנצן געזעלשאַפטלעכן וועלט־באַנעם פון דעם פּראָזאַיקער. ס'וועט לגמרי נישט זיין קיין גוזמא, ווען ס'וועט געזאָגט ווערן, אַז אַדאַנק דער מאָראַלישער אויפטרייסלונג און דעם וועלט־באַנעמערישן איבערברוך איז אַנדזשעיעווסקי געוואָרן אין דער ליטעראַטור דאָס, וואָס ער איז איצט — אַ גרויסער, חשבון־הנפשדיקער שרייבער. זיין טאַלענט איז באַפרוכפּערט געוואָרן מיט אַ גרויסער הומאַניסטישער אידייע. אָן יענעם איבערברוך וואָלטן בשום אופן נישט מעגלעך געווען נישט די נאָוועלן און

דערציילונגען פון דער אָקופּאַציע־צייט, וועלכע זיינען באַקאַנט אונטערן בשותפותדיקן טיטל „די נאַכט" — „Noc" נישט דער לעצטער ראָמאַן פון דער ערשטער צייט נאָך דער באַפרייונג „אַש און דימענט" — „Popiół i dia-ment" נישט די טיף־דורכגעטראַכטע פּובליציסטישע אַרבעטן, ווי „די פּראָבלעמען פון פּוילישן אַנטיסעמיטיזם", „דער בריוו צו מאַדאַם הילדע־גאַרד פיינע" און דער וויטערדיקער אַרטיקל, וווּ ער דעקלאַרירט זיך פאַר אַ מאַרקסיסט־לעניניסט.

אין דעם פעריאָד פון „פּראָסטאָ ז מאָסטו", ווען אַנדזשעיעווסקי איז שוין געווען אַ מחבר פון דריי פּראָזע־אַרבעטן, האָט ער פאַרנומען אַ גענוג אומבאַדייטנדיק אָרט אין דער היינטצייטיקער פּוילישער ליטעראַ־טור; אין דעם פעריאָד פון זיין חשבון־הנפש איז ער אויסגעוואַקסן צו אַ וואָרט־זאָגער אין דער נייער פּוילישער קולטור־וועלט.

דער אָנוווּקס אין אַנדזשעיעווסקיס וועלט־באַנעם, דאָס שטייגן באַרג־אַרויף, פון ריין־מאָראַלישער באַציונג צו מענטשלעכע עוולות צו געזעל־שאַפטלעכער אויפפאַסונג פון די דאָזיקע דערשיינונגען, צום סאָציאַלן פּראָ־טעסט קעגן אומזיסטע יסורים פון יחיד און כלל, דאָס הייסט — פון סתם־הומאַניזם צום רעוואָלוציאָנערן הומאַניזם, דער דאָזיקער פּראָצעס באַקומט אַ בולטע און באַלערנדיקע אָפּשפּיגלונג אין די בעלעטריסטישע ווערק פון מחבר. אין די ערשטע צוויי שאַפונגען פון דער אָקופּאַציע־צייט — „פאַרן געריכט" און „אַפּעל", וועגן היטלעריסטישער אַכזריות און מענטשלעכער דערהייבנקייט — דערשיינט אַנדזשעיעווסקי ווי אַ קליינבירגערלעכער הו־מאַניסט, דורכגעדרונגען מיטן אַלט־קריסטלעכן אידעאַל פון איבערנעמען זיך מיטן ליידן פון נאָענטן; דער ערשטער וואַריאַנט פון דער דערציילונג „די גרויסע וואָך" „Wielki Tydzień", וווּ עס ווערן געשילדערט די יסורים פונם ייִד אין די יאָרן 1942—1943, איז אַדורכגענומען מיט דער ריין־מאָ־ראַלישער שטעלונג פון מחבר; אינם צווייטן וואַריאַנט דערשיינט שוין אַנ־דזשעיעווסקי ווי אַ קעמפערישער הומאַניסט, דער מאָראַלישער פּראָטעסט ווערט שוין דערהויבן צו אַ טיפער געזעלשאַפטלעכער איבערשאַצונג פון אַלטע ווערטן; די ערשטע ווערסיע איז געשריבן געוואָרן תיכף אונטערן פרישן און דירעקטן איינדרוק פון די געשעענישן זומער־צייט 1943; די צווייטע — תיכף נאָך דער באַפרייונג, אינם יאָר 1945, ווען דער אויטאָר האָט שוין פאַרשטאַנען די מיסיע פון דער רויטער אַרמיי. דער מחבר דער־ציילט אַליין וועגן דער ענדערונג אין דעם קורצן אַריינפיר־וואָרט צו דער זאַמלונג „די נאַכט": „די גרויסע וואָך", וועלכע איז אָנגעשריבן געוואָרן

אומגעדולדיק און אויף דער הייסער מינוט אונטערן אוממיטלבאַרן רושם פון טראַגישן אויפשטאַנד פון די יידן, האָט זיך באַנייס אומגעקערט צו זיין אויטאָר מיט צוויי יאָר שפּעטער; זיך אומגעקערט אויף אַ לענגערער צייט, כדי נאָך באַדייטנדיקע קינסטלערישע שינויים און אַ סך זייטן, איבערגעשרי־בענע פון דאָס ניי, צו באַקומען די איצטיקע געשטאַלט".

די שינויים זיינען טאַקע ערנסטע און זיי צייכענען דעם אַנטוויקלונג־וועג פון דעם שרייבער. די ענדערונגען האָבן נישט קיין שייכות צו די הויפּט־געשטאַלטן: דאָס יידישע מיידל אירענאַ ליליען, דער פּוילישער אינטעליגענט יאַן מאַלעצקי, די עפּיזאָדישע פיגורן, וועלכע דריקן אויס די שטעלונג פון פאַרשיידענע שיכטן פון דער פּוילישער באַוועגונג צו דער יידישער טראַ־געדיע, זיינען בדרך כלל געבליבן אַזוי ווי פריער. אָקעגן־זשע איז אויסגע־ברייטערט געוואָרן די געשטאַלט פון דעם פּוילישן אונטערערדישן קעמפער יולעק מאַלעצקי, ער איז אַצינד אַוועקגעשטעלט געוואָרן צוגלייך מיט דער פרוי אַננאַ, אַ טיף מאָראַלישע נאַטור, ווי די מאָנערס פונם מענטשלעכן גע־וויסן, ווי די חשבון־הנפש־מאַטאָרן אין דער פּוילישער געזעלשאַפט. פריער איז אינם צענטער ווי די סאַמע אינערלעך־גאַנצע געשטאַלט אַרויסגעפירט געוואָרן אײן אַננאַ — די דאָזיקע גוטע נשמה, די, וועלכע ווייזט אַרויס דעם גרעסטן און איידלסטן אינערלעכן אומרו און זאָרג לגבי די קרבנות פון נאַצישן טעראָר, וואָס ווערן געברענט און געבראָטן הינטער די געטאָ־מויערן. דאָס איז די סתם־הומאַניסטישע געשטאַלט, וואָס איר אויסדרוק איז — מיטלייד. אויך אין דעם צווייטן נוסח פון דער דערציילונג ווערט נישט אַננאַס ראָל פאַרקלענערט און פאַרטושט. אָבער פּאַראַלעל מיט איר וואַקסט אויס אַ נייע געשטאַלט — איר שוואָגער יולעק, דער דאָזיקער געזונטער טיפּ, וועלכער וואַרפט אָפּ און דרייסט אין פּנים אַריין דעם אייגענעם ברודער די וואַקלדיקייט לגבי די יסורים פון יידישן פאָלק, דער יולעק, ביי וועלכן עס איז נישטא בנמצא קיין שער צווישן אייגענעם געפיל און אייגענע מעשים. די פּאָזיטיווע געשטאַלט, וועגן וועלכער אַננאַ טראַכט, אַז אויב אַנדער זיי־נען אונטערן דרוק פון דער דעמאָראַליזירנדיקער אָקופּאַציע־ווירקלעכקייט ערגער געוואָרן, איז ער, יולעק, פאַרקערט — געוואָרן איידעלער, מענטש־לעכער, מאָראַלישער, העלדישער. יולעק, — דער נייער אויסדרוק פון אַק־טיוון, קעמפערישן הומאַניזם. יולעק — דער טרעגער נישט פון פּאַסיוון מיטלייד, נאָר פון אַקטיוון מיטקאַמף.

אָבער אָפּילו אין אַננאַס אופן פון פילן און פון דענקען איז — אינם נייעם נוסח — אַריינגעפירט געוואָרן אַ געוויסע ענדערונג. בעת איינעם פון

די דיאַלאָגן צווישן איר און יולעקן, זאָגט אַננאַ: „מיר דוכט זיך, אַז דער מענטש קען נאָר דעמלט נישט מורא האָבן פאַרן טויט, ווען ער גלויבט אין געוויסע ווערטן, וואָס וואַקסן אַריבער אים אַליין...” און ווען יולעק פרעגט זי, צי מיינט זי גאָט, איז זי זיך מודה, אַז — ניין. ביי דער נייער אַננאַ טרעט שוין דער רעליגיעזער גלויבן אָפּ אויפן צווייטן אָרט; אויפן ערשטן רוקט זיך איצט אַלץ מער אַרויס דאָס פאַרשטיין דעם וועג פון דעם אַנטי־פאַשיסט יולעק. און מערקווירדיק: אַנדזשעיעווסקי שטרייכט אונטער כמעט אין אַלע זיינע אָקופּאַציע־חיבורים ווי איינעם פון די גרעסטע מאָראַלישע חורבנס, וואָס דער היטלעריזם האָט געמאַכט אין די נשמות פון די מענטשן, דעם געפיל פון איינזאַמקייט, פון פאַריתומטקייט פונם יחיד אין אַנבליק פון צעבושעוועטן גרויל אין אַרום; אַנדזשעיעווסקיס העלדן זוכן קודם־כל נישט פיזישע רעטונג, נאָר אַ באַענטע מענטשלעכע נשמה, פריינטשאַפט (דער טויט־פאַרמשפּטער וואַלד־וועכטער פיאָטר פון „פאַרן געריכט”, דער מאַרטירער סטאַניסלאַוו קאַרבאַווסקי פון „אַפּעל”); ער באַטאָנט די אינער־לעכע ווייטקייט צווישן אַננאַ און איר מאַן, דעם אין גרונד ווילן און ערלעכן מענטש יאַן מאַלעצקי; אָבער אויב ער זוכט ערגעץ אַ נשמהדיקע התקרבות, געפינט ער עס ביי דעם פאַרשטייער פון אַנטיפאַשיסטישן פּוילישן ווידער־שטאַנד יולעק און ביי אַננאַ. אין די צוויי שטעקט דאָס האַרץ פון דעם מחבר; זיי זיינען צוויי זייטן פון זיין מאָראַלישער און געזעל־שאַפטלעכער שטעלונג; דורך ביידע רעדט ער, יעזשי אַנדזשעיעווסקי.

„די גרויסע וואָך” איז נישט סתם אַ באַשרייבונג. דאָס איז אַ פּראָבלע־מען־דערציילונג. און נישט סתם קיין פּראָבלעמען־פּאַנאָנדערוויקלונג, נאָר אַ דרייסטער אַוועקשטעלן פּראָגן. אַנדזשעיעווסקי, באַוואָפנט נישט בלויז מיט אַ מאָראַלישער מאָגונג, נאָר אויך און קודם־כל מיט אַ געזעלשאַפטלעכן צוגאַנג, דערשיינט ווי אַ דרייסטער חשבון־הנפש־שרייבער. ביי זיין גאַנ־צער סימפּאַטיע צום אינטעליגענט יאַן מאַלעצקי, וואַרפט ער אים אומדי־רעקט פאָר, אַז ער שטעלט אַקעגן די יסורים פון אַנדערע מיטמענטשן די קאָנפליקטן פון אייגענעם געוויסן. ער ווייזט אויף די אומזיניקייט פון מאַ־לעצקיס טויט. אויב יולעק וועט פאַלן, וועט זיין אומקום האָבן אַ זין, עס וועט זיין אַ קרבן אויפן מזבח פון אַ גרויסער אידייע. יאַן מאַלעצקי פאַלט אַ דערמאָרדעטער פון די קוילן פון נ. ס. ז.־באַנדיטן נישט מחמת זיין אַקעגנ־שטעלן זיך זייער אידעאָלאָגיע, אָדער זייערע מעשים תעתועים, נאָר על פּי צופאַל. דאָס איז דער גורל פון די וואַקלדיקע, פון די רעזאָנירנדיקע נישט־דעצידירטע אינטעליגענטן. מיט אומברחמנותדיקן אמת דעקט אויף אַנ־

רזשעיעווסקי דעם גאַנצן מאָראַלישן אָפּגרונט און נאַציאָנאַלן פּאַראַט, אין וועלכן עס האָבן זיך אָראָפּגעקייקלט נישט בלויז די היימישע פּאַשיסטן, עלעהיי זאַלעווסקי, נאָר אויך אַזעלכע בירגערלעכע טיפּן, ווי וואָלאַנסקי, וועלכע טאָלערירן און זײַנען אין האַרצן צופרידן פון דער יידן־פּאַרטיליקונג. עס איז גענוג צו ציטירן אַ פּאָר שורות פון זאַלעווסקיס שטאַנדפּונקט, כדי צו דערקענען אין אים דעם לייענער, צי שרייבער פון די פּאַשיסטישע „פּאָלאַנגאַ", „שאַניעץ", וואַלקאַ", אָדער ווי זיי האָבן דאָרטן געהייסן: „און איך זאָג אייך, אַז אין דעם איינציקן פּאַל קענען מיר זיין דאַנקבאַר היטלערן. ער האָט אָפּגעטאָן (odwalil) פּאַר אונז אַ שווערע און, לאָמיר זאָגן, אַז אפילו אַן אומאָנגענעמע שוואַרצע אַרבעט". דאָס מיינט ער די יידן־אויסראָטונג. ווי ווייט זײַנען אָט די ווערטער פון דער אינסטרוקציע, וואָס די „פּאָלאַנגאַ" האָט געגעבן אירע צאָן־קדשים אין אַפּריל־מאַי 1943: „ווען דו וועסט טרעפן אַ ייד, אַן אַנטלאָפענעם פון געטאָ, זאָלסטו זיך באַציען צו אים ווי צו אַ שונא"? און דער „אָנשטענדיקער "סוחר וואָלאַנסקי, וועלכער באַצייכנט זאַלעווסקין פּאַר אַ „לאָבוז", גיט צו: „אָבער אַזוי רעדנדיק צווישן אונז, האָט דער בחור (זאַלעווסקי) אַביסל רעכט. איך, ווייסט דאָך, בין נישט קיין אַנהענגער פון פּאַשיזם, אָבער וואָס אמת איז אמת! היטלער לייזט דאָס יידן־פּראָבלעם אויף זיין אופן, באַרבאַריש, אָבער ראַדיקאַל".

דאָס איז יענער טייל פון דער פּוילישער אינטעליגענץ, וואָס איז דערצויגן געוואָרן דורך דער אַלטער ענדעציע און דערנאָך דורך דער סאַנאַציע. אַנדזשעיעווסקי קאָמענטירט עס גענוג אויספירלעך אין זיין עסיי „די פּראָבלעמען פון פּוילישן אַנטיסעמיטיזם". ער זוכט נישט די סיבות פון דער דאָזיקער באַציונג צו יידן אין דער ביאָלאָגישער פלאַך, נאָר אין דער אַנטוויקלונג פון היסטאָרישע באַדינגונגען, אין דער ספּעציפיק פון געזעלשאַפטלעך־עקאָנאָמישע פּאָרמאַציעס און אין דעם אָנוווקס פון די פּסיכאָ־אידעישע אָפּשפּיגלונגען זייערע. ער איז שטרענג אין זיין משפּט. ער זוכט נישט קיין מילדערנדיקע אומשטענדן. ער שטעלט אַוועק די ווירקלעכקייט אמת־נאַקעט — אינאיינעם מיט די טיפּן פון דער נייער לומפּן־בורזשואַזיע, די פּיאָטראָווסקיס, באַנאַנד מיט די וויכע, וואַקלדיקע זאַמאָיסקיס און ענלעכע, וואָס ווילן טאַקע דער געיאָגטער און געפּלאָגטער אירענאַ נישט טאָן קיין שלעכטס, אָבער ביי וועלכע עס פּאָרפעלט מוט, כדי זי צו באַשיצן.

אָבער אַנדזשעיעווסקי וויקלט פּאַנאַנדער אַ גאַנץ, אַ פול בילד פון דער ווירקלעכקייט. און דאָס דאָזיקע בילד איז נישט מעגלעך אָן דער צווייטער זייט — אָן אַננאַ, אָן יולעק, אָן וולאָדעק, אָן דעם אינערלעך־צעצווייטן, אָבער

ערלעכן יאַן מאַלעצקי. דער העכסטער אויסדרוק פון אַט דער צווייטער זייט
פון דער ווירקלעכקייט זיינען אַננאַ, וועלכע איז גרייט אָן שום קווענקל און
אָן באַוואָרעניש, פשוט מענטשלעך, צו געבן שוץ דעם טויט־געטריבענעם
יידישן מיידל, און יולעק, וועלכער לאָזט זיך אין דער געפערלעכער שלאַכט־
עקספּעדיציע צו העלפן דעם ברענענדיקן און קעמפנדיקן געטאָ. און אויב
אין דער געשטאַלט זאַלעווסקי איז אַנדזשעיעווסקי טריי דעם אמת, דעם
„אמת" פון דער פאַשיסטישער „פּאַלאַנגאַ", איז ער אויך היסטאָריש וואָר־
האַפטיק בנוגע אַננאַ און יולעק, וועלכע זיינען לעבעדיקע טיילן פון דעם
„זשעגאָטאַ", פונם „ראַט צו העלפן יידן", און פון דער „גוואַרדיאַ ליודאָוואַ",
וואָס דריי אירע גרופּעס זיינען אין די טראַגישע טעג פון אַפּריל 1943 אַרויס
צו הילף דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, אַנפאַלנדיק אויפן שונא אויף
באָוויניאַרסקע, ביי אָקאָפּאָווע, אויף פרעטאַ, און שפּעטער אַרויסגעראַטעוועט
די יידישע קעמפער דורך די אונטערערדישע קאַנאַלן פון אונטערגייענדיקן
געטאָ.

אַנדזשעיעווסקי קען אויסגעצייכנט די פּוילישע געזעלשאַפט. אָבער ווי
אַן אמתער קינסטלער פאַרמאָגט ער דעם געבענטשטן חוש צו קענען אַריינ־
לייכטן אין די נשמות אויך פון פאַרשטייער פון אַ צווייטן פאָלק. ווי זעלטן
ווער אין דער פּוילישער ליטעראַטור האָט דער מחבר פון „דער גרויסער
וואָך" באַוויזן אַריינצודרינגען, צו פאַרשטיין און פּלאַסטיש אויסצודריקן דאָס,
וואָס יידן, קאָנקרעטער — אַ באַשטימטער טייל פון דער יידישער אינטע־
ליגענץ האָט איבערגעלעבט, נישט בלויז אין פיזישן זין, נאָר קודם־כל אין
מאָראַליש־פּסיכישער הינזיכט, אין יענער גרויליקער צייט.

אַנדזשעיעווסקי איז נישט אַזוי אויסגעצוונגען אין דער יידישער פּסיכיק,
ווי אין דער פּוילישער. ער איז נישט באַהאַוונט אין דעם, וואָס עס האָט
זיך געטאָן אין די הערצער פון די יידן אין דעם געטאָ־תחום. עס איז אים
בכלל נאָענטער נישט באַקאַנט דער יידישער פאָלקס־מענטש. עס איז נישט
זיין שולד: ס'איז דער נעגאַטיווער אויפטו פון דער דורותדיקער דערציאונג,
פון דער במשך יאָרהונדערטער אַרויפגעצוווּנגענער אָפּגעפרעמדקייט. אַנ־
דזשעיעווסקי — ווי אַ שרייבער, וואָס וויל בלייבן טריי דער ווירקלעכ־
קייט, — פאַרמעסט זיך נישט דעריבער צו געבן די יידישע מאַסע, גע־
שטאַלטן פון דער געטאָ־געדיכטעניש; זיי וואָלטן אַרויסגעקומען אויסגעפּאַנ־
טאַזירטע, אָבער נישט לעבעדיקע. דער געטאָ־אויפשטאַנד ווערט אַזוי אַרום
אין „דער גרויסער וואָך" געשילדערט ריין אויטערלעך — מיט די אָפּהילכן,
גרוסן און איינדרוקן פון אויסעווייניק. ממילא באַקומט די יידישע גבורה

אַ ריין־אויסערלעכן תיקון אין דעם ווערק. דער מחבר דערמאָנט וועגן אי־רענאַס אַ חבר, דעם ייִד סטעפאַן ווײַנערט, וועלכער נעמט אָנטייל אין דער פּוילישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. ער וויל דערמיט ווײַזן די צווייטע זײַט פון דער ווירקלעכקייט אויך אין דער וועלט פון די ליליענס, ביי די ייִדן. ס'איז אָבער נישט מער ווי ווידערקול, ווי דערציילערישע דערגאַנצונג, אָבער נישט געשטאַלט־אַנטוויקלונג. בקיצור: דער ייִדישער עפּיזאָד בײַ אַנדזשעיעווסקין — איז נישט און קען נישט זײַן אַזוי פול, אויסשעפּנדיק און אַלזייטיק, ווי זײַן פּוילישע געשטאַלטן־גאַלעריע. מען טאָר צוליב דעם קיין פאָרוואָרפן דעם מחבר נישט מאַכן, אָבער פעסטשטעלן דעם דאָזיקן פאַקט איז כדאי.

דערפאַר איז אַנדזשעיעווסקי גוט באַהאַוונט אין דער פּראָבלעמאַטיק פון די פּוילישע ייִדן סיי בכלל, סיי אין יענער צייט פון געטאָ און אומקום בפרט. דער לאַנגער קאַפּיטל, וואָס שפּילט זיך אָפּ אין אָוונט ביי די מאַלע־צקיס און ווו דער הויפּט־מאָנאָלאָג געהערט צו אירענאַ ליליען, איז איין קייט פון ייִדישע פּראָבלעמען, וועלכע דער מחבר שטעלט אַוועק דרייסט און אין זייער גאַנצער שאַרפקייט, נישט פאַרהוילנדיק קיין שום פּרט. עס איז ממש צו באַוווּנדערן די מייסטערשאַפט, מיט וועלכער אַנדזשעיעווסקי ברענגט אַרויס דעם בונט, וואָס דערוועקט זיך ביי דעם ייִדישן מיידל. אַנ־דזשעיעווסקי פאַרשטייט אויסגעצייכנט, אַז די מרידה איז אירענאַן אָנגע־וואָרפן געוואָרן, אָבער ער שילדערט זי ווי אַ שטאָלצע פרוי, הגם ער פאַר־ווישט נישט איר ממש חיהשן גראַנגל פאַר לעבן. דורך אירענאַס גורל און איר פּאָזיציע פירט אַנדזשעיעווסקי אַרויס אַ טייל פון זײַן חשבון־הנפש פאַר דער אייגענער, פּוילישער געזעלשאַפט. די ביטערניש, וואָס דערוועקט זיך אויפן דנאָ פון איר צעוויייטיקטן האַרץ, איז אַזוי מענטשלעך פאַרשטענד־לעך, הגם זי איז אומאָנגענעם, האַרט און קלינגט אַפילו רגעוויַיז עגאָיסטיש. אַנדזשעיעווסקי לאָזט אויף קיין איין מינוט נישט פאַרגעסן, אַז אויך דאָס פּוילישע וואָלק ליידט יסורים — די מאַרטירעריי פון אַנאַס משפּחה, פון מאַיאָר קאָרסקי, פון די פּאַליאַקן, וועלכע זײַנען פאַרטריבן געוואָרן פון פּויז־נער געגנט. אָבער ער ווײַזט דעם טיפן חילוק, וואָס איז צווישן זייערע ליידן, און די ענויים, צו וועלכע עס ווערן אונטערגעוואָרפן די ייִדן אָן אונטערשייד פון קאַטעגאָריע. אירענאַ איז אומברחמנותדיק אין איר ביטערניש. וויפל ביטערניש שטעקט אין איר אויסברוך: „די מענטשן וועלן זיך נאָר אויף אַזוי פיל ענדערן, אַז זיי וועלן נישט האָבן קיין רעכט מיך צו הרגענען; אָבער די, וועלכע האָבן מיך היינט געשלעפּט מיטן אויטאָ (אין

געסטאַפּאָ), וועלן דעמלט קוקן אויף מיר מיט פאַראַכטונג און וועלן באַדויערן, אַז זיי קענען שוין נישט פאַרדינען איבער מיר די נאַרישע פינף גאָלדענע רובל!" דאָס מיינט זי די שמאַלצאָווניקעס. אַנדזשעיעווסקי פאַרשטייט דעם דאָזיקן אויסדרוק, ער ווייסט אויך, אַז אַ געוויסער אמת שטעקט אין אָט די ביטערע ווערטער, אָבער ער לאָזט זיך נישט פאַרפּלייצן דורך פאַטאַליזם און ער שטעלט אומדירעקט אַקעגן אירענאַס צווייפל אין דער צוקונפט, אין מענטש בכלל, אַנגאַס גלויבן אינם זיג פון גוטס און יולעקס איבערצייגונג אינם נצחון פון אַ בעסערער וועלט. אָבער דערביי איז אַנדזשעיעווסקי ווייט פון קאַזיאַנעם אָפּטימיזם און ער פאַרשטייט דורך און דורך און לעבט זיך אַריין אין אירענאַס טראַגעדיע און אין דער לאַגע פון די אירענאַס. נישט געקוקט אויף איר שוידערלעכן מצב פון אַ געפּײַניקטער חיה, לאָזט נישט דער מחבר איר אַראָפּפאַלן, פאַרקערט — אין דעם סאַמע קריטישן מאָמענט וואַקסט אויס דאָס יידישע מיידל פון אַ חשבון־הנפש־מאַנערין צו אַ גרויזאַמער באַשולדיקערין. ס'איז עפּעס אַ מאָדערנע, טראַגישע קאַסאַנדראַ. וועלכע וואַרפט אין פּנים אַריין די פּיאַטראָווסקיס און קאַרסקיס און זאַמאָיסקיס זייער שלעכט און שטיל־שווייגן. זי גייט אַוועק מיט אַ קללה אויף די ליפּן. זי פאַרשווינדט אין דער גרויזאַמער חשכותדיקער עלנטקייט פון דער פּסחדיקער נאַכט — נישט קיין געבויגענע, נאָר אַ גרויזאַמע. אַנדזשעיעווסקי פאַרענדיקט נישט מיט אַטווינאָווסקיס אידילישן בילד. דער אויטאָר פון „דער גרויסער וואָך" איז מער טריי דעם אמת. אים גייט נישט אין סיפּור־המעשה, אין דער קאָנקרעטער אויספאָרמירונג פון אירענאַס ווייטערדיקן גורל, נאָר אינם גורל פון יידן בכלל — זי גייט אַוועק אין דער שרעקפולער אומבאַוווסטקייט. זי קומט אום און פאַלט נישט אַוועק אייביק. און אין איר לעצטן וואָרט קלינגט די וואָרענונג וועגן די קינפטיקע יסורים פון פּוילישן וואַרשע, וואָס וועלן קומען מיט אַ יאָר שפּעטער. צי וועט זיך איר קלאַפּ אין טיר פאַרוואַנדלען אין די הערצער פון די פּיאַטראָווסקיס, די שטום געוואָרענע פון איבעראַשונג און מיסטישער שרעק, אין אַ וואָרעם פון צווייפל און געוויסן? דעם המשך פון דער היסטאָרישער דראַמע ציט ווייטער דער שרייבער אין זיין ראָמאַן „אַש און דימענט" — הגם דאָ שטייט שוין נישט אין צענטער די יידן־פראַגע און כאָטש די געשטאַלטן זיינען דאָ אינגאַנצן אַנדערע; אָבער עס איז אין קייט פון ענלעכע פּראָבלעמען — דער גורל פון מענטש און געזעלשאַפט; די זאַלעווסקיס טאָפּטשען טיפער אינם זומפּ פון ברידער־מאָרד, די פּיאַטראָווסקיס מוזן אין פּיערגליאיקן מאָראַלישן און סאָציאַלן קאַלד־אויוון דורכמאַכן אויסלייטערונג,

און די יולעקס און אַנאַס, געפּאַרט איבּיינעם, מוזן ווייטער פירן דעם קאַמף שוין נישט קעגן אויסערלעכן פּיינט, נאָר מיטן אינערלעכן שונא. דעם קרבנותפולן אָנשטרענג פאַר אַ נייעם וועלט־סדר. אַנדזשעיעווסקי איז אַליין מודה, אַז אין „אַש און דימענט" איז ער נאָך נישט קאָנסעקווענט ביזן סוף — אָבער זיין איצטיקע פאָזיציע צייכנט דעם נייעם וועג פון דעם שרייבער.

די בשורה פון דעם נייעם געבורט ווערט שוין — אין קאַרגע, דירעקטע טענער — אָנגעזאָגט אין „דער גרויסער וואַלד". קניענדיק בעת דער תפילה אין קירך, דערפילט אַננאַ די חבלי־לידה. „ווי אַזוי איז דאָס געשען, וואָס צווישן בלויזע מענטשלעכע יסורים, צווישן טויטן און עוולות, אויף אַזאַ פאַרצוויפלטער און אומגליקלעכער ערד, האָט זיך דאָ געטראָגן און אויף להכעיס דער פאַרניכטונג אַ ניי באַשעפעניש, אַ האָפענונג אויף פרייד?".

עפּעס גאָרקישס שטעקט אין דעם קורצן, אין פלוג עפּיזאָדישן, אָבער אין תוך וועלט־באַנעמערישן, שלוס־אַקאָרדישן בילד פון אַננאַס געבורט־ווייען אין דעם טאָג פון מאַלעצקיס דערמאָרדונג און פון אירענאַס פאַרטריי־בונג. עפּעס אַזוינס, וואָס ווירקט ווי אַ העל שטראַלעכל ליכט אין דעם טיפן אָפּגרונט פון ליידן און אומקום.

די דערציילונג „די גרויסע וואַלד", איינע פון די שטראַקסטע קינסטלע־רישע ווערק אויף דער טעמע פון דער יידישער טראַגעדיע, איז געשריבן אין אַ רעאַליסטישן סטיל, אין איבּהאַלט־אָנגעלאָדענע, קאָנצענטרירטע און פּלאַסטישע בילדער. אַנדזשעיעווסקין איז פרעמד יעטווידער עלעגישער געמעל, יעדער סענטימענטאַליזם, יעדע סטיליסטישע צעשוווּמענקייט. דער צימצום אין דער שילדערונג איז ביי אים נישט קיין פּועל־יוצא פון מאַנגל אין אויסדרוק, אָדער פון נישט גענונגדיקער קענטעניש פון זאַכן און מענטשן. פאַרקערט — עס איז קאָנדענסירונג פון מענטשלעכע איבערלע־בענישן, וועלכע ווירקט האַסטיק און אומדירעקט און ממילא שטאַרק. אַ ריי בילדער פון דער דערציילונג קריצן זיך איין אין זכרון און לאָזן לאַנג, לאַנג נישט רוען. אַנדזשעיעווסקי זעט וויכטיקע פּראָצעסן. די אומוואַנדלונג ביים אַסימילירטן פּראָפעסאָר ליליען, וועלכע איז אַ פולשטענדיקער קעגנזאַץ צו דעם, וואָס עס גיט איבער אין זיין זכרונות־בוך פּראָפעסאָר לודוויק הירש־פעלד, איז אַזוי מענטשלעך, אַז דער לייענער קען זיך נישט באַפרייען פונעם מעכטיקן איינדרוק פון אַנדזשעיעווסקיס שילדערונג. נאָר אַ באמת גרויסער שרייבער־הומאַניסט קען אויפשטעלן אַזאַ בילד, ווי דאָס מיטגיין פון פּראָ־פעסאָר ליליען מיט דער מאַסע יידן פון שטעטל, וועלכע ווערן געטריבן צום גירוש, צום טויט. דערביי פאַרשטייט דער שרייבער: ס'איז נישט קיין צופאַ־

מענהאַנג פון פאַטאַליסטישן גורל; ס'איז אַ פּראָדוקט פון באַדינגונגען. ווי העכער האָט זיך דער פּוילישער שרייבער־הומאַניסט אויפגעהויבן אין דער אויפפאַסונג פונם פּראָבלעם איבערן ייד־אָפּשטאַמיקן געשמדטן הירשפעלד.

עס איז איבעריק צוצוגעבן, אַז אַנדזשעיעווסקיס ווערק פאַרמאָגט — אַ חוץ זיינע קינסטלערישע און אידעישע ווערטן — אויך אַ געוואַלטיקע דערציערישע באַדייטונג.

שמייסנדיק דעם נאַציאָנאַליזם אין דער אייגענער, פּוילישער געזעלשאַפט און נישט צומאַכנדיק די אויגן אויף ענלעכע טענער ביי אירענאַ, דערהייבט זיך אַנדזשעיעווסקי צו דער מדרגה פון חשבון הנפש אין ברייטערן פאַרנעם, גייט ער אַרויס אין דער הינזיכט פונים גדר פון דער פּוילישער סביבה. ער, דער באַקעמפער פון נאַציאָנאַליזם ביי זיך אין דער היים, זאָגט האַרבע ווערטער דעם דייטשן שרייבער — אין זיין „בריוו צו מאַדאַם הילדעגאַרד פיינע", ווו ער דערמאָנט דער דאָזיקער שריפטשטעלערין, וועלכע האָט טענות צו זיין אָקופּאַציע־נאָוועלע „פאַרן געריכט", באשר ער מאָלט דאָרטן נעגאַטיווע טיפּן פון דייטשן מיליטער — די גרויל־מעשים פון דייטשן פאַשיזם, בתוכם אויך געטאָ און טויט־לאַגער. אַנדזשעיעווסקי שיידט טאַקע אונטער דעם דייטשן פאַשיסט פון פּשוטן דייטשן מענטש, אָבער ער רופט נישט אַרויסצולאָזן פון מוח אויף קיין איין רגע די שוידערלעכע בילדער פון דער אָקאָרשטיקער פאַרגאַנגענהייט. נישט סענטימענטאַל־אַלטקריסטלעכע מענטשן־ליבע, נאָר קעמפערישער הומאַניזם איז אציִנד דער מאָראַליש־אידעאָלאָגישער יסוד פון אַנדזשעיעווסקיס חשבון הנפשדיקער ליטעראַטור. אין אָט דעם חשבון הנפש צו זיך און צו אַנדערע, צום אייגענעם און צו אַנדערע פעלקער, פאַרנעמט ביים קינסטלער די רעכענונג פון יידישע ליידן איינע פון די וויכטיקסטע פּאָזיציעס. אין נאָמען אויך פון די דאָזיקע יסורים מאָנט אַנדזשעיעווסקי אַ חשבון און וועקט צו אַ אָנשטרענג צו פאַרטרייבן די לעצטע שאָטנס פון דער נאַכט, כדי עס זאָל אויפקומען דער ליכטיקער טאָג. גייענדיק קאָנסעקווענט לויטן דאָזיקן וועג, האָט זיך אַנדזשעיעווסקי אָנגעשלאָסן אינעם לאַגער פון מאַרקסיזם־לעניניזם און איז אַרויף אויפן שליאַך פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם.

אַדאָלף רודניצקי

אין וואָס שטעקט די שרייבערישע גבורה פון אַדאָלף רודניצקי? ווו איז דער סוד פון דעם ספּעציפישן חן פון זיינע שאַפונגען? קודם־כל ליגט עס אין האַרמאָנישן צונויפשמעלץ פון יידישער שפּירונג און יידישער מי־ליע מיט פּוילישער קולטור און פּראָגרעסיווער אידייע. די דריי עלעמענטן זיינען די עיקרדיקע באַשטאַנדטיילן פון רודניצקיס שעפערישער פּערזענ־לעכקייט און פון זיין סטיל. דער דאָזיקער האַרמאָנישער צוזאמענגוס איז געקומען נישט מיטאַמאָל — רודניצקיס שאַפן האָט אַדורכגעמאַכט אַ אינ־טערעסאַנטע און כאַראַקטעריסטישע אַנטוויקלונג. אָבער שוין די ווערק זיינע, וואָס קומען נאָך „זומער", אַנטפּלעקן זיך ווי פאַרגאַנצטע קינסטלע־רישע פּראָדוקטן פון אָט דעם עלעמענטן־צוזאמענשמעלץ. ביי אַדאָלף רוד־ניצקין איז נישט בלויז דער פּערסאָנאַזש, און בפרט די פּאָזיטיווע העלדן, יידן; די פּראָבלעמאַטיק איז אַ יידישע, דאָס געמיט, וואָס ווערט געבראַכט אַזוי פּלאַסטיש און זאַפטיק צום אויסדרוק, איז יידיש; אפילו דער אָרט אויסדריקן זיך, די לעקסיק פון זיינע געשטאַלטן איז נישט זעלטן א כאַראַק־טעריסטיש־יידישער (דער „סמאַק ראַיו" — „טעם גן עדן", דער „זאַ־טשינאַש שען מיעשאַטש?" — „הייבסט זיך אָן צו מישן?" וכדומה). אָבער עס איז קלאָר, אַז שפּראַך איז ביי אַ שרייבער נישט סתם קיין ענין פון אויסדרוק; שפּראַך ביי א קינסטלער איז נישט בלויז אינסטרומענט. און אַדאָלף רודניצקי שאַפט אין פּויליש, ער איז דורך־און־דורך א שעפער פון פּויליש־ליטעראַרישע ווערטן. אַזוי אַרום איז ער — נישט געקוקט אויף דער צענטראַלער פאַראינטערעסירונג אין זיינע ווערק מיט יידישער טע־מאַטיק — אַ פּוילישער שרייבער. אין דער פּוילישער ליטעראַטור פאַרנעמט ער א באַזונדער אָרט; ער געפינט זיך אויף דער לינקער זייט פון דער באַ־

ריקאַדע און ער לעבט זיך אין אַ גרויסער מאָס אויס אין יידישער טעמאַטיק, אין יידישע מאָטיוון.

ווי אַ אמתער רעאַליסט, ווי אַ פּראָגרעסיווער שרייבער האָט רודניצקי אַ אַקטיווע באַציונג צום לעבן, צו דערווירקלעכקייט. פון דעם נעמט זיך זיין ליידנשאַפטלעכער, דראַמאַטיש־אַנגעלאָדענער סטיל, וועלכער איז אויך נישט אויפגעקומען מיטאַמאָל. רודניצקיס סטיכיע זיינען מענטשלעכע קאָנ־פליקטן, וועלכע וואַקסן אויס אויף אַ געזעלשאַפטלעכן באָדן, ס׳רוב אויף קאַטאַסטראָפישע דערשיינונגען. רודניצקי איז אַ טראַגיקער, אָבער נישט קיין פּעסימיסט. ער זעט צוזאַמענשטויסן, וואָס ברענגען אָפט צו פּיין, אָבער ער דערבליקט די סיבות פון די טראַגישע סיטואַציעס. און די סיבות שטעקן אין די געזעלשאַפטלעכע קאַטאַסטראָפעס, וועלכע עס איז אויסגעקומען אונזער דור אַדורכצולעבן אין אַ געוואַלטיק פאַרשטאַרקטער און אומגעהייער פאַרגרעסערטער מאָס ווי אונזערע אבות.

און נאָך איין וויכטיקער שטריך פון רודניצקיס סטיל: די לירישקייט און די וואַרעמקייט, וואָס מאַכן דאָס ווערק אינטים דעם פאַראינטערעסירטן לייענער. רודניצקי האָט אַ אינטימע באַציונג צו זיינע העלדן און צו די ענינים, וועלכע ער באַשרייבט. ער איז אין זיינע שאַפונגען ממש פערזענ־לעך, אַפילו אין יענע מאָטיוון, אין וועלכע ער רעדט נישט בלשון „איך״. אָבער ס׳רוב ווערן זיינע דערציילונגען איבערגעגעבן אין דער ערשטער פּערזאָן. דאָס פאַרשטאַרקט די אינטימיטעט, דאָס דערנענטערט דעם לייענער צו די אידייען און געדאַנקען, וועלכע דער מחבר וויל אים סוגערירן. דאָס שטרייכט אונטער די אויטענטישקייט און אמתדיקייט פון דער איבערלע־בונג און די אוממיטלבאַרקייט פונעם בילד. ביי רודניצקין איז נישטאָ קיין קאַלטע שורה, קיין קינסטלערישע אויסאַרבעטונג. אַפילו אין זיינע אַלטע זאַכן, ווו דער סטיל איז ליידנשאַפטלאָז און דער טאָן אַ אינטעלעקטואַלי־זירנדיק־עסייאיסטישער, אַפילו דאָרטן שלאָגט אינעם אונטערטעקסט אַ וואַרעמקייט, אַ פערזענלעכע פאַראינטערעסירונג (אין זין, נאַטירלעך, פון לירישער באַציונג צו די געשטאַלטן). שפּעטער, אין די ווערק פון די קאַטאַסטראָפישע דערשיינונגען, גייט אָט די אינטימיטעט אַריבער אין אַ צונויפגוס פונעם „איך״ מיט די איבערלעבונגען, גורל און באַגערן פונעם כלל, פון פאָלק, פון פוילישן יידנטום, וואָס איז — ווי דער מחבר חזרט עס איבער עטלעכע מאָל אין פאַרשיידענע חיבורים — זיין פאָטערלאַנד, איני־

אין איינער פון זיינע בכורהשע פאַרמלחמהדיקע שאַפונגען, אין „Lato״, „זומער״, פאַרנעמט נאָך אַדאָלף רודניצקי די פּאָזיציע פון אַ קריטיש־

אײַנגעשטעלטן אינטעליגענט, וואָס זעט אינעם יידיש־פּוילישן שטעטל (איז
עס דאָס בילד פון קוזמיר, קאַזשימיעזש?) אי די טראַגיק פון דעקלאַסירונג
און פאַרגיין ,אי דעם טשעכאָווישן לאַנגווייל, דעם פּערזענלעכקייט־אַוועק־
הרגענדיקן „ספּלין”, אי אַ בילד פון אַלטן שטייגער, וועלכער איז סיי אָפּ־
שטויסנדיק, סיי צוציִענדיק. אַרום דעם הויפּט־מאָטיוו פון פאַרוועלקנדיקן
שטעטל וויקלען זיך זײַטיקע, אָבער גענוג וויכטיקע פּראָבלעמען, אַ שטייגער:
דאָס וועזן פון קונסט. דער מחבר בליצט דאָ אויף מיט אַ ריי זייער טרעפ־
לעכע מיינונגען און באַמערקונגען — „איבערן וווין־אָרט פון דלות האָבן זיי
(די מאָלער) געשפּאַנט ווי דורך אַ גן־עדן־גאָרטן”. ער ווײַזט אַרויס אַ אמתע
בקיאות אינעם כאַראַקטער פון יידישן קליינבירגער, למשל — די קראַפט
פון דער רעמינעסצענץ אין זײַן נאַטור און דער כוח פון משפּחה־געפיל ביים
אים. און ער איז נישט אַבסטראַקט — ער שטעלט אַוועק דאָס שטעטל אין
אַ באַשטימטער געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישער סביבה און אין אַ באַשטימטער
היסטאָרישער תקופה. דאָס איז די צײַט פון אַ נײַעם רעצידיוו פון אַנטי־
סעמיטיזם, פון דעם טוליען זיך פון אַסימילירטע און געשמדטע עלעמענטן
צום יידישן ציבור, פון דער בולטער אינערלעכער דיפערענציאַציע ביי די
יידן — דער טאַטע גלויבט נאָך אַלץ אין ביאת המשיח און דער זון זעט די
ישועה אין דער העלדישער פאַרטיידיקונג פון מאַדריד קעגן די חיילות פון
גענעראַל פראַנקאָ.

אײַנגיכן דעשיפרירט נאָענטער און קלאָרער רודניצקי דאָס פּנים פון
זײַן יונגן יידישן געשטאַלט. מיט שפּרודלדיקער וואַרעמקייט, מיט אַ שפּע־
דיקן ליריזם שטעלט ער אויף צוויי פּאָזיטיווע העלדן — צוויי יידישע רע־
וואָלוציאָנערע פּראָלעטאַריער, קאָממוניסטן, די שניידער־אַרבעטער יואל
פילוט און זכריה קאַגאַן. מיט די צוויי געשטאַלטן האָט זיך רודניצקי נישט
בלויז דעקלאַרירט אידעיש; ער האָט זיך דורך דעם אָפּגעריסן און אויסגע־
לייזט פון דער שטעטלשער טראַגיק. אמת — אויך יואלס און זכריהס פּער־
זענלעכער גורל איז טראַגיש, אָבער זייער קרבן האָט אַ זין, דאָס איז אַ פאַלן
אויף אַ שלאַכט־פעלד, אין קאַמף פאַר דער רעוואָלוציאָנערער אידייע.
אַזוי אַרום איז פון העכערן געזעלשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט, אין דער פּריזמע
פון דער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו דער נייער רודניצקי, דער מחבר פון
„Józefów“ — „יוזעפאָוו” און „Koń“ — „דאָס פערד”, אַ טרעגער
פון אַן אָפּטימיסטישן וועלט־באַנעם. דער פּעסימיזם פון „זומער” איז געווען
אַ באַרעכטיקטער, דאָס איז געווען דער אויסדרוק פון אַ פאַקט, אַז דאָס
שטעטל אין די קאָנקרעטע היסטאָרישע באַדינגונגען פון אונטערגייענדיקן

קאַפּיטאַליזם איז פאַרמשפּט אויף פאַרוועלקונג. אָבער אין דער דאָזיקער ריכטיקער פּעסימיסטישער אָפּשאַצונג איז פאַראַן אָרט פאַרן אָפּטימיסטיש־קעמפערישן וועלט־באַנעם, וואָס די באַגײַסטיקונג דערצו גיט דאָס לעבן און דער באַזיגיקטער קרבן פון יואל פּילוט און זכריה קאַגאַן. דעמלט, אײַנעם פּעריאָד פון „זומער", האָט עס רודניצקי נאָך אַזוי קלאָר ניט געזען; אַזוי אַרום האָט די טראַגיק, די פּערספּעקטיוולאָזיקייט דאָמינירט, נישט געקוקט אויף דער היפּשער דאָזע געזעלשאַפטלעכער קריטיק. אַדאַנק דעם דירעקטן באַריר מיט דער סאָוויעטישערווירקלעכקייט אין דעם לוואָווער פּעריאָד פון דעם מחברס שאַפן האָט זיך אויסגעקלאָרט די פּערספּעקטיוו — אין אָט דער צייט זײַנען אַנטשטאַנען „יוזעפאָוו" און „דאָס פּערד".

יואל פּילוט האָט זיך אײַנגאַנצן געווידמעט דעם קאַמף קעגן דער קאַ־פּיטאַליסטישער אָרדנונג; ער האָט געשטאַמט פון דער זעלביקער אידעישער סביבה, וואָס בראָניעווסקיס יונגער ײדישער שניידער־אַרבעטער, דער טרוי־מער פון פּאַוויע־גאַס. יואל ווערט געפּייניקט אין די תפיסות פון ענדעקיש־סאַנאַטאָרישן פּוילן. דער מחבר שילדערט אים שוין אין צושטאַנד פון פאַ־מעלעכדיקער גסיסה. אַליין אין אַן האָפנונגלאָזן צושטאַנד, איז ער האָפנונגס־פול — נישט וועגן אייגענער גענעזונג, נאָר וועגן דעם אויסגאַנג פון די קאַמפן אין שפּאַניע: „די נאַציאָנאַליסטישע חיילות האָבן געגומען אַרומ־רינגלען מאַדריד, אָבער יואל האָט נישט פאַרלאָרן די האָפנונג".

יואל פּילוט איז אַ פאַראַלגעמיינערט, טיפּיש געשטאַלט, וואָס סינטעז־טיזירט אין זיך אי אַ אידייע, אי אַ דור — דעם דור ײדישע קאָמוניסטן פון אונזער צייט, דעם העלדישן, רעשטלאָז איבערגעגעבענעם, קרבנותפולן ײדישן רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריער, וועלכער האָט געקעמפט אויף די גאַסן פון מוראַנאָוו, באַלוט, כאַנייקעס קעגן רייטער־פּאָליציי און געפירט אַ מסירת־נפשדיקע אומלעגאַלע טעטיקייט פאַר סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער באַפרייונג. און נישט נאָר אַ טיפּיש געשטאַלט איז יואל, נישט בלויז אַ שטיק אמתדיק לעבן, נאָר אויך אַ בײַשפּילדיקער העלד, וואָס באַווירקט מיט זײַן האַנדלונג, מיט זײַן כאַראַקטער סוגעסטיוו, דערציעריש. אין די לעצטע מי־נוטן פון גסיסה געדענקט ער וועגן איין זאַך, וועגן איין גרוס: „מיט אויגן, וואָס קריכן כמעט אַרויס פון די אָרביטעס, מיט אַ הייזעריקן קול, וואָס ברעכט זיך, האָט ער אַרויסגעשטאַמלט:

— „איך, הער... שוין דער סוף... און אַ גרוס... אַ גרוס שיק איך איבער פאַרן קעמפנדיקן פּראָלעטאַריאַט אין שפּאַניע... אַ לעצטן גרוס פון יואל פּילוט, אַ חבר פון פּוילן".

און דער מחבר גיט צו: „אין אַט דער נאַכט איז קיין שום זעלנער אין מאַדריד נישט געשטאָרבן שענער״.

אין דער דערציילונג „דאָס פערד״ ווערט צוגלייך מיט דער געשטאַלט פון דעם יידישן קאָמוניסט זכריה קאַגאַן, אַ שניידער־אַרבעטער און אַ יונג אַ ריז, אַרויסגעשטעלט ווי אַ צענטראַלע פיגור אויך זיין טאַטע, דער אַלטער־שניידער פון אַ גאַליציש שטעטל — יעקב קאַגאַן. די אַנטוויקלונג פון זכריה קאַגאַן איז אַ גראַדליניקע — ער זאַפּט איין אין זיך די נויט פון די שניידערישע וואַרשטאַטן, ער זופּט איין די נעכט די ווערק פון די קלאַסיקער פון וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם, ער וואַקסט אויס אַ באַוווסטזיניקער, דענקנדיקער פּראָלעטאַרישער אַקטיוויסט און ווערט דערמאָרדעט צוזאַמען מיטן פּוילישן קאָמוניסט סטעפאַן דורך דער דעפענסיווע. ווידער אַ קאַפּיטל העראָיק פון יידישן אַרבעטער. באַנייס אַ דערהויבנדיקע טראַגיק פון יידישן קאָמוניסט, אָבער — נאָכאַמאָל — טראַגיק, ווי אַ נויטווענדיקער און באַזיניקטער קרבן אויפן מזבח פון אַ וועלט־באַנעמעריש־אָפּטימיסטישער אידייע. אין דער געשטאַלט פונעם קאָמוניסט זכריה, פּונקט ווי אין דער פיגור פונעם פּאָליט־אַרעסטירטן יואל, האָט דער מחבר נישט קאָנצענטרירט קיין דראַמאַטישע קאָנפליקטן, דאָס זיינען אינערלעך גאַנצע געשטאַלטן, דאַקעגן קומט אויף און יורדט אָן דער קאָנפליקט ביי דעם אַלטן שניידער, יעקב קאַגאַן, דער קאָנפליקט צווישן זיין גאַנצן ביז איצטיקן וועלט־באַנעם און — דער שרייענדיקער עוולה און רציחה איבער זיין זון, דער עוולה, וועלכע איז אַ בולטער פועל־יוצא פון דעם בייזן סיסטעם; דער קאָנפליקט מיטן אייגענעם וועלט־באַנעם און לעבן־נוסח. ווען דער דאָזאָר פון דער וואַרשעווער גמינע, דער פאַרוואַלטער פון מתים־שטיבל דריקט זיך אויס מיט עקל און שנאה וועגן דעם אומגעקומענעם קאָמוניסט, ברעכט דער שניידער אויס:

„— אַ קאָמוניסט, זאָגט איר? פאַר אייך איז ער אַ קאָמוניסט... איר ווילט אפשר הערן, ווי האָט דאָס לעבן אויסגעזען? צו צוואַנציק שעה ביי דער מאַשין זומער און ווינטער... איין פּאָר הויזן... יעדע פרייע מינוט ביים ביכל. איך קום צוריק פרייטיק צו נאַכטס, די ליכט שוין לאַנג איינגעלאָשן, און ער ביי אַ קוים טליענדיקן לעמפּל ליגט און לייענט. ברויט און וואַסער, אַרבעט און ביכל. און אַזוי וואָך נאָך וואָך, חודש נאָך חודש, יאָר נאָך יאָר ביי מיר. און קיינמאָל קיין וואָרט פון טענה. פריילעך און צעזונגען ווי דער פויגל אויפן בוים. דערנאָך די נויט אין וואַרשע. דערנאָך פינף יאָר איבער פאַרשיידענע תפיסות, דריי חדשים אין קאַרצער, אויף אַ שטיי־

נערנעם פאַל אַ באַגאַסענעם מיט וואַסער. פאַר זיך קיינמאָל גאָרנישט. קיין פּרוי... א פערד, א אָרעם פערד, וואָס האָט זיך נישט געוואָלט לאָזן אויסשפּאַנען פאַרן ציל. אַזוי האָט אויסגעזען דאָס לעבן"...

אַזאַ ריכטיקע, ערלעכע כאַראַקטעריסטיק שטעלט אויס דעם יידישן קאָמוניסט דער פּשוטער שטעטלשער שניידער, ער נעמט עס פון טרייער לעבנס־אָבסערוואַציע און נישט פון אידעאַליזאַציע. רודניצקי האָט ארויסגעפירט ביים אַלטן קאַגאַן דעם איבערברוך נישט מעכאַניש, נאָר דורך צוויי פאַקטאָרן, וואָס זיינען אָרגאַנישע אין דעם שניידערס לעבן: דורך דער דערפאַרונג פון זיין אייגענעם אָרעמען מזל און דורך דעם געפיל פון אַ טאַטן, וועלכער האָט פאַרלאָרן אַ זון, דורך דעם געפיל, אַז דער זון איז געפאַלן פאַר א גערעכטיקער כלל־זאַך. אַזוי אַרום האָט דער אויסגענוצטער שניידער און אומגליקלעכער טאַטע געמוזט קומען צו די אויספירן, וועלכע האָבן אים געשטויסן אַרויסצוזאָגן די ביטערע ווערטער קעגן דעם קהלה־תקיף און די ציטירטע כאַראַקטעריסטיק פון אַ יידישן אַרבעטער־רעוואָלוציאָנער אין פאַרמלחמהדיקן פוילן.

ביז איצט זיינען יואל און זכריה די איינציקע פּראָלעטאַרישע געשטאַלטן אין רודניצקיס שאַפן. דער קאַטאַקליזם פון די יאָרן 1939 — 1945 האָט אויפן שרייבער געמאַכט אַזאַ איינדרוק, אַז זיין גאַנצע ווייטערדיקע שעפערישע טעטיקייט גייט אדורך נאָר אונטערן צייכן פון אָט דער קאַטאַסטראָפע. און היות די קאַטאַסטראָפע איז געווען אן אַלגעמיין־נאַציאָנאַלע, היות עס איז דורכן פאַשיזם אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער ערד־אויבערפלאַך א דריטל פון א פאָלק, האָט אויך די רעאַקציע פונעם קינסטלער געמוזט אויסוואַקסן צו א אַלגעמיין־נאַציאָנאַלן אויסדרוק. עס איז אומגעקומען נישט בלויז דער שיכט פון די יואלס, עס איז פאַרצוקט געוואָרן אין די קרעמאַטאָריע־פלאַמען דאָס גאַנצע שטעטל פון „זומער" און די טאַטעס איניינעם מיט די זין. דעם שרייבערס האַרץ איז פול מיט טרויער און צאָרן — עס איז אומגעקומען זיין פאָלק. אָבער די צווייטע זייט פון דער קאַטאַסטראָפע איז געווען — ווידערשטאַנד און גבורה, איז געווען — דער המשך פון דעם קאַמף פון די יואלס און זכריהס אין די נייע, גרויזאַמע באַדינגונגען פון געטאָ און פאַרטיליקונג. און דאָ באַקומט נישט רודניצקיס ליניע, די אָנגעהויבענע אין „פערד" און „יוזעפאָוו", איר פולן אויסדרוק. ער האָט זייער רירנדיק, זייער טיף און אויפריכטיק דורכגעוויטיקט די טראַגעדיע פון פוילישן יידנטום אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע; אין דער הינזיכט האָט ער קאָנסעקווענט קאָנטינואירט די אידעאָלאָגישע ליניע פון

„פערד״ און „יוזעפאָוו״, וואָרום טאַקע דער עכט־רעאַליסטישער, רעוואָלוציאָנערער הומאַניסטישער שרייבער איז דער באַזינגער פון דעם טרויער פון אַ פאָלק. די נאַציִשע טראַגעדיע באַקומט אין רודניצקיס דערציילונגען אַ שטאַרקן ק י נ ס ט ל ע ר י ש ן אויסדרוק. אין דער זעלביקער צייט ווערט דער המשך פון דעם קאַמף און קרבן פון די יוּאַלס און זכריהס, דער ווידערשטאַנד, אַרויסגעבראַכט נאָר פ ו ב ל י צ י ס ט י ש — נישט דורך געשטאַלטן און אָן שילדערונג. אין דעם סקיץ „Wielkanoc“ — „פסחא״ שרייבט טאַקע רודניצקי: „דאָס פאָלק, זיין סאַמע אונטערשטער שיכט, די טרעגער פון מילע, די שוסטער פון וואָלינסקע, די שמוגלער פון די סטאַווקעס — האָט איצט באַוויזן פאַר זיין אויבערשטן שיכט די פשוטע און אומדערשיטערלעכע אמתן פון לעבן״. די דאָזיקע פראָלעטאַריער האָט עס דער מחבר אין זין, ווען ער דערקלערט אין אָנהויב פון דעם חיבור: „די קעמפער זיינען אַוועק אויף זייערע פאָסטנס... זיי האָבן געהאַט איין פאָטערלאַנד — אַט די פאַרשיווע גאַסן זייערע, די אויסגעראָטענע דורך טיפוס און הונגער, די פעטע פון בלוט און ענויים... זיי האָבן נישט אָנגעהויבן דעם קאַמף פאַרן זיג. זיי האָבן געהאַט איין מאַשין־געווער, אַביסל קורץ וואָפן און גראַנאַטן־אייער, וואָס האָבן נישט אויפגעריסן״.

דאָס אַלץ איז געשריבן מיטן בלוט פון האַרץ, אויפריכטיק, באַוווּנדערנדיק, מיט אַ געפיל פון שטאָלץ. אָבער קיין געשטאַלטן האָט נאָך דערוויַיל דער אויטאָר פון דעם אויפשטאַנד־פּערסאָנאַזש נישט אַרויסגעפירט. דאָס לעבן, די געפילן, די האַנדלונג פון די יוּאַלס און זכריהס אין אָט די גרויזאַם־פרישע באַדינגונגען האָט רודניצקי אין זיינע ביז איצטיקע שאַפונגען אויף דער געטאָ־ און אומקום־טעמאַטיק נישט געוויזן.

און דעריבער האָט אין דער הינזיכט די ליניע פון „יוזעפאָוו״ און „פערד״ נאָך נישט באַקומען ביים מחבר פון „שעקספּיר״ דעם פולן אויסדרוק.

דאָס דאָזיקע טאָר אָבער בשום אופן נישט פאַרשטעלן דעם אומגעהייערן רושם, וואָס עס לאָזן איבער די דערציילונגען “Wiełki Stefan Konecki” — „דער גרויסער סטעפאַן קאָנעצקי״, „Ginący Daniel”, — „דער אומקומענדיקער דניאל״, „Wielkanoc” — „פסחא״, „Czysty Nurt” — „דער ריינער שטראָם״ און אַנדערע.

וואָס האָט באַגייסטערט דעם שרייבער זיך צו ווידמען כמעט אויסשליסלעך דער טעמע פון יידישן אומקום, דעם באַזינגען דעם מאַרטירע־

רישן סוף פון פוילישן ייִדנטום? דער מחבר קלערט עס אַליין אויף אין דעם סקיץ „פסחא״.

דער דאָזיקער חיבור איז געשריבן אין אַ דערהויבענעם סטיל, אַזוי ווי עס פּאַסט פאַר אַזעלכע געשעענישן ווי דער געטאָ־אויפשטאַנד און דער יידן־אומקום. אַ ביבליש־עפּישער אָטעם, געמישט מיט אַ איוב־טאָן, הויכט איבער אָט דער פּאַבוללאָזער שאַפונג, וווּ דער העלד אין דאָס גאַנצע פאָלק. מיט אָנערקענונג שרייבט רודניצקי וועגן די פּריינט, וואָס האָבן פון דער „אַרישער״ זייט געטראָגן הילף. מיט ביטערניש, צאָרן און בייסיקער איראָניע — וועגן די, וואָס זיינען געבליבן גלייכגילטיק, אָדער וואָס האָבן געטענהט: „צי האָט דער קעניג היטלער נישט געקענט לייזן די פראַגע אויף אַ אַנדער אופן?״ און ווייטער — די געפילן פון אַליינפּיין און שטאָלץ, וואָס האָבן איבערגעלעבט גלייכצייטיק די יידן, וועלכע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אויף דער „אַרישער״ זייט.

אין דער געגנט פון ברענענדיקן געטאָ באַגעגנט ער אַ יידישע פרוי, אַן אַנטלאָפענע פון „דאָרטן״ און ער הערט אויס איר שטילן שלוכץ: „זיי קומען אום. זיי גייען אונטער אַן אַ שפור. און עס וועט גאָרנישט בלייבן אַ חוץ חורבות, אַש און מטושטשדיקן אָנדענק נאָך אָט דעם ריזיקן לעבן, נאָך דער ליבשאַפט, יסורים, מנהגים, קענטעניש. נאָך זיי, וואָס זיינען געווען די לופט פאַר אונזערע לונגען״... זי זאָגט ווייטער: „זאָל דאָס כאַטש עמיצער אָנשרייבן, אויפהייבן הויך אונטערן הימל, געבן אַ דאָקומענט פון זייער לעבן און פון אָט דעם אוממענטשלעכן און אַזוי שיינעם סוף. אויב איינער וועט בלייבן, זאָל ער עס כאַטש אין אַ ביבל פאַרשרייבן! זאָלן מענטשן פון יענער זייט זיבעטן ים קומען צו די מויערן און אַזוי וויינען ווי מיר היינט״.

„די ווערטער זיינען אריין טיף אין מיר״, — זאָגט דער מחבר, — „איך וועל געדענקען די ווערטער פון דער יונגער שוואַרצער פרוי, וועלכע האָט נישט דערלעבט״.

רודניצקי פילט זיך ווי אַ אויספירער פון אַ הייליקער צוואה, ווי אַ קינסטלערישער בעל־פּנקס, ווי אַן עד־ראיה. ער פילט אויף זיך אַ חוב, וועלכן ער מוז אויספירן. דאָס איז דער זעלביקער געפיל, וואָס נורטעוועט דעם יידישן שרייבער, וועלכער שאַפט אין דער שפּראַך פון די יידישע מאַסן. אין עטלעכע דערציילונגען האָט רודניצקי אויפגעוויקלט אַ ריי דערשיינונגען פון יענער צייט, וועלכע קאָנצענטרירן אין זיך דעם סאַמע עיקר פון גרויל. די נטיה צו טראַגישקייט האָט דאָ באַקומען איר פולסטע אָנווענ־

דונג דורך געבן דעם אָטעם פון דעם נאַקעטן לעבן גופא. דער שרייבער־שער דמיון האָט דאָ געהאַט ווייניק וואָס צו טאָן. אָבער עס האָט זיך געפאָדערט דער גרויסער טאַלאַנט און דאָס פולע האַרץ, די טראַגעדיע פון אַ פאָלק נישט צו פאַרטוישן אויף קליינגעלט פון פּסיכאָלאָגישע גריבלענישן, פון שטייגעריזם, פון פאַטאַליזם, פון פאַרווישן דאָס פּנים פון מענטש. רודניצקי דער רעאַליסט און הומאַניסט האָט ביד־רמה גובר געווען די דאָזיקע שטרויכלונגען. ער האָט געגעבן אַ רעאַליסטיש בילד פון דער קאַטאַסטראָפע און אַ טיף מענטשלעכע אויפפאַסונג פון געשטאַלטן, אין וועלכע עס ווערן קאָנצענטרירט די טראַגעדיע און דער געראַנגל, דער גורל פון פאָלק.

רודניצקי באַשרייבט נישט, וואָרעם ער שרייבט וועגן זיך גופא. ער שטייט אַליין אין צענטער פון זיינע אויבדיקע דערציילונגען, ער איז אין זיי אי א סוביעקט, אי א אָביעקט. די איבערלעבונגען און איינדרוקן גייען דורך אים. ער שרייבט וועגן זיך, ווי וועגן אַ טייל פון יידישן פאָלק. ער איז דרייסט און אויפריכטיק — הן אין אויפדעקן זיך, הן אין מאָלן זיין פאָלק, הן אין ארויסברענגען די רעאַקציע פון זייטיקע. אין דריי אויפטרייסלדיקע דערציילונגען פירט ער ארויס דריי פּראָבלעמען פון יענער צייט און פון די טראַגישע נאָכווייענישן: דער אסימילירטער, אָפּגעפרעמדטער פון יידן יידיש־אָפּשטאַמיקער אין די אומגעריכטע באַדינגונגען פון זאָאָלאָגישן, פאַרטיליקנדיקן ראַסיזם; דאָס קאַפּיטל „האָטעל פּאָלסקי", אויפן פּאָן פון די פאַטאַלע אילוזיעס, וואָס האָבן פאַרפירט א גרויסן טייל יידן און זיי דערפירט צו זינלאָזן אומקום; און — די משפחה־טראַגיק נאָך דער באַפרייאונג ווי א פועל יוצא פון דער טרויעריקער אָקופּאַציע. די דאָזיקע פּראָבלעמען ווערן פאַנאַנדערגעוויקלט דורך געשטאַלטן און זייער גורלות — און אַרום אַט די הויפּט־סיוזשעטן: די דיגרעסיעס פון מחבר, וועלכע שפּילן אפשר די וויכטיקסטע ראָל, ווייל אין זיי ווערט געשילדערט דער אומקום, די טראַגיק, די אילוזיעס און דער געראַנגל. און אומעטום — צומבולטסטן אין דעם „גרויסן סטעפאַן קאָנעצקי" — דערשיינט דער מחבר אַליין, אויפדעקנדיק זיינע געפילן, דעם צאַפּל פון זיין נשמה, וועלכע איז געשליידערט געוואָרן אין כף־הקלע פון צעריסנקייט: פון איין זייט — בענקשאַפט און גאַרונג צום יידישן ציבור, פון דער צווייטער — דער ווילן צו אַנטלויפן פון געטאָ, דער אינערלעכער בונט קעגן דעם דאָזיקע טאָל פון געוויין: „דעם דריטן טאָג פון מיין זיין צווישן די מויערן האָט ד״ר בראַון מיך מיטגענומען אויף אַ אַרטיסטיש־מוזיקאַלישן אָוונט. דער פּראָגראַם? א צוזאַמענשטעל פון די

נביאים ביז שימעלן. דער יידישער גורל האָט געקלונגען אומעטום אַלץ איינס. אָבער איך האָב שוין נישט געקענט הערן! איך האָב געפילט אַ ווי־דערווילן צו קרבנותדיקייט, צו עקידה, צו די נביאים. איך האָב נישט געוואָלט קיין תכריכים, איך האָב געוואָלט רו, רו, רו, מיט וועלכן עס אָטעמט דער אָרעמסטער וואַרשעווער שוסטער ביי ז יי און וועלכער עס איז ביי אונז קיינמאָל נישטאָ". אינטערעסאַנט: בראַנדיסעס יאַקוב גאָלד („סאַמסאָן"), ווען ער גנבעט זיך אַרויס פון געטאָ, פילט ער זיך פאַרלוירן, ווי אַנגעוואָרן דעם באָדן אונטער די פיס, ווי שמשן אָן די לאָקן; רודניצקיס העלד פילט, פאַרקערט, אַ באַדערפעניש זיך אַרויסצורייסן פון געטאָ, צוליב נשמה־רו — ביידע שטריכן זיינען ריכטיקע און אמתדיקע. און ביידע פאַר־שטענדלעכע.

אָבער לאָמיר זיך אומקערן צו די הויפּט־געשטאַלטן פון די ווערק.

סטעפאַן קאַנעצקי איז אַ אַסימילאַטאָר, צי אַ משומד, אַ גרויסער אויטאָריטעט אין דער פּוילישער קולטור־וועלט, אַ זייל פון דער פּוילישער ליטעראַטור. ער האָט מיט יאָרן קריק לחלוטין איבערגעריסן מיט דער יידישער סביבה; נאָך מער: ער האָט מיט דער פען באַקעמפט די יידן, אַרויסגערוקט קעגן זיי אַלע אַנטיסעמיטישע טענות. און, ווי עס איז שוין תמיד, איז ער אויך אַ שונא פון די סאָוויעטן: אַנטיסעמיטיזם און אַנטיסאָוויעטיזם זיינען צווילינג־ברידער. ער האָט אילוזיעס בנוגע דער דייטשער מענטשלעכקייט, אָבער צו זיין אומגליק איז זיין פּנים געווען טונקל, זיין נאָז לאַנג און די אויערן אָפּגעשטאַנען. מיט עקל וואַרפט ער אָפּ דעם פאָרשלאַג צו גיין אין געטאָ, אָדער צו דערנענטערן זיך צו יידן אין דער סאַמע קריטישסטער, געפערלעכסטער צייט. ער האַלט זיך עקשנותדיק, טעמפּ אין זיינע אַלטע באַגריפן וועגן יידן אפילו אין אַנבליק פון אומקום. ער וויל מיט זיי קיין מגע ומשא נישט האָבן. אָבער די אומברחמנותדיקע צייט איז זיך נוקם, די טראַגישע פעלערן זיינען זיך נוקם: ער ליידט ווי אַ „יודע", ער מוז אויסשטיין אַלע בזיונות, אַלע דערנידעריקונגען און פּיינען. און בעת די אמתע יידן קענען עס אויסהאַלטן ווירדיק, ווערט קאַנעצקי ביי זיך טאָפּלט געפאַלן. אָבער עס העלפט אים נישט: ווען ער מאַכט אַדורך דעם פּיין־לאַגער און דעם בונט, און יאַוועט זיך צוריק ווי אַ געיאָגטער הונט אין זיין אייגענער שטוב, און דאָ קומט פּלוצים ווידער אָן דער כאַפּער, הייבט ער זיך אָן שאָקלען ווי זיינע אבות, וועלכע ער האָט פאַרלייקנט. — אין אַ געוויסער רגע האָב איך פעסטגעשטעלט, אַז זיין פּנים איז געווענדט אין דער זייט פון דער טיר, אַז ער הייבט אָן זינגען, ווי אַ שמייכל וואָלט זיך

פאַרוויקלט אויף זיין געזיכט. איצט האָב איך לסוף דערהערט זיין קול — אַ געזאַנג, סטעפּאַן קאַנעצקי האָט געזונגען אַן אַלט יידיש ליד מיט אַ יידי־שער מעלאָדיע, וועלכע מען קען דערקענען ווו די וועלט האָט אַן עק״...

די דאָזיקע אויסערלעכע פאַרוואַנדלונג פון קאַנעצקין אין אַן אַלטן טיפּישן ייד, איז אַ כאַראַקטעריסטיש בילד, וואָס טרעט אַרויס סיי ביי רודניצקין, סיי ביי אַנדזשעיעווסקין (פּראָפעסאָר ליליען, סיי ביי נאַלקאָווסקאַן („לאה, אָדער די ליבנדיקע טאָכטער״). דאָס באַטייט נישט ביי אָט די שרייבער קיין גלויבן אין עפּעס אַ מיסטישער בלוט־ירושה. עס איז בלויז אַ באַטאָנונג פון דער אינערלעכער איבערקערעניש ביי זייערע העלדן, וועלכע זיינען פריער געווען ווייט פון יידן און פרעמד צו יידישער סביבה. דאָס איז אויך די אַקצענטירונג פון דער אויסגלייכונג לגבי דעם געמיינזאַמען גורל, וואָס איז אָנגעוואָרפן געוואָרן דורכן היטלעריזם. קאַ־נעצקי האָט זיך לאַנג געראַנגלט קעגן אָט דער גורל־געמיינזאַמקייט מיט יידן, וועלכע עס האָבן אויף זיך גענומען אפילו די איידעלע גייסטער פון נישט־יידן (ווי דאָס קומט צום אויסדרוק ביי אַ ריי סאָוויעטישע און פּראָ־גרעסיוו פּוילישע שרייבער). אָבער קאַנעצקיס געראַנגל איז געווען אַן אומזיסטער, אַן אַנטיהומאַניסטישער, דאָס איז געווען דער צווייטער פּאַראָט, וועלכן ער איז באַגאַנגען אין זיין לעבן.

רודניצקי פאַרורטיילט די דאָזיקע פאַלשע איינשטעלונג פון קאַנעצקין, אָבער ער שילדערט אים מענטשלעך און צום סוף אַפילו דערהויבן. אָבער דערהויבן נישט אין זיינע אידייען, נאָר אין זיינע יסורים. און מיט אָט דער דערהויבנקייט פון קאַנעצקיס יסודים איז שווער מסכים צו זיין.

אין אַן אַנדער צייט פון דער אומקום־עפּאָכע פירט אונז אריין רודניצ־קי אין דער דערציילונג „דער אומקומענדיקער דניאל״. דאָס איז די לעצטע צייט פון דער שוידערלעכער דראַמע — דער אויסברוך פונעם וואַרשעווער אויפשטאַנד זומער־צייט 1944. און ווידער אַ שטיק יידישע טראַגעדיע: די קרבנות פון היטלעריסטישן טעראָר, די לעבעדיקע מתים שלייכן זיך אַרויס פון די לעכער און קעלערס און שטייען צו צום קאַמף, נישט וויסנדיק אַז די פירער־פאַרפירער האָבן דעם אויפשטאַנד פאַרמשפט אויף אומקום און דעם אַנשטרענג אויף קאַטאַסטראָפע. עס קומען אויף די נאָכוויי־עניש פון דער גרויליקער געשיכטע מיטן „האָטעל פּאָלסקי״ און די דעמלטדיקע אינערלעכע פייניקונגען — גיין, צי נישט גיין. אין דעם מייסטעריש גע־שילדערטן ווירוואַר און פּלאָנטער פון געשעענישן, אינעם מיש־מאַש פון כאַאָטישע קאַמפן, אין צוזאַמענשפּיל פון טראַגישע צופאַלן און מענטשלעכע

פּאַטאַלע טעותים קומט דערווייל אום — דורך די הענט פון דער א. ק.־ זשאַנדאַרמעריע — אַן אומשולדיקער מענטש — דניאל, איינער פון די זעלטן געבליבענע, וואָס איז אַדורך אַלץ און האָט דערלעבט ביזן אויפ־ שטאַנד.א יוסטיץ־מאָרד איבער א לעצטן מאָהיקאַנער, א זעלטענעם עד־ ראיה. אין דער דערציילונג זײַנען אַריינגעוועבט עטלעכע מאָטיוון — פון אַמאָל און פון דער קעגנוואַרט. צוויי יידישע געשטאַלטן — רפאל אכאצקי און דניאל דזשיקאָווסקי; דער ערשטער — אַן עמיגראַציאָניסט, דער צווייי טער — אַ דאָ־בויער. אַ שטיק אַלטער יידישער שטייגער ווערט בדרך רע־ מינעסצענץ אויפגעשטעלט אין „אומקומענדיקן דניאל״. און איבער אַלץ — דער טראַגישער אָטעם פונעם אויפשטאַנד, וועלכער איז פאַרמשפּט אויף דורכפאַל, דער אומזיניקער סוף אויפן שוועל פון באַפרייונג.

און די דריטע אויפטרייסלדיקע שילדערונג: „דער ריינער שטראָם״, די אַזוי טיפישע געשיכטע פון צעפליקטע אברים פון יידישע משפחות, זייער טראַגישער גורל, דער פועל יוצא פון דער גרויזאַמקייט פון דער מלחמה. צוויי יונגע הערצער, וואָס האָבן געאָטעמט מיט ליבע. אין באַר־ מאַלע צייטן — א מוסטערדיקע, האַרמאָנישע משפחה. אבער ווערט פאַר־ שטויסן אין א קריגס־געפאַנגען־לאַגער. אַמעליא ראַטעוועט זיך אין וואַרשע אויף דער „אַרישער״ זייט און מוז פאַר דעם צאָלן מיטן קערפער, האָט חתונה מיט אַ צווייטן און ווערט אַ מאַמע. און די טראַגישע באַגעגעניש נאָך דער באַפרייונג אויף די חורבות פון געטאָ. צוויי נאָענטע לעבנס מוזן זיך אָפּרייסן פון זיך, מוזן צעשטערט ווערן. אַ קללה זאָלן פאַלן אויפן פאַשיזם, אויף די מלחמה־הערצער!

אויב אין די פריערדיקע צוויי דערציילונגען קלינגט רודניצקיס טאָן ברויזנדיק, צאַרנדיק און אומרויק, ווערט „דער ריינער שטראָם״ אַרויסגע־ בראַכט אין עלעגישע מינאָר־טענער, ס׳איז אַ שטילער, נאָגנדיקער ווייטיק, אַ טיפע האַרץ־ווונד, אַ צעבראָכן געמיט. ס׳איז אַ עפּיטאַפיע אויף אַ לעבן, וואָס איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן און בלייבט דאָך פאַרוווּנדיקט, צעבראָכן.

אויך דאָ טרעט אַרויס אַ פאַראַלעגמיינערטע דערשיינונג, אַ שטריך פון דעם בראָך אין יידישן לעבן אין רעזולטאַט פון דער פאַרשאָלטענער אָקופּאַציע. רודניצקי צווינגט אויסצוטרינקען דעם ביטערן כוס ביזן סוף. אָבער נישט, כדי אַריינצווואַרפן אין פאַרנייגונג. ער מוז פאַרפיקסירן עיקר־ מאָמענטן פון אונזער טראַגעדיע, וועלכע ס׳איז נישט צו פאַרהיילן אין אַ רגע, נאָר פאָדערט לאַנגע, זאָרגעוודיקע מי; קודם כל אַ געזונטמאַכונג פון די נשמות.

אָבער ער גלויבט אין דער צוקונפט, ער האָט אָן אָפּן אויג פאַר דער נייער ווירקלעכקייט. נישט געקוקט אויף אַלע טראַגישע שילדערונגען, איז רודניצקי אין קיין פרט נישט שווערמוטיק. אומעטום פּולסירט זיין ליבשאַפט צום מענטש, ווי רירנדיק מענטשלעך זיינען אַבעל און אַמעליאַ און דניאל און אַפילו קאַנעצקי און רפאל! אַלע וואָלטן זיי געווען נוצלעכע עלעמענטן אין דער געזעלשאַפט און אַלע וואָלטן זיי זיך אויסגעלעבט פול, ווען נישט דער פאַשיזם, די מלחמה, די אָפּטויטנדיקע קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג.

אָבער עס קומען אויף נייע צייטן. עס סיגנאַליזירט זיי רודניצקי אין דער דערציילונג „דער מאַיאָר הובערט פון אַנדערסעס אַרמיי” אין דעם זעלביקן באַנד „שעקספּיר”. עס איז ביי אים איין טעמאַטישע גאַנצקייט, הגם דער מאַיאָר הובערט האָט נישט קיין שייכות צו דער טעמע פון געטאָ און אומקום. אין דער דאָזיקער דערציילונג רעדט דער מחבר וועגן זיין גרויסער בענקשאַפט צום אמתן פּוילן, דעם סאָציאַל באַפרייטן, וועגן דער קללה פון עמיגראַציע, וועגן דעם רוף פון ווידעראויפשטייענדיקן לאַנד צו אַלע שעפע־רישע כוחות צו געמיינזאַמען אָנשטרענג פאַר בויען און איבערבויען.

קאַזשימיעזש בראַנדיס

קאַזשימיעזש בראַנדיס געהערט צום נייעם נאָכמלחמהדיקן דור אין דער פוילישער ליטעראטור. זיינע צוויי פּראָזע־ווערק: „Miasto Niepokonane‘, „די נישט באַזיגבאַרע שטאָט“ און „Samson“ „שמשון“, זיינען דערשינען אין די יאָרן 1946 און 1947. בראַנדיס איז ניי נישט נאָר ווי אַ שרייבער, ער איז ניי נישט בלויז אין דער טעמאַטיק, ער איז אויך ניי אין הינזיכט פון שעפערישן מעטאָד. ער איז אַ רעאַליסט — ער גיט אַלזייטיק די ווירקלעכקייט, אונטערשטרייכנדיק די אַנטוויקלונגס־טענדענץ פון די געשעענישן; ער פילט שטאַרק דעם אָטעם פון אונזער צייט און איר אידייאישע דאָמינאַנטע; שילדערנדיק פאַקטן, געשעענישן, געשטאַלטן, לאָזט ער זיך נישט אַראָפּ צום געמעל, נאָר פאַראַלגעמיינערט אים אויף אַ פּלאַס־טישן, קינסטלערישן אופן; געבנדיק פּסיכאָלאָגישן געמעל, מיידט ער אָבער מזלדיק אויס פּסיכאָלאָגיזם, נשמה־גריבלעניש; מאָלענדיק אויפטרייסלענ־דיקע בילדער, פאַלט ער נישט אַריין אין נאַטורליזם. זיין סטיל איז קלאָר און קאָנצענטרירט; זייענדיק דורכגענומען מיט ליבשאַפט צום מענטש, אָפּע־רירט ער מיט אַ לירישן אונטערטאָן אינעם טעקסט; שטעלנדיק אין צענטער פון זיינע באַשרייבונגען אַ קאָנקרעטע פּערזענלעכקייט, פאַרוואַנדלט ער זי אין אַן אויסדרוק פון מענטשלעכן גורל. ער קען שילדערן מאַסן־באַוועגונג און מאַסן־רעאַגירונג נישט אַריינפאַלנדיק אין מליצה. אַזוי אַרום, הגם בראַנדיס איז אויך נישט פריי פון פעלערן, וועגן וועלכע עס וועט זיין אַ רייד ווייטער, קען דאָך זיין ביז־איצטיקע שאַפונג אידעאָלאָגיש און סטיליסטיש באַצייכנט ווערן ווי אַזאַ, וואָס גייט צום סאָציאַליסטישן רעאַליזם.

צווישן די צוויי ערשטע ווערק זיינע איז פאַראַן אַ גרונט־אונטערשייד: בעת „די נישט־באַזיגבאַרע שטאָט“ פאַרמאָגט נישט קיין קאָנקרעטן מענטש־

לעכן העלד, האָט „סאַמסאָן" אַ באַשטימטע הויפּט־געשטאַלט. דער העלד פון ערשטן ווערק איז די שטאָט וואַרשע, אייגנטלעך — אירע מוטיקע איינ־וווינער; דער הויפּט־העלד פון צווייטן בוך איז אַ מענטש, דער ייד יאַקוב גאָלד. אין „דער נישט־באַזיגבאַרער שטאָט" האַנדלט זיך וועגן שיקזאַל פון אַ שטאָט, אין „סאַמסאָן" וועגן גורל פונעם ייד — הגם סיי אין ערשטן ווערק, סיי אין צווייטן פיגורירן נאָך געשטאַלטן, פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע. „די נישט־באַזיגבאַרע שטאָט" איז געשריבן אין אַן אויטאָביאָגראַפישער פאָרם, בלשון „איך", „סאַמסאָן" איז אַ דערציילונג וועגן אַנדערע, הגם אויך דאָ פילט זיך די אייגענע איבערלעבעניש פון מחבר. מחמת די אונטערשיידן זעט זיך אָן אויך אַ חילוק אינעם טאָן — „די נישט־באַזיגבאַרע שטאָט" איז געשריבן אין אַ לירישן טאָן, ערטערווייז אַפילו אַ ביסל צעשויבערט; „סאַמסאָן" איז געשריבן אַזוי צו זאָגן מענעריש, קרעפטיק, קאָנצענטרירט, הגם אויך דאָ פילט זיך אַ לירישער אונטערטאָן צווישן די שורות.

„די נישט־באַזיגבאַרע שטאָט", אָט די לירישע געשיכטע פון העלדישן וואַרשע זינט דעם טאָג, ווען עס איז אַריין דער שונא ביז דעם אַריינמאַרש פון דער באַפרייערישער רויטערי אַרמיי, איז אין אַ זייער גרויסער מאָס געווידמעט אויך דעם קרוב האַלב־מיליאָניקן יידישן קיבוץ פון פוילנס הויפּט־שטאָט, זיינע צרות און ענויים און זיין וווּנדערלעכן ווידערשטאַנד, דעם אויפשטאַנד פון געטאָ. באַ בראַנדיסן זיינען נישט דער פוילישער און דער יידישער סעקטאָר פון דער שטאָט — קיין צוויי באַזונדערע שטראָמען; וואַרשעווער יידן זיינען אַ נאַטירלעכער און אָרגאַנישער טייל פון דער שטאָט.

פון דעם ערשטן בילד — „דער אַלטער ייד, וואָס ווערט געפירט אונ־טערן אָרעם דורך אַ ייִנגל מיט פּאהלעך; בלויז איין מאָל האָב איך אים אַריינ־געקוקט אין די אויגן און כ'האָב זיך צוריקגעצויגן, אַזוי פיל פּיין איז אין זיי געווען", — ביז דעם טראַגישן זעלבסטמאָרד פון דעם יידישן דאָקטאָר אויף דער „אַרישער" זייט, ביזן לעצטן שאָס־אַפּהילך פון קעמפנדיקן און צאַנקנדיקן געטאָ, גייט אַדורך די קייט פון יידישןליידן, און די דאָזיקע מאַרטירערײַ איז אַ טייל פון וואַרשעס יסורים־וועג בכלל. וואַרשע איז אומ־באַזיגבאַר — אין דער דאָזיקער אומבאַזיגבאַרקייט שטעקט אויך יידישער פאַרדינסט, יידישע גבורה. דער גורל פון די יידן איז דעמאָלט געווען דער גורל פון וואַרשע. אַ חרובע געטאָ באַטייט אַ רואינירטע וואַרשע. צי זיינען די טרערן פון דער יידישער מאַמע — פרעגט דער מחבר, — ווייניקער ביטער פון אַנדערע מוטערשע טרערן? — די קאַפּיטלען, וואָס זייער טעמע

איז דער קאַמף און דער אומקום פון וואַרשעווער געטאָ, זיינען נישט קיין באַשרייבונגען, נאָר השתפכות הנפש און אַ הימן — פאַר דעם אויפשטאַנד. סיי די שפּראַך, סיי דער אופן פון אויסדריקן די געפילן זיינען, אייגנטלעך, פּאָעזיע אין פּראָזע. עס איז אי אַ הימן פאַר יידישער גבורה, אי אינערלעכע פּיין פון מחבר, הלמאי ער איז נישט דאָרטן, הינטער די מויערן, אינײנעם מיט די קעמפנדיקע. אין די אַלע קאַפּיטלעך פילט זיך דער אינערלעכער אומרו פונעם שרייבער — דער קאַמף פון די יידן גייט אים זייער טיף אָן, ס'איז זיין קאַמף, ס'איז דער גראַנגל פאַר זיין גורל. מיט שטאַרקע טענער ברענגט בראַנדיס אַרויס דעם עיקר־זין פונעם געטאָ־אויפשטאַנד — די רע־האַביליטאַציע פון דער יידישער ווערדע. וויפיל אויסדרוק ליגט אינעם קורצן זאַג פון מחבר: „דאָס פייער פון די יידישע דעכער האָט באַשטימט, ווו די טראַמווייען דאַרפן זיך אָפּשטעלן". אויפן פאָן פון די געשעענישן אין געטאָ וואַקסט אויס די פיגור פון ד"ר זשעלינסקי — דער יידישער דאָקטאָר, וואָס איז אַנטלאָפן פון געטאָ און באַהאַלט זיך אויס ביי דער פוילישער אינטעלי־גענטקע באַלבינאַ אונטער אַ פאַלשן „אַרישן" נאָמען. זשעלינסקי איז נישט קיין צעשראָקענער פליט, וואָס ציטערט פאַר זיין הויט, ס'איז אַ הויך מאָ־ראַלישער מענטש, וועלכער ליידט אינערלעכע יסורים פאַר זיינע ברידער, וועלכער לויפט אַרום אין גאַס, טראָגן די בפירושע געפאַרן, כדי צו וואַרפן אַ לעצטן בליק אויף זיין היימלאַנד, די מוראַנאָווער געגנט, כדי איינצווזיגלען דאָס בילד אין האַרצן; אָבער דאָס האַרץ האַלט נישט אויס, זשעלינסקי געמט זיך דאָס לעבן. אַוודאי קען מען פאַרוואַרפן דעם מחבר — אַזאַ מחבר — וואָס דער איינציקער ייד, וועלכן מיר זעען אין די אויפשטאַנד־טעג „אָן פּאַס", איז אַן אינטעליגענט, וואָס פאַלט אַריין אין רעליגיאָזיטעט, און נישט איינער פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. אָבער דער דאָזיקער אינטעליגענט איז אַ ווירדיקער מענטש און רופט אַרויס נישט סתם מיטגליד, נאָר סימ־פּאַטיע און דרך־ארץ.

דורך עטלעכע געשטאַלטן דריקט בראַנדיס אויס די שטעלונג פון דער פוילישער געזעלשאַפט צום יידישן אויפשטאַנד. באַלבינאַ און סטאַש זיינען די פאָנען־טרעגער פון די צוויי מענטשלעכע טאַטן — הילף און קאַמף. ביז גאָר כאַראַקטעריסטיש איז דער אויסטייטש, וואָס בראַנדיס גיט דעם טער־מין: „ס. אָ. ס."; דער פשט, לויטן מחבר, איז: „ראַטעוועט אונזערע נשמות!". די נשמות זיינען פאַרקריפּלט געוואָרן דורך די, וואָס באָטן אָן אַ גאָלדענע קיינבאָק, אָן אַרויסגעריסענע ביי אַ יידישן בר־מינן. די נשמות זיינען גע־

ראַטעוועט געוואָרן דורך די באַלביגאָס און סטאַשס. און איבער דעם אַלעם שוועבט די נביאישע וואָרנונג: „צווערשט די יידן, דערנאָך אונז!״.

די ניכטערע, פּאָראויסזעעוודיקע, אמת־פּאַטריאָטישע עלעמענטן פון דער פּוילישער געזעלשאַפט האָבן טאַקע — אין קעגנזאַץ צו די אַנטיסע־מיטישע — געוואָרנט: נאָך די יידן וועט קומען די ריי אויף אונז, פּאָליאַקן, אויף סלאַוון בכלל. די געשיכטלעכע דראַמע האָט זיך נישט געענדיקט מיטן גרויליקן טאָג פון 16־טן מאַי 1943, ווען גענעראַל יורגענד סטראָאָפּ האָט ראַפּאָרטירט צו זיין שעף, דעם גענעראַל קריגער, אַז די ליקווידירונג פון די יידן אין וואַרשע איז פאַרענדיקט. אין אַ יאָר אַרום איז אויסגעפאַלן — הגם צוליב אַנדערע סיבות, צוליב פאַלשקייט און פאַראַט — אַן ענלעכער גורל אויף דעם פּוילישן טייל פון דער פּוילישער הויפּט־שטאָט. נאָכן געטאָ ווערן חרוב די פּוילישע ראַיאָנען, און אויך דערמלט באַמערקט דער מחבר יידן — די לעצטע האַלאָוועשקעס פון יידישן קיום, די על־פּי־נס אָפּגעראַ־טעוועטע, וועלכע זיינען איצטער ארויס פון די בונקערס, די מענטשן־סקע־לעטן מיטן בלוי־געלן קאָליר אין זייערע געזיכטער; ער פילט אַרויס זייער טיפן אומרו פאַרן מאָרגן. אָבער ער ווייסט אויך וועגן נאָך יידן: באַנאַנד מיט דער וואַלד־אָפּטיילונג פון פּוילישן קאָמאַנדיר ראַפאַל, איינציגעם מיטן סאָוויעטישן פּאַרטיזאַן איוואַן, קעמפט דער יידישער נקמה־נעמער כאַסקל, דער בלעכער פון מאָגעלניצע, דער סימבאָל פון דעם יידישן פּאַרטיזאַנישן געראַנגל. דער גרוס פון כאַסקל דעם פּאַרטיזאַן איז דער שלוס־אַקאָרד פון דעם יידישן מאָטיוו פון בראַנדיסעס שיינעם ראָמאַן וועגן וואַרשעס גבורה. ס׳איז אַ בוך פון ליידן און פון גרויסן אָפּטימיזם. דער דאָזיקער אָפּטימיזם איז אויך שייך דער יידישער טעמע אינעם ווערק, הגם אָט די טעמע איז אַזוי טראַגיש, הגם דער מחבר מינדערט נישט אויף קיין איין האָר די טיפע טראַגיק פון יידישן פאָלק.

דאָס צווייטע בוך „סאַמסאָן״ איז דער ערשטער טייל פון דעם ראָמאַ־נען־ציקל „צווישן מלחמות״, אין וועלכן בראַנדיס שטעלט זיך פאַר אַ ציל צו געבן גורלות פון מענטשן — פונעם ייד, פון פּוילישן רעוואָלוציאָנער, פון פּוילישן אַריסטאָקראַט. דער ערשטער ראָמאַן פון אָט דעם ציקל — „סאַמסאָן״ — איז אַ דערציילונג וועגן דעם מלחמה־גורל פון ייד, אָדער — ווי דער מחבר דריקט זיך אַליין אויס: די געשיכטע פון אַ מענטש, וואָס ווערט פאַרפאָלגט צוליב זיין עצם־עקזיסטענץ. בראַנדיסעס אויסגאַנג־פּונקט איז, אַז דער גורל פון מענטש איז דער גורל פון זיין קלאַס און פון זיין פאָלק. אויב דער לעבנס־וועג פון פּוילישן אַריסטאָקראַט טאָלאָ שאַרלעי

ווערט באַשטימט דורך דעם אָפּשטאַם, פּסיכיק און איינשטעלונג פון דעם דאָזיקן קינד פון דער אַריסטאָקראַטיע; אויב דאָס לעבן, קאַמף און טויט פון פּוילישן קאָמוניסט וואַצלאַוו פּאַנקראַט ווערט געקערעוועט דורך דעם ווילן פון דעם דאָזיקן העלדישן פּאַליאַק צו דינען דער זאַך פון אַרבעטער־קלאַס — ווערט דער גורל פונעם יידישן בחור, יאַקוב גאָלד, געשטאַלטיקט נישט דורך זיין אייגענעם ווילן, נאָר מחמת דעם איינציקן פאַקט, וואָס ער, דער ייד, איז געבוירן און עקזיסטירט. בראַנדיס נעמט אָבער נישט דעם ענין אַבסטראַקט, ער שטעלט אַוועק גאָלדן אין באַשטימטע היסטאָרישע באַדינגונגען — גאָלדס גורל, דער גורל פונעם ייד, ווערט אַזוי און נישט אַנדערש געקערעוועט, ווייל דאָס געשעט אין דער וועלט פון קאַפּיטאַליזם, אין דער עפּאָכע פון אימפּעריאַליסטישע מלחמות, אין אַ געזעלשאַפט פון סאָציאַלן אומיושר, נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג און דערדריקונג פון דער פּערזענלעכקייט, אין דער עפּאָכע פון היטלער־פאַשיזם. פון דער צווייטער זייט ווירקט — אין פּאָזיטיוון, צו העלדישקייט שטויסנדיקן זין — די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג; אויך זי קערעוועט מיטן גורל פון יונגן ייד. דאָס איז די גרונט־איינשטעלונג ביי קאַזשימיעזש בראַנדיס, אָבער דאָ און דאָרטן קומט אַ דורכבריים אין דער ריכטיקער אַלגעמיינער ליניע.

ווער איז יאַקוב גאָלד? דאָס איז אַ יידישער בחור פון אַ פּראָווינץ־שטאָט, אַ דערצויגענער אויף דער פּוילישער קולטור. ער גיט זיך אָן: נאַציאָנאַליטעט — פּוילישע, מוטער־שפּראַך — פּויליש (דרך־אגב: יידיש ווערט אין בראַנדיסעס ראָמאַן, טעותדיק, באַצייכנט מיטן נאָמען „זשאַרגאָן"). אָבער ווען דער יידישער גורל אין ענדעקיש־סאַנאַטאָרישן פּוילן כאַפּט אַריין דעם נישט דערפּאַרענעם יאַקוב אין זיינע קלעשטשעס, און דער יונגער גאָלד מוז אויסשטיין אין בילבול־פּראָצעס פאַר כלומרשט פאַרשווערכן דעם דענקמאָל פון אומבאַקאַנטן זעלנער און אַ צווייטן פאַר גישטווילנדיקן דעררהגהנען אַן אַנטיסעמיטישן סטודענט מחמת אַליינפאַרטיידיקונג, דעמלט דערוואַכט אין בראַנדיסעס העלד דער פּראָגרעסיווער נאַציאָנאַלער באַוווסטזיין פון אַ ייד; ווען דער ריכטער פרעגט אים אויפן צווייטן פּראָצעס די נאַציאָנאַליטעט, שווייגט ער, און נאָך אַן אינערלעכן געראַנגל און ספק שטאַמלט ער אַרויס: „פּוילישע".

אָבער יאַקוב גאָלד ווערט אַ ייד. עס קומט אויף ביי אים דער יידישנאַציאָנאַלער באַוווסטזיין פּונקט ווי ביי אירענאַ ליליען פון אַנדזשעיעווסקיס „גרויסער וואָך" — אונטערן דרוק פון די יידישע, ד. ה. — פון די אייגענע און אַלגעמיינע צרות. ביי יאַקוב גאָלדן אַנטוויקלט זיך דער דאָזיקער פּראָ־

צעס אַנדערש ווי ביי אירענאַ ליליען. ביי יאַקוב גאָלדן קומט אויף נישט בלויז שנאה צו זיינע פאַרפאָלגער, נאָר קודם־כל דער ווילן צום קאַמף און דער באַגער צו דערהויבן די יידישע ווערדע. בראַנדיסעס העלד פאַלט נישט אַריין אין נאַציאָנאַליזם. ער זוכט אין דער פאַרגאַנגענהייט אַ טראַדיציע־אָנלען, ער געפינט עס אין צווײ קאַטעגאָריעס גבורים, וועלכע דערגאַנצן זיך — אין דער ליניע בערעק יאָסעלעוויטש, יאָסל בערקאָוויטש, לאַנדע, און אין דער ליניע שמשון, אין דער פּראָגרעסיווער קאַמף־טראַדיציע פון פוי־לישן יידנטום און אין דעם גיבורישן גייסט פון דער אַלטער ביבלישער מיטאָלאָגיע. ער וואָרצלט אין דער פוילישער ערד. ווען זיין יוגנט־חבר, דער אַריסטאָקראַט טאָלאָ שאַרלעי פרעגט אים האַרט פאַר דער מלחמה, צי האָט ער נישט בדעה אויסצוואַנדערן פון פוילן און זוכן גליק אין דער ברייטער וועלט, ענטפערט גאָלד — אויך נאָך אַ לאַנגן ישוב־הדעת: „מיין גאַנצע משפחה איז געבוירן אין פוילן, דער פאָטער, די מוטער, די זיידעס און זייערע עלטערן. זיי האָבן וויניק זיך אָוועקגערירט פון דאַנען. פאַרוואָס דאַרף איך עפּעס אויסוואַנדערן?" און איינצייטיק וואַכט אויף אין אים די שמשון־טראַ־דיציע, דאָס געדעכעניש פון די מאַקאַבייער, און ווען ער פאַלט אַריין אין אַ סביבה פון פוילישע אַנטיפאַשיסטישע קעמפער און ער דאַרף זיך אויס־קלייבן אַ קאָנספּיראַטיוון נאָמען, נעמט ער דעם פּסעוודאָ „סאַמסאָן" — ער וויל דערמיט אונטערשטרייכן זיין יידישקייט, זיין נאַציאָנאַלע ווערדע, פונקט ווי ער לייכט אויף אינגאַנצן, פונקט ווי ער ווערט שטאָלץ, ווען — זיצנדיק אין קעלער ביים גוטהאַרציקן פוילישן פאָלקס־מענטש יוזעף מאַלי־נאַ — דערוויסט ער זיך וועגן דעם ווידערשטאַנד פון די יידן אין געטאָ.

יאַקוב גאָלד ווערט אַרויסגעפירט דורך בראַנדיסן ווי אַ דורכאויס ערלעכער מענטש; און ווידעראַמאָל: דער יידישער העלד פון „סאַמסאָן" רופט אַרויס צו זיך נישט סתם מיטגעפיל, נאָר קודם־כל דרך־ארץ. ער פאַלט מיט אַ טויט פון אַ גיבור, מיט אַ שמשון־טויט, געבנדיק מיט זיין טאַט אַ נייעם תיקון דעם לאָזונג פון אונזער אור־פאָטער, וואָס האָט אָפּגע־הילכט אין משך פון דורות: „תמות נפשי עם פלישתים". שליידערנדיק דעם גראַנאַטן־פּעקל אין די אַריינדרינגנדיקע דייטשן אין דער קאָנספּיראַטיווער דירה, קומט אום גאָלד אַליין, דער מאָדערנער שמשון.

און דאָך פילן מיר, אַז עפּעס פעלט אין דער דאָזיקער רעשטלאָז סימ־מאַטישער, פאָזיטיווער און ביישפּילנדיקער געשטאַלט.

ראשית — קומט גאָלד־סאַמסאָן אַרויס ווי אַ פיגור, וועלכע איז אונ־טערגעוואָרפן בלויז און אויסשליסלעך דעם אַלמעכטיקן כוח פון גורל. עס

באַקומט זיך דער איינדרוק, אַז יאַקוב גאָלד טוט נישט, ווירקט נישט, רעאַ־גירט נישט, נאָר עס טוט זיך מיט אים. ס׳איז עפּעס ווי אַ מאָדערנער גולם (אין בעסטן זין פון וואָרט). אַלץ טשעפּעט זיך צו אים און ער זעט אויס ווי אַ גרויס תמימותדיק און אַפילו באַאיוו קינד. ער איז מער אינסטינקט, איידער באַוווסטזיין.

צווייטנס — ווערט דער יידישער העלד אָפּגעריסן פון דער יידישער סביבה און טיילווייז אויך פון דער אַלגעמיינער פּראָגרעסיוו־פּוילישער, לאָמיר נעמען, אַ שטייגער, אַזאַ וויכטיקע געשעעניש ווי דער פּראָצעס פון דעם דאָזיקן יידישן סטודענט, וועלכער ווערט באַשולדיקט אין דערהרגענען אַ פּוילישן קאָרפּאָראַנט. דער אָנגעקלאָגטער שטייט אינגאַנצן איינזאַם. שוין־זשע האָט אַזוי טאַקע אויסגעזעען די ווירקלעכקייט? ווו איז דער אויפ־ברויז אין דער יידישער געזעלשאַפט? ווו איז די רעאַקציע פון די פּוילישע פּראָגרעסיווע כוחות? זיינען דאָך די אַלע אַנטי־יידישע בילבול־פּראָצעסן פאַרוואַנדלט געוואָרן, קעגן ווילן פון זייערע אינספּיראַטאָרן און אינסצעני־זאַטאָרן, אין שלאַכט־אַרענעס צווישן יושר און רעאַקציע, צווישן די פריינט פון די יידן און דער פאַשיזירטער פּראָקוראַטור! און יאַקוב גאָלד איז איי־נער אַליין, בלויז זיין קאָלעגע אַרטור יאַאָס ווינקט צו אים דערמוטערנדיק...

די דאָזיקע באַוואָרענישן צו בראַנדיסעס ראָמאַן וועגן גורל פונם ייד אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט האָבן מיר געהאַט אין זינען ביים באַמערקן אין אָנהויב פון אַרטיקל, אַז אין זיין דראַנג צום סאָציאַליסטישן רעאַליזם זיינען פאַראַן אַ ריי דורכרייסן.

אָבער זאָלן די בלויזן נישט פאַרשטעלן דאָס עיקרדיקע — דאָס אמתע, ריכטיקע און דערהויבענע אין דעם אין גרונד, וועלט־באַנעמעריש, אָפּטי־מיסטישן ראָמאַן. זאָל דאָס נישט פאַרווישן דעם גרויסן פאַרדינסט פון מחבר, וועלכער האָט אַרויסגעפירט אַ יידישן ווידערשטאַנד־העלד, וועלכער האָט אין אַזעלכע רירנדיקע בילדער געשילדערט די פריינטשאַפט פונם פּוילישן קאָמוניסט פאַנקראַט, פון דעם פּוילישן פּראָלעטאַרישן מיידל וואַלאַ, פון דעם ריקשאַ־פאַרער פּיאָלקאַ, פון דער קאָנספּיראַטיוון זעצער ווילגאַ, פון אינטערעסאַנטן פאָלקס־מענטש מאַלינאַ, פון דער גוטער נשמה קאַזיע — לגבי דעם טויט־געהרגעטן יידישן בחור. דערביי איז בראַנדיס געבליבן טריי דער אַלזייטיקייט פון דער ווירקלעכקייט, נישט שווייגנדיק לגמרי דעם פּוילישן מסור און שמאַלצאָווניק זענאָן קוויעטשען און דעם אַריסטאָקראַט טאַלא שערלעי, פונקט ווי ער דעמאַסקירט דעם יידישן שאַנטאַזשיסט און געסטאַפּאָ־מסור, וועלכער ברענגט אויף יאַקובן אַן אומגליק. אָבער ווי אַ

רעאַליסט פאַרשטייט בראַנדיס, אַז די צוקונפט איז מיט יענע, מיט די פאַנ־קראַטס און וואלאס, בעת די קוויטשענס און שאַרלעיס זיינען פאַרמשפט צום אונטערגאַנג, צו פאַרשווינדן.

אינם ראָמאַן פרווט בראַנדיס אויסשטעלן אויך עטלעכע פּראָבלעמען פון יידישן פאָלק. איינעם מיט יאַקובן פירט ער אַרויס אַ צווייטע יידישע געשטאַלט, דעם סטודענט אַרטור יאַאַס, אַ טיפּישער פאָרשטייער פון אַ טייל פון דער יידישער אינטעליגענץ, וועלכער פאַלט אַריין אונטערן דרוק פון די רדיפות אין אַ יציאת־אייראָפּע־שטימונג. דער מחבר איז בפירוש אויף דער זייט פון יאַקוב גאָלד, וועלכער בינדט זיך אין דער טראַדיציע פון בערעק יאָסעלעוויטש, אָבער ער שילדערט באַאַזן מענטשלעך און סימפּאַ־טיש מיט אַלע זיינע יידישלעכע שפּראַך־ווערטלעך און בליץ־געדאַנקען, וועלכע זיינען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם אַ טיפּ אינטעליגענט. מיט זייער וואַרעמע שטריכן מאָלט בראַנדיס די יידישע מאַמע. איבער די יידישע געשטאַלטן וויעט דער טראַגישער אָטעם פון דורותדיקע ליידן, און הגם עס ווערט אין איין אָרט אַרויסגעזאָגט דער נישטבאַגרינדעטער געדאַנק, אַז „די יידישע יסורים זיינען דער כוח פון איטלעכן ייד", פילן מיר אָבער בחוש, אַז נישט אין די ליידן ליגט אונזער כוח, נאָר אין דעם ווידערשטאַנד, אין דעם קעמפערישן תיקון, וועלכן מיר באַווייזן צו געבן אונזער חלום וועגן ווירדיקער גבורה.

דאָס איז דער אידעישער און דערציערישער סך־הכל פון דעם האַר־מאָניש קאָנסטרואירטן ראָמאַן, וואָס איז געשריבן אין גוזמאדיקער איבער־טרייבונג, אָבער אויך אין באַהאַלטן עפּעס וואָס וויכטיקס פון דער ווירק־לעכקייט.

„סאַמסאָן" געהערט צו יענעם מין פּראָזע־קונסט, וועלכע לייענט זיך, ווי מען זאָגט עס, מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. אַזעלכע בילדער, ווי די פאַר־ווילונג ביי טאלא שאַרלי און אינמיטן דער יידישער בחור, ווי די שלאַכט אויפן אוניווערזיטעט־הויף, ווי די וואַנדערונג פון דעם ייד יאַקוב, דעם פאַקטיש טויט־פאַרמשפּטן, אויף די גאַסן פון וואַרשע, ווי די פּלוצומדיקע רעטונג דורך דעם ריקשאַ־פאָרער פיאַלקאַ — זיינען מוסטערן פון רעאַליס־טישער קונסט. נישט געקוקט אויף די אָנגעמערקטע בלויזן, בילדן קאַזשי־מיעזש בראַנדיסעס ראָמאַנען — ווערק, וועלכע דערמוטיקן איבערצוטראָגן ליידן, וועקן דעם גלויבן אין מיטמענטש און אַקטיוויזירן דעם באַגער צו גרויסע מסירת־נפשדיקע אויפטוען. דורך די בילדער פון צרות און גרויל קוקט אַרויס יאַקוב גאָלדס ערשטער שמייכל, דער שטאָלץ־שמייכל אויף דער בשורה פונם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ.

די ראָמאַנטיק פון געטאָ-אויפשטאַנד

סטעפאַן אָטווינאָווסקי

סטעפאַן אָטווינאָווסקיס באַציאונג צום עבר דריקט זיך אויס אין בענקשאַפט, אָבער נישט אין אידעאַליזירונג. ער בענקט נישט נאָך דעם פאַרגאַנגענעם סאָציאַלן סדר, נאָר נאָך נאָענטע מענטשן און סביבות, וואָס זיינען אכזריותדיק פאַרשניטן געוואָרן דורך דעם אָקופּאַנט. פון דעם נעמט זיך דער עלעגישער טאָן אין זיינע ווערק. דער ראָמאַן „אַ מצבה" — „נאַגראָבעק" איז אַן עלעגיע, אויסגעזונגען נאָך חברים, וועלכע זיינען אַוועק מיטן רויך. אויך אין דער דערציילונג „אין היימישן שטעטל" - „W rodzinnym miasteczku" ווו דער מחבר זינגט אויס די בענקשאַפט נאָך דעם זעלטענעם יידישן מענטש, דעם פעלדשער אַרבוז, שטעקט אַ סך עלעגיש. אָבער צוגלייך מיט דער ראָמאַנטישער בענקשאַפט קומט אויף ביי אָטווינאָווסקין אַן אַנדער מין ראָמאַנטיק, די ראָמאַנטיק פון גאַרונג צו אַ נייער וועלט.

די דערציילונג „אין היימישן שטעטל" וויקלט פאַר אונז פאַנאַנדער אַ בילד פון דער פוילישער פּראָווינץ באַלד נאָך דער באַפרייאונג. דער מחבר (די זאַך איז געשריבן אין דער ערשטער פערזאָן) קומט צוריק פון וואַגלעניש, עס איז אַ קומען, ווי אויף קבר־אָבות. ביי אָטווינאָווסקין דעם ראָמאַנטיקער איז געגוג שטאַרק אויך דער רעאַליסטישער עלעמענט, וואָס ער ברענגט צום אויסדרוק אין דער ריכטיקער שילדערונג פון דעם פעטער, אַ שטעטלשער בעל־גוף, וועלכער איז עגאָאיסטיש און איינצייטיק האָט ער מורא פאַר דער נייער מאַכט. דער רעאַליסטישער עלעמענט אַנטפּלעקט זיך

אויך אין אַרויסבריינגען דעם עקלדיקן טיפּ בוקאַלסקי — איינער פון יענע פאַרשוינען פון דער אויפגעקומענער לומפּן־בורזשואַזיע, וועלכע זיינען רייך געוואָרן אויפן אומגליק פון די יידן. דער דאָזיקער בוקאַלסקי האָט גערירשנט דעם אַנשטאַלט פון דעם יידישער פּעלדשער אַרבוז, וועלכער איז אין דעם אויטאָרס געדעכעניש פאַרבליבן ווי אַ מענטש, „וועמען קיין שום מענטשלעך געפיל איז נישט געווען פרעמד". דער העלד פון דער דערציילונג קומט נישט בלויז אויף קבר־אָבֿות, ער יאָוועט זיך ווי אַ שטרענגער מאָנער פון דין, ווי אַ נוקם פאַרן אומשולדיק פאַרגאָסענעם בלוט... טאַקע ער, דער פּאַליאַק, דער פּוילישער מענטש, וואָס האָלט אַז „לטובת דעם קינפטיקן יושרדיקן געזעץ דאַרף מען שטרענג באַהאַנדלען פאַרעטער, שעדיקער, פּאָלקס־פיינט", טאַקע דער דאָזיקער פּאַליאַק, וואָס טרוימט וועגן אַ גערעכטיקע אָרדנונג, אין וועלכער „אַלע וועלן קענען עסן ברויט, און אַפילו ווייס ברויט מיט פּוטער", טאַקע ער וואַקסט אויס צו דעם מאָנער פאַר די יידישע עוולות. אַטווינאָווסקי האָלט דאָס נישט פאַר קיין צופאַל, נאָר פאַר אַ נאַטירלעכער דערשיינונג. זיין העלד איז געוויס פון די, וואָס האָבן מסירת־נפשדיק גע־האָלפן די יידן אין ברענענדיקן וואַרשעווער געטאָ, און דעריבער האָט ער די פולסטע מאָראַלישע רעכט צו וואַרפן זיין אייגענעם פעטער, דעם קולאַק, סיבאַריט און עגאָאיסט, די חשבון־הנפשדיקע ווערטער: „די איינציקע שאַנד, צו וועלכער מיר מוזן זיך מודה זיין, איז טאַקע אונזער שטומע, אָדער זאַכ־לעכע באַציאונג צו דעם ענין, וועלכע רופט צו נקמה די הימלען". ווען ער זאָגט „מיר": מיינט ער נישט זיך, נישט זיין אידעישע גרופּע, נישט זיין שיכט, נאָר דעם כלל פון די פעטערס, וועלכע האָבן דעמאָלט געשוויגן און איצט דרייען זיי מיט דער נאָז אויף דער נייערווירקלעכקייט.

און אַטווינאָווסקיס העלד נעמט טאַקע נקמה פאַר זיין פאַרשניטענעם פריינט, דעם ייד אַרבוז, פאַר אַלע ערלעכע, אומשולדיק אומגעקומענע יידן פון זיין היים־שטעטל. ער דעמאַסקירט בפרהסיא דעם מנובל בוקאַלסקי און ער איז אין אַט דעם אויסמעסטן דעם מידת־הדין נישט אַליין. אויף זיין זייט שטייט די פּראָגרעסיווע אויפוואַכנדיקע יוגנט.

ווי מיר זעען, איז אַטווינאָווסקיס צוגאַנג צו דער יידישער טעמע אַ גע־מיש פון ראָמאַנטיק מיט רעאַליזם. אַזאַ אַנטפּלעקט ער זיך אויך אין דער דראַמע „פּסחא" — „ווילקאַנאָץ", וואָס איז געווען פון די ערשטע פּוילישע שאַפונגען אויף דער טעמע פון דער יידישער טראַגעדיע אין נאָך־מלחמה־דיקן באַפרייטן פּוילן. די דראַמע איז אַנגעשריבן געוואָרן דירעקט אונטערן איינדרוק פון פלאַקערנדיקן און קעמפנדיקן געטאָ אין וואַרשע אין אַפּריל —

מאַי 1943. דער סיוזשעט איז אויפגעקומען אין דעם מחברס שעפערישן דמיון אין פאַרבינדונג מיטן געדעכעניש פון דעם, וואָס ער האָט אַמאָל געזען אין יידישן טעאַטער. אָט וואָס אַטווינאָווסקי זאָגט אַליין וועגן דער גענעזע פון „וויעלקאַנאָץ" אין דער הקדמה צו זיין אָפּגעדרוקטן דראַמאַטישן ווערק:

„זייער שווער האָט איך איבערגעלעבט די אָקופּאַציע. דער באַוווסטזיין, אַז הונדערטער, אַפילו מיינע נאָענטסטע באַקאַנטע, האָבן נישט קיין מעגלעכקייט צו באַקענען די וועלט אַנדערש ווי נאָר דורך דער קראַטע פון תפיסה־פענצטער, אַז טויזנטער מיינע נאָענטע אין די קאָנצלאַגערן פאַרגעסן דעם אויסזען פון די פנימער פון זייערע נאָענטסטע, אַז מיליאָנען יידן שטיקן זיך, שטאַרבן פון הונגער אין אָפּגעשלאָסענע ראַיאָנען אָןביימער, גראָזן און פערספּעקטיוו אויף פעלדער און וועגן — דאָס אַלץ האָט מיך געצוווּנגען צו אַ כסדרדיקער אינערלעכער דיסקוסיע, גובר צו זיין דעם קאָשמאַר פון דער געשיכטע־רעוויזיע*). אין אָט די דיסקוסיעס, נישט בלויז אינערלעכע, האָט צוממערסטן אָרט צוגענומען ביי מיר טאַקע די יידן־פראַגע.

„פּאַמעלעך האָט זיך געשטאַלטיקט אין מיין מוח אַ באַזונדערע בענקשאַפט.

„געפינען זיך ווידער אין היים־שטעטל גראָדזשעץ. הערן — און איצט שוין אויף אַן אמתן פאַרשטיין — די הומאַניסטישע פילאָזאָפיע פון מיין פעטער, דעם מאָדערנעם מענטש. גיין שפּאַצירן מיטן טאַטן און פריזיער אַרבעט אין נאָענטן וואַלד. גייענדיק, קוויקן זיך מיט דער סימפּאַטיע, מיט וועלכער די יידישע געוועלבניקעס באַשענקען מיין פעטער, דעם אַפּטייקער, וואָס רעקאָמפּענסירט די טאָג־עוולות פון אַנדערע פּאָליאַקן לגבי דער יידישער באַפעלקערונג און דער יידישער אָרעמקייט.

„איך האָב געלייענט אַ סך. צווישן אַנדערע, וויספּיאַנסקין... איך האָב אָנגעטראָפן אויף אַן אינטערעסאַנטער לעקטור וועגן וויספּיאַנסקיס טעאַטער, וועגן דעם איינפלוס פונעם טראַגיקער אויפן יידישן טעאַטער, בפרט אויף פּרצן. דער פאַרגלייכנדיקער אַנאַליזם פון „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק" האָט מיר דערמאָנט אַ ספּעקטאַקל פון די קינדער־עקסקורסיעס אין טעאַטער. איך האָב אַמאָל באַקוקט אַן אויפגערודערטער פּרצעס „נאַכט" אין יידישן

*) דער מחבר מיינט דאָ דעם היטלער־רעזשים.

טעאַטער. און אַט די וויזיע האָט זיך צוריקגעקערט. נישט ווי אַ קינסטלע־רישע איבערלעבונג. נאָר ווי אַ פאַרפּליכטנדיקע פאַרגאַנגענהייט.

„זומער־צייט 1941 האָב איך זיך געלאָזט צו משפחה — פון וואַרשע קיין ווישקאָוו. דער אויטאָבוס האָט זיך פאַרהאַלטן אויפן וועג אין אַ קליין שטעטל. דער שטעטלדיקער מאַרק ווי אַ טעאַטראַלע דעקאָראַציע (וויספּיאַנ־סקי, פּרץ). דאָס רעאַלע שטעטל האָט זיך איינגעגלידערט אין דעם גאַנג פון אונזערע וויזיעס. עפּעס האָט מען מיט דעם געדאַרפט מאַכן. דער אוי־טאָבוס איז געשטאַנען פאַר אַן אַריינפאָר־הויז, וואָס איז מיט צוויי יאָר צוריק, געוויס, געווען אַ יידישער. פאַרנדיק, האָב איך קאָמפּאָנירט די פּרווון פון אַ קינפּטיקער דראַמע. די פרישע דערפאַרונג האָט שוין פאַרמאָגט דעם אַמאָל אויסגעאַרבעטן אַקאָמפּאַניאַמענט.

„די שרעקלעכסטע מלחמה־איבערלעבונג איז פאַר מיר געווען די ליק־ווידאַציע פון וואַרשעווער געטאָ"...

אַזוי דערציילט אַטווינאָווסקי אַליין וועגן זיך, וועגן דעם אויפקום פון דער אייגענער דראַמע, וועלכע איז אויסגעפאַלן ווי אַ צונויפפלעכט פון איינדרוקן פון פאַרשידענע עפּאָכעס און דורך פאַרשידענע פּריזמעס — אי דורך אינטעלעקטועלער באַציאונג צום יידן־פּראָבלעם, אי דורך באַריר מיט דער גרויזאַמער ווירקלעכקייט אין דעם יאָר 1943.

„ווּלקאַנאַץ" איז נישט קיין דראַמע, וועלכע קען האָבן מזל אויף דער בינע. זי איז נישט געשריבן ספּעציעל צו ווערן אויסגעפירט. די פאַרשטע־לונג אין טעאַטער לאָזט איבער אַ שוואַכערן רושם איידער די לעקטור פון אַטווינאָווסקיס „פּאַסחאַ". דאָס ווערק איז אָנגעלאָדן און אַפילו איבערגע־לאָדן מיט פּראָבלעמען און געשריבן איז ער גיכער אין נוסח פון אַ מיסטע־ריע. עס פילן זיך טאַקע די השפּעות פון וויספּיאַנסקיס „וועסעלע" און פּרצס „בייאַכט אויפן אַלטן מאַרק".

פון דריי מאָטיוו־געוועבן באַשטייט די דראַמע: צוויי היסטאָרישע און איינער אַן אַקטועלער, צוויי טראַדיציע־געדעכענישן, וועלכע זוכן אַ תּיקון אין דער היינטצייטיקייט, און דער דריטער — דער אייגנטלעכער אַקטועלער סיפּור־המעשׂה. דער ערשטער געוועב בינדט זיך מיטן דריטן — דורך דער ענלעכקייט פון די נעמען פון די פּוילישע העלדן און דורך דער קרובהשאַפט פון זייערע נשמות. דער צווייטער געוועב שאַפט איין זייט פון דער מטבע פון דער יידישער ווירקלעכקייט אין פּוילן — די צווייטע זייט איז דער יידישער ווידערשטאַנד אין דער אָקופּאַציע־תּקופה.

אין דעם צונויפפלעכט פון די דריי מאָטיוון האָט אַטווינאַווסקי, דער ראָמאַנטיקער, זיך באַמיט צו פאַרבינדן היסטאָרישן עבר מיטן אַצינד. אין די צווי טיילן פון אַטווינאַווסקיס אינערלעכער וועלט — אין דער פאַר־גאַנגענהייט, צו וועלכער ער בענקט, און אין דער קעגנוואַרט, וועלכע ער וויל דערהויבן, שטעקן ביידע עלעמענטן פון זיין קינסטלערישער נשמה: די ראָמאַנטיק און דער רעאַליסטישער סטיל, וועלכער רייסט זיך אַריין אינעם מיטן לעבעדיקן אָטעם פון דער ווירקלעכקייט.

לאָמיר עס דעשיפרירן.

דער ערשטער ראָמאַנטיש־היסטאָרישער מאָטיוו־געוועב איז די טראַדיציע פון פוילישן פראָגרעס פון זיבעצנטן יאָרהונדערט — די באַוועגונג פון די „פוילישע ברידער". דאָס איז געווען די ראַדיקאַלע שיטה פון דער פוילישער רעפאָרמאַציע, דער אָנהויב פון פוילישן ראַציאָנאַליזם און פרייען געדאַנק, אַן אידעאָלאָגיע, וואָס האָט אויסגעדריקט אַ בונט קעגן פעאָדאַליזם און וואָס איז אויף דורות פאַרויסגעלאָפן דעם פרייען קאַפּיטאַליזם. די „פוילישע ברידער", וועלכע האָבן געפּריידיקט גלייכהייט פון אַלע מענטשן, זיינען אַרויסגעטרעטן אין שוץ פון די געדרודפטע יידן. מיר געפינען זייער הומאַניסטישע באַציאונגען צום ייד און די לידער פון זייער פירער גזשעגאָזש פּאַוועל און אין די כתבים פון זייער אידעאָלאָגיע יאַן טשעכאָוויטש (דער זעלביקער, וועלכער האָט פּאָלעמיזירט מיט יעקב פון בעלזשעץ און יצחק טראָקי). אַטווינאַווסקי בינדט אָן אין אָט דער פּראָגרעסיווער טראַדיציע. און נישט ער בינדט סתם אָן, ער וויל די געשטאַלטן פון „די פּוילישע ברידער" טראַנספאָרמירן איבער דורות און זיי ווידעראויפלעבן אין אונזער צייט — אין זיין פּאָזיטיוון הומאַניסטישן פּערסאָנאַזש פון יאָר 1943. ער רופט — לחלוטין נישט על־פּי צופאַל — אָן די היינטצייטיקע פּוילישע פּראָגרעסיווע געשטאַלטן, וועלכע העלפן אַקטיוו די געטאָ־אסורים, מיט נעמען פון די אַמאָליקע פירער פון די פּוילישע רעפאָרמאַטאָרן און פרייע גייסטער — לאַסקי און פּשיפּקאָווסקי. די פּראָגרעסיווע פּוילישע אונטערערד פון 1943 איז ביי אים אַ המשך, אַ וויטערדיקער רינג אין דער גאָלדענער קייט, וואָס איר אָנהויב איז געשמידט געוואָרן דורך די „פּוילישע ברידער". דאָס געדעכעניש פון 17־טן יאָרהונדערט, די רעסטאַווריר־טע אינעם שעפערישן דמיון געשטאַלטן פון די „פּוילישע ברידער" וועבן זיך אַדורך דורך דער גאַנצער דראַמע און שאַפן אַ באַזונדערן מאָטיוו, וועלכער הערט אָרגאַניש איינגעפלאָכטן אין דער קינסטלערישער גאַנצקייט.

דער צווייטער מאָטיוו־געוועב, אַ ריין ראָמאַנטישער און אַ סימבאָלישער, איז די געשיכטע מיטן ברונעם אויפן שטאָטישן מאַרק. אַזאַ אָביעקט האָט פאַרמאָגט כמעט יעדעס יידישע שטעטל אין פוילן. אין אַטווינאָווסקיס שטעטל איז די דאָזיקע לעגענדע פאַרבונדן מיט דער ווירקלעכקייט, מיט וועלכער יידן האָבן זיך אָנגעשטויסן אין פריציש־קאַפּיטאַליסטישן פוילן. עס איז אַ לעגענדע און נישט קיין לעגענדע — אַ מעשה פון יידישעליידן. אַ מעשה מיט אַ יידן, וואָס איז געגאַנגען פון דאַוונען און וועלכן שיכורע הוליאַקעס האָבן געפּרוווט צווינגען צו טאַנצן און זינגען „מה יפית", און ווען ער האָט נישט געוואָלט, האָבן זיי אים אַריינגעוואָרפן אין ברונעם.

דער זעלביקער ברונעם — דער סימבאָל פון יידישע מאַרטירערײַ — ווערט שפּעטער, אין יאָר 1943, אַ מאָנומענט פון יידישער גבורה. די שטעטלשע יידן, ווען עס קומט צו זיי אָן די בשורה פונם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, באַשליסן אונטערצושטיצן דעם קאַמף פון זייערע ברידער און טרעטן אַרויס מיט געווער אין די הענט. בראָש פון די אויפשטענדלער שטייט דער יונגער שמואל פרויד, און דער ברונעם פירט צום באַפעסטיקטן בונקער פון די קעמפער. אָט אַזוי ווערט געבוירן אַ צווייטע לעגענדע — פון ביישפּיללאָזן העראָאיזם.

מיט אָט די צווי מאָטיוו־געוועבן — די טראַדיציע פון פוילישן פּראָגרעס און די ברונעם־לעגענדע — איז צונויפגעפלאָכטן דער דריטער און עיקרדיקער געוועב, דער איינגטלעכער סיוזשעט פון דער דראַמע — די קעגנוואַרט, דאָס יאָר 1943.

אַטווינאָווסקי פירט אַרויס צווי פּערסאָנאַזש־קאָלעקטיוון: אַ פּוילישן און אַ יידישן; איןביידע פירט ער דורך אַן אינערלעכע דיפערענציאַציע. ביי די פּאָליאַקן: פון איין זייט — דער ענדעק שיטשיגנסקי, וועלכער זאָגט וועגן דער היטלעריסטישער יידן־מאָרד־פּאָליטיק אָט וואָס: „דאָס וועט סוף־כל־סוף לייזן אונזער וויכטיקסטן אינערלעכן פּראָבלעם, די יידן־פראַגע. אין דעם איז אונזער איינציקער ריינער פּראָפיט. די פּאָליטיק און די געשיכטע קענען נישט קיין סענטימענטן. הייגט וועט פאַר אונז יעטווידער הומאַניטאַריזם זיין אַ דיווערסיע אין דער אינסטינקטיווער ווירקונג פון פאָלק". פון דער צווייטער זייט: דער לינקער קאָנספּיראַטאָר, דער אַפּטייקער מאַגיסטער טוואַרדאָווסקי, זיין פריינט און אונטערשטיצער, דער דאָקטאָר פּשיפּקאָווסקי; און אינמיטן — דער ליטעראַט און שיינגייסט סטאַניסלאַוו לאַסקי, וואָס מיט זיין פיגור פאַרבינדט אַטווינאָווסקי דאָס פּראָבלעם פון דער אוממעגלעכקייט צו אַנטלויפן פון דער ווירקלעכקייט, פון דער אילו־

זאַרישקייט פון דער איינשטעלונג צו פאַרסקלעפּען די קונסט אין אַ טורעם פון העלפאַנט־ביין. דער ענדעק ווערט דורך דעם דראַמאַטורג אַוועקגעשטעלט נאַקעט־הויל ווי אַ פּשוטער פחדן. ביי שיטשינסקין איז אויף אַ געוויסן מאַ־מענט גובר דער מענטש; אין אַנבליק פון דעם יידישן אומגליק, ווען עוואַ פּרוי קומט פון געטאָ צולויפן צום דאָקטאָר פּשפּיקוואַסקי און בעט הילף, איז שיטשינסקי אַפילו גרייט פאַר איר עפּעס צו טאָן, כדי... צו שטילן דעם אייגענעם געוויסן. אָבער זאָל נאָר עוואַס ברודער שמואל נעמען אָרגאַניזירן די יידישע יוגנט צום ווידערשטאַנד, אַזוי ווערט דער ענדעק אַריינפאַלן אין שרעק און אָנהויבן מאַכן היסטערישע געוואַלדן, הלמאי די פאַרשאַלטענע יידן שטויסן צו אַ... שווידערלעכער שחיטה. שיטשינסקי איז אַ לערער, אַן אויסדריקער פון אַ טייל פון דער פּוילישער אינטעליגענץ, און טאַקע אַט די נאַציאָנאַליסטישע אינטעליגענץ האָט עס אין זינען דער אָפּטייקער טוואַר־דאָווסקי, ווען ער רופט אויס מיט ביטערקייט: „מיר ווערן געמיין אויף אַ שרעקלעכן אופן". טוואַרדאָרווסקי און פּשיפּקאָווסקי טרעטן אַרויס ווי דאָס געוויסן פון פאָלק. זייער דרייסט און שטרענג טרעט אַרויס אַטווינאָוו־סקי אין דעם כאַראַקטעריסטישן דיאַלאָג צווישן דעם אַלטן דאָקטאָר פּשיפּ־קאָווסקי און זיין באַלעבאָסטע, אַ פינצטערע פרוי פון המון. עס גייט וועגן דעם, צי זאָל מען העלפן די טויט־באַדראָטע יידן, אָדער נישט. די גאָספּאָשע טענהעט, אַז די גלחים רעדן נישט וועגן העלפן די אומגלויביקע.

דער דאָקטאָר: „נישט די גלחים זיינען אַ מוסטער פון קריסטלעכקייט; קריסטוס איז אַ מוסטער".

די גאָספּאָשע: „די יידן האָבן געקרייציקט קריסטוסן".

דער דאָקטאָר: „און מיר קרייציקן אים מיט אַזאַ פלוידעריי".

די פּאָזיציע פון מחבר איז קלאָר. זיין שטעלונג דעקט זיך מיט די גע־פילן און מעשים פון פּשיפּקאָווסקי, טוואַרדאָווסקי און לאָסקי, וועלכער מוז מודה זיין, אַז עס איז נישטאָ קיין מקום־מקלט קעגן דער ווירקלעכקייט און עליסט זיך איין אין דער ווידערשטאַנד־ און הילף־באַוועגונג. מיט קורצע, אָבער בולטע שטריכן מאָלט אַטווינאָווסקי דעם אונטערשייד אין די צוויי שטימונגס־וועלטן פּסח־צייט 1943: די רואיקע, פייערלעכע, נחתדיקע שטי־מונג פון קריסטלעכן ערב־פּסחא, זייער גרייטן זיך גוט צו עסן און צו פאַר־געסן; און דער געמיט פון יידן, וועלכע פילן ווי עס קומט דער סוף. אָבער סיי אין דער רואיקייט פון די ערשטע, סיי אין דער פאַרצווייפלטקייט פון די צווייטע רייסט זיך אַריין דער אומגעהויערטער אויפרודער, דער קאַמף, וואָס ווערט אָנגעפירט דורך שמואל פרויד און איז געשטיצט דורך מאַגיס־

טער טוואַרדאָווסקי. „דער יידישער אויפשטאַנד — רופט אויס אַטווינאָוו־סקיס העלד — איז געווען דאָס געשריי פון דער געשיכטע, וואָס האָט איבער־געריסן די פוילישע שטילקייט"...

אַטווינאָווסקי קען אויך גוט זיין יידישן פערסאָנאַזש: די מילדע און גוטהאַרציקע מאַמע, די טאָכטער עווא, וועלכע איז דערצויגן אין דער פוי־לישער קולטור און דערמאָנט וויספּיאַנסקיס ראַכעלאַ, און דער זון שמואל, וועלכער איז אַ באַוווסטזיניקער ייד, אַן אַנטיפאַשיסט און אַ פריינט פון די פּראָגרעסיווע פּאָליאַקן. עווא טראַכט וועגן רעטונג, שמואל — וועגן ווערדע און ווידערשטאַנד. אַ שאָד, וואָס דער פּאָזיטיווער יידישער טיפּ, דער העלד שמואל ווערט געוויזן נאָר אין פּראָלאָג און שפּעטער הערן מיר בלויז וועגן אים און זיינע אויפטוען, אָבער מיר זעען אים נישט. דאָס איז בלי שום ספק איינע פון די גרעסטע חסרונות אין דער דראַמע. צו „וויעלקאַנאָץ" קען מען אַרויסרוקן נאָך אַנדערע פּאָרוורפן. דער וויכטיקסטער פון זיי איז די אידילישע פאַרענדיקונג — די ליבע־סצענע סטאַניסלאַוו — עווא ביים אָפּ־הילך פון די ביקסן־סעריעס, וואָס דערהערן זיך ווידער אין הינטערגרונט פון דער ביגע. אָבער די אַלע חסרונות זיינען נישט אימשטאַנד צו פאַרשטעלן די גרויסע פעלקער־פריינטשאַפטלעכע, ווידערשטאַנד־וועקנדיקע און חשבון־הנפשדיקע מעלות פון דער דראַמע. דער געלאַסענער, אָפּטמאַל רעפּסלעקסי־ווער טאָן פונעם דיאַלאָג פאַרשטאַרקט דעם איינדרוק. און אויב דער מחבר טוט ביים סוף אַ שלאַג אין אַ טאָן פון פּאַטאָס, איז עס אויך פאַרשטענד־לעך — דאָס איז דער אויסדרוק פון פּאַטאָס פון דעם ביישפּיללאָזן אַקט פון יידישן אויפשטאַנד. „דאָס יידישע פאָלק איז אַרויס אויפצוגעמען די קאַשטשושקאָ־טראַדיציע. די יידן האָבן נישט געוואָלט גיין צום טאַקט פון די דייטשע טויט־מאַשינען. זיי זיינען אומגעקומען, ברעכענדיק די דורות־דיקע לעגענדע וועגן זייער אונטערטעניקייט. אין שטעטל איז פאַראַן אַ ברו־נעם. דער פירער פון אויפשטאַנד האָט פאַרביטן דעם ברונעם צוערשט אין אַ בונקער פאַר זיין פאַרטיידיקונג און דערנאָך אין אַ דענקמאָל צו זיין אייביקן רום".

מיט די ווערטער פון זיין פוילישן העלד סטאַניסלאַוו לאַסקי שליסט אָפּ אַטווינאָווסקי זיין גרויסע ראָמאַנטישע דראַמע וועגן דעם וואונדערלעכן ווידערשטאַנד פון די פוילישע יידן.

יעזשי בראָשקעוויטש

דעם נאָמען פון יעזשי בראָשקעוויטשעס בוך „Oczekiwanie“ טראָגט שוין אין זיך אַליין דעם הויפּט־מאָטיוו פון דעם דאָזיקן אינטערעסאַנטן ווערק. שילער האָט אַמאָל געזאָגט: „אין דעם שטערבן ליגט דאָס לעבן“. שטערבן באַטייט אַ געוויסע אַקטיוויטעט, איז קודם־כל דער פּשט ווילן. אַקעגן־זשע דערוואַרטונג איז עפּעס פּאַסיווס, פאַרמאָגט נישט אין זיך קיין אָנשטרענג, קיין דינאַמיק. דערוואַרטונג קען זיין אַן ערב פון גליק. דערוואַרטונג איז אָבער נישט זעלטן פאַרבונדן מיט יסורים און קען דערפירן צום אומקום — און וועגן אַזאַ פּסיכישן צושטאַנד און טראַגישן סוף דערציילט אין זיין ראָמאַן יעזשי בראָשקעוויטש.

דער קאָנקרעטער אינהאַלט פון דער דערוואַרטונג ליגט, דאַכט זיך, אין דעם ראָמאַן סאַמע אויבן־אויף. דאָס איז דאָס טראַגישע וואַרטן פון די יידן, די אסורים פון געטאָ, דאָס אָפּהאַלטן זיך פון עפּעס טאָן, כדי זיך צו ראַטעווען, דאָס אָפּהאַלטן זיך פון רעאַגירן, פון אַוועקגיין אין וואַלד, פון אַנטלויפן אויף דער „אַרישער“ זייט, דאָס וואַרטן אויף אַ בעסערער צייט, דאָס איבערקומען, אָבער אָביעקטיוו איז עס דערוואַרטן זיך געטאָ, גירוש און טויט. דאָס איז אַ פּסיכישער צושטאַנד, וואָס בינדט זיך אָרגאַניש מיט די צוויי ספּעציפישע, זיך אויסשליסנדיקע יידישע בטחונס: מיטן אינערטישן און פאַרפירערישן, און מיטן גלויבערישן און דערמונטערנדיקן. דערוואַרטונג האָט ביי בראָשקעוויטשן אויך אַ היסטאָריש־דורותדיקן אָפּהילך; איינער פון זיינע העלדן, דער יידישער שניידער, וואָס רעדט וועגן דעם, אַז

מען קען אַמאָל וואַרטן טויזנט יאָר. דער מחבר דערשפּירט נישט דעם דאָזיקן פּילדייטיקן זאָג — צי איז עס אַ וואַרטן פון אַ פאָלק אויף זיין אויפריכטונג, אָדער פון אַן אונטערדריקטער מאַסע אויף איר סאָציאַלן טריומף. בראַשקעוויטש איז בכלל אַ נישט־דערזאָגער, ער ווירקט מיט רמזים, אָנדייטונגען, אָפּגעהאַקטע זאַצן — נישט בלויז אין דער שילדערונג, נאָר ער לייגט דעם דאָזיקן סטיל אַריין אין די מיילער פון כמעט אַלע זיינע געשטאַלטן. בראַשקעוויטש איז אַן אימפּרעסיאָניסט, און דער ליריש־רעפלעקסיווער נעפל הילט איין אין זיך מענטשן און געשעענישן, כאַראַקטערן און סיטואַציעס — און דאָס דאָזיקע שטערט אין דער פולער אויפקלאָרונג, אין דעם דירעקטן דערגיין פון דעם אַנגעלאָדענעם אינהאַלט און פון די פיין געשניצטע געשטאַלטן — צום מאַסן־לייענער.

„דערוואַרטונג" איז אָנגעשריבן געוואָרן, לויט ווי עס גיט איבער דער מחבר אַליין, אין גרויליקן יאָר 1943 אין דער שטאָט לוואָוו. דאָס איז אַ ראָמאַן וועגן דער יידישער טראַגעדיע אין יענע יאָרן אין דער דאָזיקער שטאָט. הגם דער ראָמאַן איז געשריבן אין פּויליש, איז ער דורכאויס יידיש —יידיש אין זין פון דער טעמע, פון די הויפּט־געשטאַלטן, פון דעם טיפן און טרעפלעכן פּסיכאָלאָגישן געמעל זייערן, פון אַריינלעבן זיך אין דער טראַגיק פון יידישן פאָלק. עס איז ממש צו באַוווּנדערן ווי אויסגעבונדן בראַשקעוויטש קען געוויסע טיילן פון דער יידישער אינטעליגענץ און פון דער יידישער בעל־מלאכהשער מאַסע. אָן אַ שמץ פון סטיליזאַציע, שוין אָפּגערעדט אַז אָן שום עקזאָטיק, אין געלאַסענע טענער, שילדערט דער מחבר אַ ברייטע גאַלעריע יידישע מענטשן. אַפילו די נישט דערזאָגטקייט, די רמזימדיקייט אָטעמט אין סטיליסטישן זין מיט עפּעס יידישס און דערמאָנט אַביסל דעם אַמאָליקן בערגעלסאָן. דאָס איז אַ בוך, אין וועלכן דער יידישער לייענער געפינט זיך טיילווייז אָפּ.

איך שטרייך אונטער: טיילווייז — וואָרעם „דערוואַרטונג" קען נישט באַפרידיקן בשלימותדיק דעם פּראָגרעסיוון לייענער. עס פעלט די צווייטע זייט פון דער ווירקלעכקייט: דאָס בילד פון ווידערשטאַנד. און מיר ווייסן דאָך פון דעם ראַפּאָרט פון ס.ס.־גענעראַל קאַצמאַן, דעם ליקווידאַטאָר פון גאַליציש־אוקראַינישן יידנטום, צום הויפּט־תלין הימלער, אַז עס איז אין דער געגנט פון לוואָוו און פון אַנדערע מערב־אוקראַינישע שטעט געקומען צום אויסדרוק אויך יידישער ווידערשטאַנד. בראַשקעוויטשן זיינען אויך נישט פרעמד אָט־די קאַמף־גרוסן. ער ווייסט וועגן זיי, אָבער צום לייענער דערגייען זיי אין דער פאָרם פון אָפּהילך, אומדירעקט, פון עמעצנס

אַ ווייטער דערציילונג. אַזוי דערוויסט מען זיך, אַז דער חבר פונם הויפּט־העלד פון ראָמאַן, אַ געוויסער הענריק, איז אומגעקומען בעת אַן אַטענטאַט אויף דייטשן. דער מחבר באַזאָרגט די דאָזיקע ידיעה מיט אַ קאָמענטאַר, אַז הענריקן האָט זיך פאַרוואָלט קעמפן און שטאַרבן, איז ער אומגעקומען טאַקע מיט אַ העלדן־טויט. מער נישט. מיר ווייסן נישט ווער עס האָט אָר־גאַניזירט דעם אַטענטאַט, וואָס פאַר אַ לאָזונגען און אידייען עס האָבן גע־נורטעוועט אין הענריקן און זיינע שלאַכט־חברים, וואָס האָט איבערגעלעבט דער העלד. פאַר בראַשקעוויטשעס געשטאַלטן זיינען אַזעלכע ידיעות זאַכן פון חידוש און צווייפל. דער דאָקטאָר ליפּנער דערציילט זיינע קאָלעגן וועגן אַ יידן־גירוש און ער גיט צו:

— און וואָס? און איר ווייסט וואָס? זיי האָבן זיך גענומען פאַרטיידיקן. אַט ווי זיי קענען אַמאָל שיסן און זיך נעמען צו דער שקורע. וואָס?

זיין מיטשמועסער שאָקלט מיטן קאָפּ און זאָגט מיט צווייפל:

— אָבער... צי איז עס אמת?

פונקט אַזוי רעדט דער מחבר מיט נישטדערזאָגטקייטן וועגן וואַלד. אַלץ איז איינגעהילט אין אַן אימפּרעסיאָניסטישן סטיל־נעפּל, וועלכער נעמט זיך טאַקע פון דעם, וואָס דער מחבר קען נישט אַפּנים דירעקט די וואַלד־באַוועגונג פון אינעווייניק און אויך נישט די קאַמפן פנים אל פנים. אין אַזאַ פאַל קומט אַנשטאָט רעאַליסטישער שילדערונג אימפּרעסיאָניסטישער ווונק און מטושטשדיקייט.

אָבער דאָס הייסט נישט, אַז בראַשקעוויטש דערשאַצט נישט די וויכ־טיקייט פון ווערדיקייט, ווידערשטאַנד און פאַרטיזאַנטקע ווי מיטלען צו דערהויבן דעם יידישן מענטש, אָדער אַפילו צו רעטונג. פאַרקערט — דער מחבר פלעכט אַדורך זיין ראָמאַן מיט אַ דיסקרעטער דערוואַרטונג אויך פון מעשים. אָבער בראַשקעוויטש איז אין תוך אַן אינטעליגענט — מיט אַלע אינטעלעקטואַליסטישע רעזאָנערייען, וואָס זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ באַשטימטן טייל פון דער אינטעליגענץ. און ווען ער וויל ברענגען צום אויסדרוק אַ שטריך פון ווערדע און פון פּאַסיוון ווידערשטאַנד, נעמט ער פאַר אַ טרעגער פון אַט דער שייגער מידה אַן אינטעלעקטואַל — און ממילא איז די רעאַגירונג, דאָס אַנטפּלעקן זיך פון דער פיינטלעכער באַציונג צום אַכזריותדיקן אָקופּאַנט אַ טיפּישער אַקט פון אַ רעוואָלטירנדקן גייסט־מענטש. וויפיל דערהויבנקייט ליגט אין דער געשיכטע מיטן אַלטן הויקער, דעם מאַטעמאַטיקער לאָט, וועלכן עס האָט פאַרטשעפּעט אין גאַס אַ העכערער דייטשער אָפיציר און, באַמערקנדיק ווי לאָטן פאַלט אַראָפּ פון אַרבל דער

באַנד מיטן מגן־דוד, געפרעגט: „וואָס איז מיט דיינעם שאַנד־פלעק?" אויף דעם ענטפערט דער בעל־מום: „עס איז דאָך אירע שאַנדע". די דאָזיקע תשובה האָט דעם דייטש אַזוי צעמישט, אַז לאָט איז אָפּגעקומען בלויז מיט כאַפּן אַ פּאַטש...

דאָס גאַנצע בוך איז אַ קייט פון אינטעלעקטואַליסטישע שמועסן, פון מעדיטאַציעס, פון לירישער אויפפאַסונג און פון שטימונג. די גאַנצע געשיכטע פון לוואָווער געטאָ — און דער מחבר אָפּערירט מיט געניג פּינקטלעכע צייט־ און אָרט־שטריכן — גייט פאַרביי דורך אָט אַזעלכע דיאַלאָגן און געמיט־צושטאַנד־געמעלן. אַפילו די אָפּשליסונג פון געטאָ, גירוש, לאַגער. אַפילו דער יודענראַט־מיטגליד העשעלעס איז אַ שטיק מעדיטירנדיקער אינטעלעקטואַל. דער מחבר האָט קאָנצענטרירט דעם וויכטיקסטן טייל פון דער אַקציע אין אַן אַמבולאַטאָריע, און אַזאַ געביט איז באַזונדערס גינסטיק פאַר נשמה־גריבלענישן. אָפּטמאָל באַקומט זיך דער איינדרוק, ווי דעם מחבר וואָלט, קודם־כל, געגאַנגען אין פּסיכאָלאָגישע שטודיעס פון יידן אין דער תקופה פון געטאָ און אומקום. בראַשקעוויטש כאַפּט אויף יעדן ציטער פון דער נשמה, יעדע וויברירונג פון האַרץ, יעדן נערוון־צאַפּל. ער קוויקט זיך מיטן אויסטערלישן ליבע־שפּיל פון דעם הויפּט־געשטאַלט סטעפאַן בערגמאַן מיט דער שיינער קראַנקן־שוועסטער לענאַ. עס איז אַ מין האַמסונישע שטילע ליבע. אָבער דורך די אַלע אַנאַליזן רייסן זיך אַדורך קערנדיקע, דיסקרעטע און איינציייטיק בולטע רעאַליסטישע בילדער און נשמה־צושטאַנדן. בראַשקעוויטש איז אַ הומאַניסט און עס פילט זיך געניג קלאָר זיין אַנטיפּאַטיע צו אַזאַ, למשל, עגאָיסט ווי דער מייסטערישער כירורג ד"ר שטיין, און זיין סימפּאַטיע צו אַזעלכע דורכאויס ערלעכע מענטשן מיט גראַדע נשמות און אַלטרואיסטישע כאַראַקטערן, עלעהיי ד"ר גראָסמעיער און סטעפאַן בערגמאַן. אָט די צוויי גרונט־געשטאַלטן פון „דערוואַרטונג" מעג מען פאַרעכענען צו די שענסטע יידישע טיפּן אין דער פּוילישער ליטעראַטור. ד"ר גראָסמעיער — די גוטסקייט אַליין, דער קרבנות־גרייטער, דער חברישער, דער אינטעליגענט, וועלכן עס ציט צום פאָלק, דער מוטיקער און האַרציקער — ער ווערט אַרויסגעבראַכט נישט בלויז דורך אָט די גוטע מידות, ער ווערט דורכן מחבר דערהויבן צו דער מדריגה פון אַ וויזיע־זעער. ד"ר גראָסמעיער איז בשום אופן נישט קיין קאָסמאָפּאָליט, ער דערפילט מיטאַמאָל ווי ער איז אַריינגעפלאָכטן אין אַ דורותדיקער קייט פון אַ פאָלק. אין אַ בין־השמשותדיקער שעת־הרחמים שטייען אויף פאַר זיין דמיון „די פנימער פון די געלערנטע פון ניצעאַ און אַלעקסאַנדריע, די

געלערנטע פון רוים, סעוויל, לאָנדאָן, די סוחרים, וואָס זיינען צווישן לוסטיקע זמונים געפירט געוואָרן אויף די שייטער־הויפנס פון דער שפּאַנישער אינ־קוויזיציע, די אביונים פון ירושלים... זיי זיינען אויך אַוועקגעקומען אין קעלנער געטאָ פון שווערד פון די ריטער, וועלכע האָבן געשווירן צו קעמפן פאַר דער פרייהייט פון הייליקן קבר..." עס איז נישט וויכטיק, וואָס דער מחבר באַגייט דאָ היסטאָרישע טעותים. אין שפּאַניע, למשל, איז דער סוחר לחלוטין נישט געווען טיפיש פאַר דער יידישער געזעלשאַפט. עס איז נוי־טיק צו אונטערשטרייכן דעם גוטן ווילן, די שפּירונג פון היסטאָרישער פאַר־בונדנקייט און דעם אינטערנאַציאָנאַליסטישן מאָמענט, בעת ער זאָגט אַ שורה ווייטער: „דאָס זיינען, אגב, נישט געווען קיין פּאַראיינזאַמטע טויטן, ווייל נישט בלויז אָט די זקנים זיינען אומגעקומען אין אַ סך שייִנע שטעט פון אייראָפּע"... עס האָט געבושעוועט אומקום צווישן יידן און פרייע גייסטער פון אומות העולם. די צוויי מינים רדיפות גייען תמיד צוזאַמען אין צייטן פון רעגרעס און בלוט־פאַרגיסונג.

עס איז נישט גראָסמעיערס שולד, וואָס ער האָט זיך נישט באוויזן צו ראַטעווען און זיך צו דערקלייבן אין וואַלד. ער האָט אַלץ געטאָן, הגם אויך ער איז לכתחילה געווען אַ קרבן פון דער דערוואַרטונג־פּסיכיק.

און פּאַראַלעל מיטן אַלטן יידישן דאָקטאָר גראָסמעיער — דער יונגער מעדיקער־פּראַקטיקאַנט, סטעפאַן בערגמאַן, וועלכער איז אפשר גראַד־ליניקער אין זיין פון פּסיכישער סטרוקטור, אָבער איז אַן אַן ערך טראַגישער פון דעם פריערדיקן. בראָשקעוויטש האָט מיט אַן אמתדיקער מייסטער־האַנט געצייכנט ביים דאָזיקן יונגן ייד דאָס אַריבערגיין פון יינגלשער תמימות און אליינזיכערקייט צו א גערעגל פון א לייב אין שטייג. פון פּאַ־טאַלער דערוואַרטונג רייסט זיך בערגמאַן צו אַנטלויפן, צו וואַלד, צו נאָכ־טאָן דעם ביישפּיל פון זיין חבר הענריק — אָבער עס איז שוין צו שפּעט. דער בכורישער פּאַטאַלער פעלער ברענגט אין זיין קאָנסעקווענץ דעם ערגסטן סוף דעם דאָזיקן יונגן מענטשן, וואָס איז אַזוי ווערטפול און פיל־צוזאָגנדיק, וואָס איז אַזוי ווירדיק און טרוימט אַזוי וועגן קאַמף — א טויט דורך אַ שאָס פונעם שונא אויפן ברוק, בעתן אַרויסלויפן מחוץ פון דער שטאָט, מחוץ פון דעם פּאַרשאָלטענעם, פּאַרכישופטן קרייז, צום וואַלד.

זייער אינטערעסאנט זיינען די צווישנבאַציאונגען פון דער אינטעליגענץ און דעם פּלעבס אין געטאָ און אויף די ראנדן פון געטאָ, ווי עס זעט די זאַך יעזשי בראָשקעוויטש.

דער יידישער אזוי גערופענער פלעבעאישער המון ווערט אינעם ראָמאַן רעפּרעזענטירט דורך דעם אָפּגעקומענעם קליינשטעטלדיקן רעסטאָראַטאָר און איצטיקן משרת אין דער אַמבולאַטאָריע, בערג, דעם שניידער ווייס, דעם צווייטן שניידער אלטער, דעם אַרבעטער מנחם און אַנדערע. אַוודאי קען נישט בראשקעוויטש אַזוי טיף די דאָזיקע געשטאַלטן, ווי די אינטעליגענטן, וועלכע זיינען אים אָן א פאַרגלייך נאָענטער. אָבער דער מחבר צייכנט געוויסע שטריכן ביי זיינע פלעבעאישע פיגורן אזוי טרעפלעך און ניי, אַז דאָס מוז אַרויסרופן אַנטציקונג. מיט עטלעכע תנועות, ווערטער, רעפּלעקסן שטעלט ער פאַר אונז אַוועק דעם אַלטן, שטייפלעכן און בייזלעכן בערג ווי ממש אַ לעבעדיקן. די עפּיזאָדישע פיגור, דער שניידער ווייס, וועלכער פארלירט אַלע נאָענטסטע און טייערסטע, וואַקסט אויס אונטער בראשקעוויטשעס פען צו א סינטעז פון יידיש־פאָלקישער פעסטקייט, קיומדיקייט, ענערגישקייט. דער מעדיטירנדיקער אינטעליגענט גראָסמעיער בלייבט שטיין א מבולבלער אַקעגן דעם שטאַם־פאַרוואָרצלטן בערג און אביסל ווי אַ לעמל לעבן דעם גם־זו־לטובהניק ווייס. אמת, בראשקעוויטש איז נישט קיין יידישער שרייבער און שעפּט נישט פון אונזער פאָלקסטימלעכער זאַפטיקייט, ממילא פעלט אין זיינע פלעבעאישע געשטאַלטן אַן עיקר־שטריך — דאָס טביהדיקע; אָבער אַפילו אָן דעם זיינען אַזוינע געשטאַלטן ווי בערג, ווייל, מנחם, אלטער און אַנדערע קינסטלערישע דערגרייכונגען.

אַ קאַפּיטל פאַר זיך איז דאָס פּראָבלעם פּויליש־יידישע באַציאונגען אין בוך „דערוואַרטונג”. דער דאָזיקער מאָטיוו שטייט נישט אינעם צענטער פון ראָמאַן, וועלכער וויקלט זיך ס׳רוב אַרום דעם, וואָס עס טוט זיך אינעם האַרץ פון דעם ייד. אָבער בראשקעוויטש בינדט אָן אין דער פראגע פון פּאָליאַק און ייד בעת דער אָקופּאַציע. אויך דאָ גראָבט ער טיף און דרייסט.

אָבער שוין אַן אויבנאויפיקער בליק אויף ביידע געשטאַלטן־גאַלעריעס — אויף דער פילצאָליקער יידישער און אויף די עטלעכע פּוילישע פיגורן — איז גענוג צו מאַכן אָט די פעסטשטעלונג: שילדערנדיק די יידן, אַנטפּלעקט זיך בראָשקעוויטש ווי א סוביעקטיווער פּסיכאָלאָגיסט אין אינהאלט און ווי אן אימפּרעסיאָניסט אין סטיל, בעת אין אָנבליק פון די פּוילישע מענטשן ענדערט זיך מיט אַמאָל זיין מעטאָד, ער פאַרוואַנדלט זיך אין אַ רעאַליסט. די פּוילישע געשטאַלטן פון „דערוואַרטונג” רעדן נישט מיט רמזים, גריבלען זיך נישט אין זייערע נשמות, זיינען נישט קיין

„מענטשן הינטערן נעפּל". זייער שפּראַך איז רעאַליסטיש; אין זייערע באַוועגונגען שטעקן נישט קיין סימבאָלישע אָנדייטונגען. אָן קאָמפּליציר-רונגען און אָן שטימונג קומען אַרויס די גאַדאַמסקיס, וועלכע באַהאַלטן אויס דעם יונגן בערגמאַן, לעבן־געטריי אָנטפּלעקט זיך דאָס בילד פונעם שאָ-פער קאַלענדאַ, וועלכער האָט א פאַרשייט מויל, אָבער אַ גאָלדן האַרץ, און פון זיין גוטמוטיקן ווייב. אַפילו די אומוואַנדלונג, וואָס עס מאַכט אדורך די פאַלקס־פרוי מיכאַלסקאַ, וועלכע איז אין גרונד אַ גוטער מענטש, פּילט מיט און העלפט און ביים סוף, ווען די דייטשע מאַכט זעצט זי אַרויס פון געטאָ-שטח, ווו זי האָט פריער געוווינט, ברעכט זי אויס אין איר אומוויסנקייט מיט א באַשולדיקונגס־געשריי קעגן די יידן, בכן זיי זיינען שולדיק, — אויך די דאָזיקע פרוי איז געשילדערט שטרענג רעאַליסטיש.

אַזוי אַרום באַקומט זיך א צעצוויטקייט אינעם סטיל פון „דערוואַר-טונג". כמעט אַלע יידישע געשטאַלטן רעדן מיט אַזא מין שפּראַך, וועלכע עס לייגט אַריין אין זייערע מיילער דער מחבר. ער צווינגט זיי טיילווייז אַרויף דעם אַרט מעדיטירן. דאָס איז גוט און שלעכט: גוט, ווייל דורך דעם קומט אַרויס די אינטימע באַציונג פון מחבר צו זיינע יידישע פיגורן; שלעכט, ווייל עס פאַרלירט און ליידט דער רעאַליזם און די אינדיווידואַלי-טעט פון די כאַראַקטערן. אָבער אויך דער רעאַליזם, מיט וועלכן עס גייט צו דער מחבר צו זיינע פוילישע פיגורן, איז נישט קיין פולשטענדיק אויס-געהאַלטענער. אמת, די פוילישע געשטאַלטן זיינען גיכער זעלבשטענדיקע פיגורן, דער מחבר טוט זיך דאָ אויס פון סוביעקטיוויזם און ווערט ממילא מער רעאַליסטיש. אָבער ביי בראַשקעוויטשן איז דאָס נישט קיין פולבלו-טיקער רעאַליזם. דאָס איז מער אויסערלעכער רעאַליזם, בעת ביי דער שיל-דערונג פון די יידן — נישט געקוקט אויף דעם אויבן־אָנגעוויזענעם גרונט-חסרון — דריגגט בראַשקעוויטש אַריין טיפער אין דער נשמה פון זיינע העלדן.

אין געוויסע קאַפּיטלען טוט אַ קלונג ביי בראַשקעוויטשן דער טאָן פון חשבון־הנפש. דאָס געשעט קודם־כל דעמאָלט, ווען עס קומען צום געטאָ-ייד בערגמאַן צו גאַסט זיינע פוילישע שול־חברים יאַנאָווסקי און ווילטשעק, כדי צו ברעגען טרייסט און סאָלידאַריטעט־אויסדרוק. מיט זייער דיס-קרעטע טענער ברעגט אַרויס דער מחבר דעם גאַנצן אָביעקטיוון תהום, וואָס איז אַנטשטאַנען דורך דער היטלער־ממשלה צווישן די דאָזיקע, בדרך כלל, האַרציקע און איבערגעגעבענע פריינט. דער תהום, וואָס דריקט זיך אויס אין דעם, אַז יאַנאָווסקי און ווילטשעק קענען ווערן קרבנות, אויב זיי

וועלן וועלן, בעת בערגמאַן מוז זיין אַ קרבן, צי ער וויל יאָ אָדער נישט, ווי אַ פֿאַרמשפּטער דורך דעם גזר פֿון ראַסן־אָנגעהעריקייט. מען קאָן אויך דאָ פֿאָרוואַרפֿן דעם מחבר, אַז זיין פּערספּעקטיוו איז אַ צו שמאָלע, אָבער לאָמיר נישט פֿאַרגעסן, ווען און אין וועלכע אומשטענדן דער ראָמאַן איז געשריבן געוואָרן. פֿאָרוואַרפֿן קען מען אויך, אַז בראָשקעוויטש פֿאַרנעמט די פּאָזיציע פֿון אַ סתם־הומאַניסט און נישט פֿון אַ בפּירושן קעמפֿער, הגם אַנדייטונגען אויף קאַמף זייַנען אין בוך פֿאַראַן — אָבער ווידעראַמאָל: נישט מער ווי ווידערקולות, אומדירעקטע בילדער און רמזים.

נישט געקוקט אויף די דאָזיקע בלויזן, האָט בראָשקעוויטשעס ראָמאַן בלי שום ספק אַ גרויסע באַדייטונג. בראָשקעוויטש האָט בכלל נישט געוויזן קיין צעבראָכענע און איינגעבראָכענע יידן. ער האָט אַנטפּלעקט אין דעם יידישן אַרבעטנדיקן אינטעליגענט אַפֿילו אין אָנגעזיכט פֿון דעם אומקום־שוידער דאָס פּשוט־מענטשלעכע. אַפֿילו דער עגאָיסט שטיין איז נישט דערווידער. בראָשקעוויטש שטרייכט אונטער די געפֿאַר פֿון וואַרטן, פֿון פֿאַרלאָזן זיך אויפֿן אַליינפֿלוס פֿון פֿאַקטן. דערמיט פּילט ער אויס די ראָל פֿון אַן אַלאַרם־רופֿער, פֿון אַ וועקער — צו זיין וואַך, צו לערנען פֿון ביטערע דערפֿאַרונגען. פֿון ווייטער ווייט לאָקט מיט זיין ווערדעקייט און ווידערשטאַנד־בשורה דער וואַלד. אין דער פּוילישער געזעלשאַפֿט זייַנען נישט אַלע אַזעלכע שאַנטאַזשיסטן ווי שוסטער — עס קלאַפּן אויך וואַרעמע מענטשלעכע הערצער, און צווישן יידן זייַנען די גראָסמעיערס און בערגמאַנס נישט קיין יוצאים מן הכלל. אַ שאָד בלויז, וואָס דאָס אַלץ איז פֿאַרצויגן מיט אַן אימפּרעסיאָניסטישן הייטל.

אַרטור זאַנדויער

אַרטור זאַנדויערס נאָוועלן פון דער זאַמלונג „Śmierć Liberała“ „דער טויט פונם ליבעראַל״ זיינען געשריבן פון אינעווייניק, פון סאַמע טאָל פון געוויין, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען געטאָ. עס ווערט דורך דעם מחבר אויפגעוויקלט נישט בלויז די טראַגיק פון געטאָ, נאָר אויך פּראָבלעמען פון יידישן לעבן אין דער אָקופּאַציע־צייט. דורך קאָנדענסירטע כאַראַק־טער־פּרטים ברענגט זאַנדויער אַרויס אויך אַן אינטערעסאַנטן פּסיכאָלאָגישן געמעל. ער באַרירט, חוץ דעם, א ריי מאָטיוון פון דער נישט־יידישער סביבה אין יענער אומהיימלעכער צייט.

דאָס וויכטיקסטע געצייג פון זאַנדויערס נוסח איז דער דיאַלאָג. דורך אַ מייסטערישן דיאַלאָג, וועלכער שאַפט די רושטאָוואַניע פון דעם מחברס כמעט יעדער נאָוועלע, פירט ער אַרויס די לאַגע, די שטימונגען, כאַראַקטערן, פּראָבלעמען. אַלע נאָוועלן פונם באַנד זיינען פאַרבונדן מיט איין אָרט, איין צייט, איין דערשיינונג און ס׳רוב מיט די זעלביקע געשטאַלטן. איטלעכע נאָוועלע באַהאַנדלט אַ באַשטימטן אָפּשניט פון געטאָ און אָקופּאַציע־לעבן, און אַלע צוזאַמען שאַפן איין טעמאַטישע גאַנצקייט.

די ערשטע נאָוועלע, וועלכע טראָגט דעם טיטל פון גאַנצן באַנד — „דער טויט פונם ליבעראַל״ — פאַרמאָגט אַ טאָפּלטע הויפּט־טעמע: די טעמע פונעם יודענראַט און פונעם באַנקראָט פון ליבעראַליזם. צום פּראָבלעם יודענראַט גייט זאַנדויער צו מיט דער גאַנצער האַרבקייט פון מידת־הדין. ד״ר הערבערט קירשע, וועלכער האָט שטענדיק געפּריידיקט דעם נאַציאָ־

נאַליסטישן לאָזונג „יעטוועדער נישט־ייִד איז אַן אַנטיסעמיט“, שטעלט זיך אין שפּיץ פֿון יודענראַט און הייבט גאָר אָן זען אין די דייטשן בעלי־טובֿות פֿון די ייִדן. אומדירעקט שטרייכט אונטער דער מחבר יענעם אמת, אַז נאַציאָנאַליזם און נאַציאָנאַלער פּאַראַט זײַנען צוויי לייבלעכע ברידער. ד״ר הערבערט קירשע ווערט דאָס מויל פֿון דער דייטשער פּראָפּאַגאַנדע, אַ פּאַרביטערטער שונא פֿון מינדסטן געדאַנק מכּוח ווידערשטאַנד. דאָס איז אַ פּאַראַלגעמיינערטער טיפּ פֿון אַ יודענראַט־פֿירער. זײַן מוסר לגבי דער קאַמף־טרוימענדיקער יוגנט — „צום טיוול מיט אײַערע קאָמוניקאַטן, וואָס האָבן זיי עמיצן גוטס געבראַכט? ווען האָבן זיי דאָס לעבן געראַטעוועט?“ — איז נישט קיין אויסגעטראַכטער שטריך פֿון דעם מחברס דמיון, מיר האָבן עס שוין געהערט אין די „אידעאָלאָגיעס“ פֿון די רומקאָווסקיס און באַראַשעס. ער כאַפּט אויף דעם היטלעריסטישן שווינדל מיט דער סעלעקציע פֿון די ייִדן אויף אומנוציקע און אַרבעט־פֿעיִקע ווי אַן אבֿן־טובֿ. ער פֿירט דאָס פֿאָלק צום לעצטן עטאַפּ, צום גירוש און אומקום. זײַן אייגענער סוף איז, ווי בײַ ס'רובֿ יודענראַטניקעס — דער שונא וויל נישט איבערלאָזן קיין עדות פֿון פֿאַרברעכן און דערהרגעט דעם טרייַען דינער אינאיינעם מיט די פֿאַרפֿירטע.

דאָס געשטאַלט פֿון דעם יודענראַט־פֿאָרזיצער טרעט אַרויס אויך אין דער צווייטער נאָוועלע „די געזעלשאַפֿט מיט באַגרענעצטער פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט“. ווידער אַ פֿראַגמענט פֿון דער גרויזאַמער ווירקלעכקייט. נאָכאמאָל אַ קאַפּיטל פֿאַראַט פֿון די קירשעס — דאָס צושטעלן דער געסטאַפּאָ רשימות פֿון ייִדן, וועלכע מען דאַרף נישט אַרויסשיקן, אַנווייזנדיק אַזוי אַרום בולט אויף די, וועלכע מען דאַרף יאָ פֿאַרטרייבן צום טויט. אין אַ ווייטערדיקער נאָוועלע „די נאַכט פֿון געזעצלעכקייט“ ווערט אויפֿגעשטעלט אַ טרויעריק בילד פֿון אַ צווייטער שאַנד־דערשיינונג אין געטאָ — די שאַנד פֿון דער ייִדישער פּאָליציי, וועלכע מאַכט מיט די „אַקציע“, וועלכער פֿעדערט זיך אַרויסצוווייזן איר פֿלייסיקייט און בריהשאַפֿט ביים ברעכן טירן, כאַפּן מענטשן און רויבן זייער גוטס. זאַנדויער באַלאַסטעט דעם יודענראַט־פֿאָרזיצער, דעם אינטעליגענט ד״ר קירשע מיט אַן ערך מער שולד און אַחריות, איידער דעם פּראָסטאַקישן כוליגאַנישן פּאָליציאַנט. דער לעצטער האָט זיך זײַן פֿילאָזאָפֿיע: „עך, אַלצאיינס איז אַלץ פֿאַרלוירן, אַלץ גייט צום גרונט, איז — וואָס פֿאַר אַ נפֿקא מינא, ווער עס וועט דערטראָגן ביזן נאָענטן טויט די שטיוול, איך צי דער קרבן“. די דאָזיקע מלאך־המוות־שטימונג איז געווען איינע פֿון די געפֿערלעכסטע מחלות פֿון געטאָ. דער ייִדישער פּאָליציאַנט

ווערט, נאַטירלעך, פאַראורטיילט, ער פאַרדינט אין אַן אָרנטלעכער געזעל־שאַפט אויף דער תליה. אָבער מיט קירשען איז ערגער — ער פלאַנצט איין גלויבן און צוטרוי צום שונא. ער האָט אַן איינרעדעניש פון אַן אייגענער מיסיע — עלעהיי דער פאַטאָלאָגישער „משיח״ פון לאָדזשער געטאָ רומ־קאָווסקי. ביידע, סיי דער פרעזעס, סיי דער פאָליציאַנט, זיינען פאַקטאָרן פון קאָלאַבאָראַציאָניזם. אָקעגן־זשע דער משונהדיקער באַאַמטער פון סטאַ־טיסטישן אָפּטייל, ד״ר הענריק יאַסים, אַ שטענדיקער אָנגעשטעלטער ביי יענעם, איז אַן אומבאַוווסטזיניק געצייג אין די הענט פון די יידישע מיט־שולדיקע איינעם פאַרברעכן. דאָס איז איינע פון די אינטערעסאַנטסטע פלאַסטישסטע געשטאַלטן, וואָס זאַנדויער האָט געשאַפן, אַ געשטאַלט, אין גרונט גענומען, אַ טיף טראַגישע, אין וועלכער עס בליצט אויף אין דער לעצטער רגע אַ פונק פון מרידה.

דורך דער געשטאַלט פון ד״ר הערבערט קירשע פירט דער מחבר אַרויס נישט בלויז דעם פאַראַט פונעם יודענראַט, נאָר אויך דאָס פּראָבלעם פון ליבעראַליזם אין אונזער תקופה פון אימפּעריאַליסטישע מלחמות. וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אידעאָלאָגיש דער ליבעראַל קירשע? „ד״ר הערבערט האָט געהאַט די פאַרשטייערשאַפט פון קולטור אויף אונזער שטעטל. די דאָזיקע רעפּוטאַציע האָט ער געהאַט צו פאַרדאַנקען דעם בוך, וועלכן ער האָט אָנגעשריבן מיט יאָרן צוריק און וועלכער פיגורירט אין קאַטאַלאָג פון דער אָרטיקער ביבליאָטעק: „אַנאַטאָל פראַנס, דער מייסטער פון איראָניע״... אַליין איז ער געווען אַ הומאַניסט, אַן אינדיווידואַליסט, אַן עסטעט, אַ ליבע־ראַל, אַ דעמאָקראַט, מיט איין וואָרט — אַ „מענטש פון ניינצנטן יאָרהונדערט״. ער איז, איבעריקנס, געווען אַלץ, וואָס אַ קולטורעלער מעצענאַס האָט גע־דאַרפט זיין: סיי אַ סאָציאַליסט (כאָטש ער האָט פאַרמאָגט פאַרשטענדעניש פאַר דער ענדעציע), סיי אַן אַסימילאַנט (הגם ער האָט געזען דערגרייכונגען ביים ציוניזם), סיי אַן אַנטיפאַשיסט (כאָטש ער האָט דערשאַצט די דייטשע פּינקטלעכקייט)״. מיטן ליבעראַליזם פון ד״ר הערבערט איז געשען דאָס זעלביקע, וואָס מיט זיין נאַציאָנאַליזם. ביידע האָבן זיי דערפירט צו פאַראַטן און פאַרהאַנדלען די יידן, צו קאָלאַבאָרירן מיטן שונא. דער דאָזיקער ליבע־ראַל און הומאַניסט האָט נישט פּראָטעסטירט, ווען זיינע מאַכט־געבער האָבן אים באַפוילן אַרויסצוגעבן אַ טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג. ער האָט זיך אַרויסגעוויזן האַרט און אומברחמנותדיק לגבי דעם קרבן און לי־בעראַל און ווייך אין באַצוג צום באַצווינגער. זאַנדויער פאַראַלגעמיינערט,

ווי געזאָגט, די געשטאַלט צו אַ דערשיינונג — אַט צו וואָס עס מוז קאָנסעקווענט דערפירן דער ליבעראַליזם און דער נאַציאָנאַליזם.

די צווייטע זייט פון דער געטאָ־ווירקלעכקייט, דער טרוים וועגן ווידערשטאַנד און נקמה, שאַפט די טעמע פון דער נאָוועלע „די זאַך פון ווערדע". זאַנדויער וויזט נישט פּראָנטאַל די עלעמענטן, וועלכע זיינען געווען די טרעגער פון דער ווידערשטאַנד־אידייע אינעם שטעטלשן געטאָ. די יוגנט, וועלכע שאַפט זיך אין דורך אַלע אופנים געלט, כדי איינצוקויפן געווער און זיך צו פאַרבינדן מיטן וואַלד, ווערט געצייכנט סילוועטמעסיק. עס באַווייזט זיך נישט איר פּרצוף; זי ווערט נישט אינדיווידואַליזירט. וואָרעם זאַנדויערס מיליע, אין וועלכן ער פילט זיך ווי אַ שילדערער און ווי אַ פּסיכאָלאָג גוט, איז די יידישע אינטעליגענץ ס'רוב פון די עלטערע יאָרן, מענטשן, וואָס האָבן שוין אַ סך געזען און אַדורכגעלעבט, וואָס קענען די „חכמה" פון לעבן. איבער זאַנדויערס שאַפן שוועבט אַ לייכטער טאָן פון אינטעלעקטואַליזירנדיקן סקעפּטיציזם. אָבער ער באַמיט זיך גובר צו זיין אַט די באַציִונג צום מענטשן און געשעענישן — דאָס איז גוט געווען אַמאָל, אָבער אין דער גרויזאַמער סביבה פון געטאָ מוז עס פאַרשווינדן. זאַנדויערס מענטשן זיינען טיפן פון ניינצנטן יאָרהונדערט — געזען אין די באַדינגונגען פון דער היטלער־אָקופּאַציע. דעם ווידערשטאַנד־פּראָבלעם באַהאַנדלט טאָקע דער מחבר דורך דער פּריזמע פון אַזעלכע געשטאַלטן. דעריבער נעמט ער נישט אָן ביי אים דעם כאַראַקטער פון קאַמף ווי אַ טייל פון אַלגעמיינעם גערANגל קעגן פאַשיזם, אָדער ווי אַ הערואישער פאַרמעסט, וואָס האָט אין דער ווייטער, נישט פערזענלעכער, נאָר היסטאָרישער פּערספּעקטיוו די אויסזיכט פון אומפאַרמיידלעכן זיג, נאָר ווערט אַ פראַגע פון ווירדיקייט, פון מענטשלעכער אַליינווירדע. צוויי געשטאַלטן פון אַלטע אינטעליגענטן שיילן זיך אויס פון דעם נעפּל אין דער ווידערשטאַנד־נאָוועלע „די זאַך פון ווערדע": ד"ר ווינטער, וועלכער בענקט צו אַ ווירדיקן טויט („לאָמיר קענען שטאַרבן מיט ערע"), און ד"ר מוריצי, וואָס איז אַן אויסדריקער פון דעם פאַרפירערישן מטחון (נישט פּוטעם אידייע־זיכערן), וואָס וועבט זיך די באַקאַנטע „לעבן־פילאָזאָפיע", די הפקר־איינשטעלונג, וועלכע איז כאַראַקטעריסטיש געווען אויך פאַרן פּראָסטאַקישן פּאָליציאַנט — „לעב פון טאָג אויף טאָג, פאַרוואָס נישט לעבן מיט דער האָפנונג, כל זמן מען קען?" ס'איז נישט די האָפנונג, וואָס גיט צו כוח פון אויסדויער; מוריציס בטחון איז די האָפנונג פון קליינמוטיקע מענטשעלעך, וועלכע גאַרן אין זייער פּחדנות צו עגאָיסטישן איבערלעבן פאַר יעדן פּרייז.

און דערווייל — לעב מיטן טאָג. אויך ד״ר ווינטער לעבט מיט האָפנונג — אָרדזשאָניקידזע איז באַפרייט, כאַרקאָוו איז אויסגעלייזט. אָבער ווי אַן אינ־טעליגענט פון ניינצנטן יאָרהונדערט — ווי דער מחבר דריקט זיך אויס — איז ער פעיק נאָר צו אַ ווירדיקן טויט, אָבער נישט צו קיין אַקטיוון קאַמף.

זאַנדויער דעמאַסקירט מויריציס כאַראַקטער ביזן סוף. פאַרן ציל פון ראַטעווען זיך פאַר יעדן פרייז איז ער מקריב זיין פריינט, ווינטערן. זאַנ־דויער באַשענקט דערפאַר דעם לעצטן מיט דעם דערהויבענעם שטריך פון מסירת־נפש לטובת דער קעמפערישער יוגנט. ער פאַרהאַלט די פאַשיסטישע פאָליציי און דעקט דערמיט דאָס אַנטלויפן פון די יונגע נקמה־בעמער. ער געפינט אַ זין אין זיין אויסזיכטלאָזער גסיסהדיקער געטאָ־עקזיסטענץ. ער ווערט נוציק דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג: ער קומט טאַקע אום נישט אויף קיין שלאַכט־פעלד, נאָר ווי איינער פון אַלע מיליאָניקע קרבנות, אָבער ער דערהאַלט די ווירדע ביזן סוף.

אַן אינטערעסאַנטע פסיכאָלאָגישע שפיל ברענגט זאַנדויער אַרויס אין דער נאָוועלע „דאָס טאָגבוך פון אומזין״. דאָ שטייען שוין אין צענטער צוויי ווידערשטאַנד־געשטאַלטן — אַ פאַרוווּנדעטער פּאַרטיזאַנער און אַ יונ־גער ייד, וואָס איז זיך מקריב פאַר אים. די פסיכאָלאָגישע שפיל איז נוגע נישט בלויז דער באַציונג צווישן די צוויי, נאָר אויך דער באַציונג צווישן דעם יונגן יידישן אינטעליגענט, וואָס באַהאַלט זיך אין היי ביי אַ פויערטע, און דער לעצטער — זי וויל אין דעם געראַטעוועטן זען פאַר זיך אַ מאַנצ־ביל, וואָס זאָל פאַרטרעטן איר קראַנקן מאַן דעם טויגעניכטס. דער יידישער אינטעליגענט האָט העמונגען פון מאָראַלישן כאַראַקטער. ער קען נישט האַנדלען מיט זיין קערפער. דער פאַרטיזאַן פון וואַלד איז פריי פון אַזעלכע „פאַראורטיילן״. אויך דאָ האָבן מיר אַ שטיק ווירקלעכקייט פון יענער צייט, וועלכע איז רייך נישט בלויז אין טראַגישע, נאָר איינצייטיק אין כלערליי משונהדיקע און אַפילו גראָטעסקע סיטואַציעס. זאַנדויער קען דעם קינסט־לערישן סוד צו פאַרבינדן טראַגיק מיט גראָטעסק, די צוויי אייביקע זייטן פון לעבן־דערשיינונגען.

אויב מיר וועלן צו די אַלע אינהאַלט־אַנגעלאָדענע נאָוועלן צוגעבן די דערציילונג „ראַדיאָ״, וווּ עס ווערט פאַנאַנדערגעוויקלט דער אינערלע־כער פּראָצעס פון פאַרוואַנדלען זיך פון אַן אָרנטלעכן מענטש אין אַ ברוּ־טאַלן פאָלקס־דייטש און היטלעריסט, וועט אויפשטיין פאַר אונז אַ פאַר־גאַנצט בילד פון דער אָקופּאַציע־ווירקלעכקייט אין אַ ווינקל פון פאַרגוואַל־טיקטן לאַנד, אין אַ שטעטל פון דער ווייטער פּראָווינץ. אומעטום איז אַריינ־

געקראָכן דער פּאַרטיקולאַריסטישער פּאַשיזם, אין די ווייטסטע מקומות פון אָקופּירטן לאַנד. און אומעטום — ענלעכע דערשיינונגען: טיפסטע ירידה און — גרויסע מסירת־נפש, אומפאַרשטייַן, צעמישטקייט, אַפּאַטיע, קייט און — טרוים פון ווידערשטאַנד. די צייט פון גרויסן נסיון איז געוויזן געוואָרן דורך אַרטור זאַנדויער פון איבעוויייניק, פון די טיפענישן פון געטאָ, מיט אַ גרויסער מאָס אמתדיקייט און קינסטלערישער פּלאַסטישקייט.

זאָפיאַ נאַלקאָווסקאַ

עס איז געוואָרן פערציק יאָר זינט זאָפיאַ נאַלקאָווסקאַ האָט פאַרעפנטלעכט — אין יאָר 1909 — איר ערשטע פּראָזע־אַרבעט, די נאָוועלע „דאָס קעצעלע, אָדער ווייסע טוליפּאַנעס”. זינט דעמאָלט האָט זי אַרויסגעלאָזט פיר און צוואַנציק בענדער ראָמאַנען, דערציילונגען, נאָוועלן און דראַמעס, וועלכע האָבן אַוועקגעשטעלט די שרייבערין אין דער פאָדערשטער ריי פון דער היינטצייטיקער פּוילישער ליטעראַטור. דער פאַראינטערעסירונג־קרייז פון דער דאָזיקער רייכער שאַפונג איז אַ ברייטער: די נשמה פון דער פרוי און אַ סאַטיריש בילד פון דער געזעלשאַפט, מאַן־און־ווייב און א רעאַליסטישע שילדערונג פון דער פּוילישער פּראָווינץ; אַ שלל מיט אָבסערוואַציע־מאַטעריאַל, אַ שפע פון טיפן, אַן אַדורכדרינגלעכער און צוגלייך דיסקרעטער פּסיכאָלאָגישער געמעל, אַ טיף דורכגעאַקערטע שפּראַך. די ראָמאַנען „אַ שלעכטע ליבע” און „די גרענעץ” האָבן געמאַכט דער קינסטלערין אַ גרויסן שם אויך ווייט מחוץ די גרענעצן פון פּוילן.

אין נאַלקאָווסקאַס שעפערישן מעטאָד האָט זיך פון יאָרן געראַנגלט דער רעאַליזם מיטן נאַטוראַליזם. דאָס איז געווען אַן אויסדרוק פון איר אינערלעכער צעשפּאָלטנקייט צווישן. חוש פאַר געזעלשאַפטלעכער ווירקלעכקייט און אינדיווידואַליסטישן פּסיכאָלאָגיזם. די שרייבערין האָט אַדורכגעמאַכט אויף אָט דעם וועג פאַרשידענע עטאַפּן. אָבער עס איז שוין דעמאָלט קענטיק געווען דער קליינבירגערלעכער הומאַניזם, ווי דער יסוד פון נאַלקאָווסקאַס באַציונג צום מענטש. אָבער אַפילו דער דאָזיקער בלויזער מיטלייד־הומאַניזם האָט געהאַט גובר צו זיין די שווערע און ערנסטע העמונגען פון נאַטוראַליסטישן כאַראַקטער, וועלכע האָבן צוגעשמידט די אויפמערקזאַמקייט פון דער מייסטערין צו אַן איינצעלנעם נשמה־צאַפּל, צו אַ זייטיקן

שטריך און איר געשטערט אין אויסברייטערן דעם געזעלשאַפטלעכן האָ־ריזאָנט.

ווי איז געווען די באַציונג פון דער שרייבערין צו דער יידן־פראַגע?

אַ קורצע צייט פאַר דער מלחמה האָט זיך צו זאָפיאַ נאַלקאָווסקאַ גע־ווענדט אַ יידישער שרייבער מיט אַ פאָרשלאָג איבערצוזעצן אין יידיש עטלע־כע פון אירע באַרימטע ווערק. דורך אים האָט ער אַ פרעג געטאָן די שרייבערין, הלמאי זי נעמט נישט קיין וואָרט בקול־רם ווען די יידן־פאָגראָמען און דער היטלעריסטישער געפאַר, אזוי ווי דאָס האָבן דעמאָלט געטאָן עמיל זעגאַדלאָ־וויטש, אַנדזשיי סטרוג, וואַנדאַ וואַשילעווסקאַ. נאַלקאָווסקאַ האָט געענט־פערט: „איך בין מיטן גאַנצן האַרצן מיט אייך; איך שוידער אויף; אָבער פאַר מיר איז ווייניק געבן אַ פובליציסטישן אויסדרוק מיינע געפילן; איך גרייט אַ בעלעטריסטיש ווערק, וווּ די יידן־פראַגע אין פוילן וועט באַקומען אַ תיקון; אָבער פאַרגעסט נישט — האָט זי צוגעגעבן, — אַז מיר האָבן אַ צענזור...״

די געשעענישן האָבן זיך אַזוי שנעל אַ קייקל געטאָן פאַרויס, אַז אין די שפּעטערישע פּלענער פון נישט איין שרייבער איז אַריינגעקומען אַ צע־מישונג. זאָפיאַ נאַלקאָווסקאַ האָט איר צוזאָג געהאַלטן — אין עטלעכע יאָר אַרום, אָבער אין וואָס פאַר אַ גרויזאַם געענדערטע באַדינגונגען: אין יאָר 1946 איז אַרויס איר ערשטער באַנד נאָוועלן און סקיצן, געווידמעט דער טראַגעדיע פון פּוילישן יידנטום. פון דריי מיט אַ האַלבן מיליאָן, צווישן וועלכע עס זיינען געווען אַזוי פיל טויזנטער ענטוזיאַסטן פון איר טאַלענט, איז געבליבן אַ קליינע צאָל. אָבער אין יאָר 1946 זיינען די אומשטענדן געווען אַנדערע אויך אין אַן אַנדער זין: איצט האָט נאַלקאָווסקאַ שוין נישט געדאַרפט מורא האָבן פאַר דער ענדעקיש־סאַנאַטאָרישער, אַנטיסעמיטי־שער צענזור, איצינד האָט זי געקענט פריי לאָזן אירע געפילן — און זי האָט טאַקע אויף דער טעמע פון די יידישע יסורים געזאָגט אַזוינס, וואָס וועט בלייבן אויף דורות אין דער וועלט־ליטעראַטור.

אייגנטלעך, האָט נאַלקאָווסקאַ קיין ברייטן לייוונט אויף דער טעמע פון דער יידישער טראַגעדיע נישט פאַנאַנדערגעוויקלט. זי האָט דער זאַך געווידמעט זיבן נאָוועלן און סקיצן פון די אַכט, וואָס גייען אַריין אין באַנד „Medalio ny״ — „מעדאַליאָנען״ (וואַרשע, 1946) און צוויי פון דער גרוי־סער צאָל מיניאַטורן, וועלכע זיינען איינגעפאַסט אין דעם צווייטן באַנד: „Charaktery dawne i ostatnie״ — „כאַראַקטערן אַמאָליקע און היינטיקע״ (וואַרשע, 1948). דער דריטער מאַניאַטור מיט אַ יידישער הויפּט־גע־

שטאַלט פון דער זעלביקער סעריע, „חוה אָדער אַ נישט קלוגע טובה", איז טאַקע אויך שייך דער יידישער לאַגע, דער אויסזיכטסלאָזיקייט פונעם קיום פון די יידישע פאָלקס־מעטנשן, אָבער פון פאַרמלחמהדיקן פעריאָד.

אין די נאָוועלן און סקיצן פון דער יידישער טראַגעדיע קומט צום אויסדרוק דער כאַראַקטעריסטישער פּראָצעס, וועלכן עס מאַכט אַדורך נאַל־קאָווסקאַ, די אַנטוויקלונג פון נאַטוראַליזם צום נייעם הומאַניזם. דאָ און דאָרטן טרעפט מען נאָך אָן אין אָט די שאַפונגען רעצעדיוון פון אַמאָליקן נאַטוראַליסטישן סטיל. אַזוי, למשל, ווען נאַלקאָווסקאַ שילדערט אין „פּראָ־פעסאָר ספּאַנער" די גרויזאַמקייטן פון די עקספּערימענטן, וואָס עס האָבן איבער די געטאָ־קרבנות געמאַכט די היטלעריסטישע „וויסנשאַפטלער", מאַכט זי דאָס מיט אַ געוואַלטיקער פּינקטלעכקייט און פּרטימדיקייט. זי באַ־שרייבט גענוי ווי אַזוי עס איז פּראָדוצירט געוואָרן זייף פון מענטשלעכע פעטס — דאָס געפיל פון גרויל פאַרוואַנדלט זיך דורך דעם אין אַ געפיל פון עקל, דער הויפּט־ציל פון דער שילדערונג ווערט פאַרלוירן, מען פאַר־געסט אין די מלחמה־פאַרברעכער, אין זייער „אידעאָלאָגיע" און דערציונג און מען ווערט דערדריקט דורך דער גרויסער צאָל דעטאַלן, וועלכע הויפן אָן זיך איינער אויפן צווייטן אין איין ריזיקן קאָשמאַרישן באַרג.

אָבער דאָס איז בלויז אַ ווידערקול פון פריערדיקן נאַטוראַליזם. בדרך כלל זיינען נאַלקאָווסקאַס „יידישע" נאָוועלן און סקיצן געשריבן זייער קלאָר, מיט שטאַרקע קאָנצענטרירטע, בצימצומדיקע, פּלאַסטישע בילדער און אין אַן אויפשווידערנדיקן געלאַסענעם טאָן — די אויטאָרין וויל דערגרונטעווען די יסורים ביזן דנאָ, דעריבער איז איר טאָן נישט איילִיק, זי שוינט נישט זיך און נישט דעם לייענער, אָבער זי באַווייזט איינצייטיק צו דערהויבן די יידישע ליידן. אַן אמתער ביבלישער אָטעם, ווי תנכישע עפּיק, באַהויכט די דאָזיקע מיניאַטור־בילדער. און אומעטום שטייט אין צענטער דער מענטש. די גרויזאַמקייט־געמעלן פאַרווישן נישט דעם עיקר — דעם בן־אָדם און זיינע איבערלעבענישן און געפילן. נאַלקאָווסקאַ האָט אויך מזלדיק אויס־געמיטן דאָס אַריינפאַלן אין אַפּאָלאָגיע פון יסורים. נישטאָ ביי איר דאָס, וואָס ווערט אין פּויליש כאַראַקטעריזירט ווי „טשערפּיענטניצטוואָ". אַקעגן־זשע דרינגט אַדורך אירע שורות אַ געוואַלטיקער יראת־הכבוד פאַר די ליידן פון די יידן, אַ דורכאויסיקע סאָלידאַרישקייט מיט די קרבנות און אַ פּראָטעסט קעגן די, וואָס האָבן אָרגאַניזירט דעם מאָרד, אים טאָלערירט און געשוויגן. טאַקע אין דעם רואיקן, עפּישן טאָן, אין וועלכן נאַלקאָווסקאַ שיל־

דערט די קרבנות, זייערע יסורים און ווערדע, שפיגלט זיך אָפּ איר יראת־הכבוד פאַר די ליידנדיקע.

די שטאַרקסטע נאָוועלע פון דעם מין איז „ביי דער באַן־ליניע" — „Przy torze kolejowym", אַ פּערל אין דער ליטעראַטור, אַ נאָוועלע, וועלכע מען קען נישט אַדורכלייענען אָן אַ געוויין פון האַרץ. דאָס איז אַ געשיכטע פון אַ יידישער פרוי, וועלכע איז געשפּרונגען פון דעם טויטן־וואַגאָן. קיינער קען נישט איר נאָמען, איר לעבנס־געשיכטע. קיינער ווייסט נישט, וואָס פאַר אַ כאַראַקטער זי האָט, וואָס איז איר באַרוף, איר פּערזענלעכער גורל. איינע פון דעם ריזיקן אַנאָנימען לעגיאָן טויט־פאַרמשפּטע.

די וועכטער, וואָס האָבן געטשאַטעוועט אויפן דאַך, האָבן געשאָסן. דער מאַן אירער איז תיכף געפאַלן טויט. זי איז פאַרוואונדעט געוואָרן אין קני, איז זי געבליבן ליגן אָן כוחות, אַ צוגעשמידטע צו דער ערד ביי די רעלסן פון דער באַן. „די באַן איז פון לאַנג פאַרשוואונדן אין די פינצטערנישן מיט איר רויך און גערויש, אַרום איז געוועז די וועלט". ביי דער באַן־ליניע שפּילט זיך אָפּ אַ קורצע דראַמע, איינע פון טויזנטער. ראַטעווען די אומגליקלעכע, אויסבאַהאַלטן אין אַ כאַטע איז געווען אוממעגלעך — „אירע געקרייזעלטע פּעך־שוואַרצע האָר זיינען געווען צעשויבערט אין אַ צו בולטן אופן, אירע אויגן האָבן זיך איבערגעגאָסן צו שוואַרץ או באַוווסטלאָז אונטער די אַראָפּגעלאָזטע וויעס". זי איז געווען אַ פאַרמשפּטע.

עס הויבט זיך אָן אַ געראַנגל — נישט פאַרן לעבן, נאָר פאַרן טויט. זי וויל שטאַרבן. זי ווענדט זיך צו די אַרומיקע אַנגעלאָפענע פּויערים, מען זאָל איר קויפן פאַר די לעצטע פּאָר גראָשן לומינאַל — קיינער וויל עס נישט בעמען אויף זיך. איין זאַך ברענגט מען איר יאָ — מילך און בראָנפן. די מילך גיסט זי אויס, דער בראָנפן קומט צונוץ. זי שיכורט זיך אָן, כדי צו פאַרגעסן, כדי צו ווערן באַרוישט, כדי לייכטער אויפצונעמען דעם טויט.

ביז איינער קריגט רחמנות. שענקט איר דעם דערלייזערישן שאָס. ווען עס פאַלט צו די נאַכט, יאָוועץ זיך דריי מענטשן, אַפּנים פאַרטיזאַנער, וועלכע ווילן ערגעץ באַהאַלטן די פרוי, אָבער עס איז שוין צו שפּעט.

עס גייט דאָ נישט אין סיפור המעשה, דער עיקר איז דער אופן פון שילדערן, די באַציונג פון דער אויטאָרין צום יידישן ליידן, דאָס מאָלן די פרוי אָן אַ שמץ היסטעריע, אָן געבעט, אָן איינגעבראָכנקייט — ס'איז אַ ביבלישע פרוי, גרויס אין אירע יסורים און גרויס אין איר אַליינבאַהערשט־קייט.

אַן ענלעך געפּיל כאַפּט אַרום ביים לייענען די נאָוועלע „וויזע", וועלכע איז קינסטלעריש שוואַכער ווי די פריערדיקע, אָבער אין דעם הינזיכט פון אַרויסברענגען דעם יידישן מענטש מיט רואיק עפּישע טענער גלייכט זי זיך אויס מיט דער טראַגישער דערציילונג פון דער באַן־ליניע. אין „וויזע" שילדערט נאַלקאָווסקאַ אַ לאַגער מיט אַלע זיינע אַכזריותדיקייטן. אינעם לאַגער זיצן פרויען — פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן. די שוואַכסטע פיזיש זיינען די יידישע פרויען פון גריכנלאַנד. נישט בלויז, וואָס זיי ווערן פאַרפּייניקט דורך דער עבודת פרך, נאָר עס צעפרעסט זיי דער קלימאַט, וועלכן זיי קענען נישט פאַרטראָגן. אָבער די דאָזיקע קליין־געוויקסיקע שוואַכע ווערזנס ווייזן זיך אַרויס פאַר געוואַלטיק שטאַנדהאַפטיק מאָראַליש. אין אַ מאָמענט פון העכסטן ליידן פון אומזיניקן שטיין אַ גאַנצע נאַכט כמעט נאַקעט־הויל אונטערן שניידנדיקן רעגן אויף דער „וויזע", אויף דער לאַנקע, ווען אַלע אַנדערע שוועסטער לצרה ווערן איינגעבראָכן, פּלאַצט פּלוצים אויס אַ גע־זאַנג — דאָס האָבן די גריכינס געזונגען אַ הימן. נישט אין גריכיש — זיי האָבן געזונגען העברעיש־יידישע לידער. „זיי האָבן געזונגען זייער שיין, הויך און שטאַרק, פונקט ווי זיי וואָלטן געווען געזונט". דאָס איז געווען אַ דורכברוך אין דער גאַנצער בית־הקברות־שטימונג פונם טויטן־לאַגער, אַ מרידה קעגן עסעסישן רעזשים. „דאָס איז נישט געווען — דערקלערט נאַלקאָווסקאַס אַ געשטאַלט, — קיין פיזישער כוח, ווייל זיי זיינען דאָך גע־ווען די שוואַכסטע. דאָס איז געווען דער כוח פון בענקשאַפט און באַגער".

דאָס איז געווען זייער לעצט געזאַנג. נאָך דעם איז געקומען די נקמה, די סעלעקציע, דער טויט.

נאַלקאָווסקאַ ציען צו ס'רוב יידישע פרויען־געשטאַלטן. פון אַלע אירע נאָוועלן און סקיצן, וועלכע זיינען געווידמעט דער יידישער טראַגעדיע אין דער אָקופּאַציע־צייט, פאַרמאָגט בלויז איינע אַ מענערישע הויפּט־פיגור („דער מענטש איז שטאַרק"); אין אַלע אַנדערע זיינען די העלדן — פרויען. מיט אַ זייער וואַרעמען געפיל שילדערט נאַלקאָווסקאַ אַ פּשוטע יידישע פאָלקס־פרוי, וואָס האָט אַדורכגעמאַכט די שבעה־מדורי־גהנום, און איר מענה לשון („דבורה זשעלאַנאַ"). די קינסטלערין האָט אויפגעכאַפּט ביי דבורהן צוויי מאָמענטן, וועלכע זיינען אַזוי אייגנטימלעך פאַרן כאַראַקטער פונעם יידישן פאָלקס־מענטש; די צוגעבונדנקייט און בענקשאַפט צום פאַמי־ליע־לעבן און צום אייגענעם פאָלק. יאָ, זאָגט דבורה, דער יידישער קאָמיטעט איז צו מיר גוט, ער וועט מיר קויפן אַן אויג (זי האָט פאַרלוירן אַן אויג אין לאַגער), מען וויל מיר אַפילו אַריינשטעלן ציין; אָבער זי גיט צו מיט

אַ זיפץ: „אָבער דאָס איז נאָך נישט משפחה". און ווען מען פרעגט זי, ווי אַזוי איז זי געבליבן לעבן, ווי אַזוי האָט זי אויסגעדויערט, ענטפערט דבורה:

— איך וועל אייך זאָגן: איך האָב געוואָלט לעבן. איך ווייס נישט, וואָרעם איך האָב שוין נישט געהאַט קיין מאַן און קיין משפחה, קיינעם נישט, און איך האָב געוואָלט לעבן. פאַרוואָס? איך וועל אייך זאָגן: כדי צו קענען דערציילן אַלץ, אַזוי ווי איך גיב עס איבער איצט. זאָל די וועלט וויסן, וואָס זיי האָבן געטאָן.

אַן אמתער הימן פאַר דער מסירת־נפש און משפחה־טריישאַפט פון אַ יידישער טאָכטער איז נאַלקאָווסקאַס מיניאַטור „לאה, אָדער אַ ליבנדיקע טאָכטער" „Lia, albo córka miłująca" פון דער צווייטער זאַמלונג „כאַראַקטערן".

דאָס איז אויך אַ געשטאַלט איינע פון הונדערטער טויזנטער. אַ מאַמע און אַ טאָכטער אין געטאָ — די מוטער, וועלכע איז נישט געווען ענלעך צו קיין יידישע, האָט דאָ באַקומען אַ פולשטענדיקן „יידישן אויסזען". איר טאָכטער האָט זיך געריסן צו דער „פרייער" וועלט, כדי זיך צו ראַטעווען. זי האָט געהאַט אַ סמך דערויף, זי איז „נישט געווען ענלעך". אָבער ווען זיי זיצן ביידע אויף דער „אַרישער" זייט אַ לענגערע צייט אין אַ בונקער, פאַרשטעלט מיט אַ וואַנט, און מען שלעפט זיי דערנאָך אַרויס — דעמאָלט זיינען שוין ביידע „ענלעך". און דאָך איז נאָך אַלץ פאַראַן אַן אונטערשייד צווישן מאַמע און טאָכטער. אין לאַגער מוז די אַלטע תיכף גיין אין גאַז־אויוון, בעת די טאָכטער קאָן זיך ראַטעווען צוליב איר יוגנט. „לאה האָט זיך געפונען צווישן אַ המון יונגע יידן, וועלכע זיינען באַשטימט צו אַרבעט. דעמאָלט האָט זיך פון דער גרופע פאַרמשפטע אויפגעהויבן דאָס געשריי פון דער מוטער — נישט אַזוי ווייט אַ הילף־רופנדיקער, ווי אַן אַנזאָגעוודיקער: לאה! דעמאָלט איז לאה צוגעשפרונגען צו דער מוטער און איז אַוועק מיט איר אינאיינעם צום טויט".

צו די שענסטע און רירנדיקסטע נאָוועלעס געהערט בלי שום ספק די מיניאַטור „מוטערשאַפט פון אויסוואַל" „Macierzyństwo z wyboru" אויך דאָ דערציילט נאַלקאָווסקאַ אַ פשוטע מעשה, איינע פון טויזנטער וועגן אַ פוילישער פרוי קלעמענטינע, וועלכע האָט אַדאָפּטירט אַ מיידעלע, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ קלויסטער. די קליינינקע האָט געהאַט דריי יערעלעך, בלאָנדע לאָקעלעך און הימל־בלויע אויגעלעך. איינמאָל ביים וואַשן דאָס קעפּעלע, האָט קלעמענטינע באַמערקט, ווי עס וואַקסן אויף דעם קינד שוואַרצע הערעלעך, און זי האָט פאַרשטאַנען דעם סוד. דאָס פוילישע

פאַרפאַלק האָט אויסצושטיין צרות מצד דייטשע זשאַנדאַרן און שמאַלצאָווניקעס. עס קאָסט אַפּ אַ מטמון מיט געלט און נערוון. אָבער אַלץ איז זיי ליב, ווייל די קליינע אַלאַ איז שוין איינגעבאַקן אין זייערע הערצער, ביז עס קומט די באַפרייונג און אַלע אָטעמען אָפּ, די שלעכטע צייט איז פאַרביי, אַלאַ איז געראַטעוועט און אויך זייערע געפילן וועלן שוין נישט געשטערט ווערן; „אָבער דעמאָלט איז געקומען אַ פרוי אין טרויער מיטן אַן ענין צו קלעמענטינען. אַ פרוי, וואָס האָט פאַרלוירן דעם מאַן, אַ דערמאָרדעטן אין לאַגער, פאַרלוירן צוויי שוועסטער און אַ ברודער און אַ געליבטע מוטער און אַ טאַטן. איר האַרץ האָט געווימלט מיט טויטע. זי האָט איצט געוואָרט אויף קלעמענטינען, און אין פאַדערהויז איז אַריינגעלאָפן אַ פאַראינטריגירטע אַלאַ, שלעפנדיק נאָך זיך אַ לאַנגע לאַלקע אויף דער ערד. דעמאָלט איז די פרעמדע פרוי אַ פאַל געטאָן אויף די קני פאַרן קינד און זי אַרומגענומען אינגאַנצן מיט אירע אָרעמס. זי האָט איר אָנגערופן מיט אַן אומבאַקאַנטן נאָמען, געגרעדט נישט פאַרשטענדלעכע ווערטער. זי האָט געריבן אין דעם קליידעלע פון דער דערשראָקענער מיידעלע דאָס פייכטע פנים, זיך געשטיקט פון געוויין...“.

אין דעם דאָזיקן נייעם טראַגישן שלמה־המלכס משפט — ווער דאַרף בלייבן די מוטער? — שטעלט זיך נאַלקאָווסקאַ די הומאַניסטין אויף דער זייט פון דער יידישער מאַמע. זי גייט צו ריין מענטשלעך צום באמת פאַרוויקלטן פּראָבלעם. זי פאַרשטייט: „חוץ דער קליינער איז דאָך ביי איר קיינער נישט געבליבן אויף דער וועלט“, — הגם זי גיט זיך אָפּ אַ דין־וחשבון פון די געפילן ביים קינד. דאָס קינד וואַרפט ביים אָוועקגיין אַ שלעכטע און פילדייטנדיקע באַשולדיקונג צו קלמענטינען: „ביסט אַ שלעכטע, מאַמע, ביסט אַ שלעכטע! דאָס ברודערל וואָלסטו נישט אָוועקגעגעבן, און מיר גיסטו אָוועק!“.

אויף פיר קאַרגע זייטלעך וויקלט די מייסטערין נאַלקאָווסקאַ פאַנאַנדער איינע פון יענע גרויסע און פיינפולע דראַמעס, וואָס זיינען געוואָרן כאַראַקטעריסטיש פאַר אונזער אָקאָרשט פאַרגאַנגענער עפּאָכע.

סיי אין „מוטערשאַפט פון אויסוואַל“, סיי אין דער נאָוועלע „ביי דער באַן־ליניע“ ווי אויך אין אַנדערע „יידישע“ נאָוועלן און מיניאַטורן מיידט נאַלקאָווסקאַ אויס צו געבן פּינקטלעכקייט פון אָרט און פון פּערסאָנאַזש. אַפילו ווען זי רופט אָן אַ נאָמען (און קיינמאָל נישט קיין פאַמיליע־נאָמען) איז עס אויך אָן שום פערזענלעכע, געניייערע שטריכן. זי באַמיט זיך צו זיין

טריי דעם אַלגעמיין־כאַראַקטעריסטישן אמת, דער אָטעם פון דער צייט. דערמיט שטרייכט זי אונטער, אַז דאָס איז נישט קיין אינדיווידועלע טראַגעדיע און נישט קיין יסורים פון אַ יחיד, צי פון א גרופּע, נאָר אַ טראַגעדיע פון אַ ריזיקן קאָלעקטיוו, פון א פאָלק, פון דעם מין מענטש.

דורך איין מייסטערישן כאַראַקטעריסטישן דעטאַל גיט זי א שטיק פון דער גאַנצער דערשיינונג. טריי דעם דאָזיקן נוסח, פאַרבלייבט זי אויך אין דעם סקיץ „די בית־הקברות־פּרוי", ווו עס טרייסלען אונז אויף די קורצע בילדער פון ברענענדיקן און קעמפנדיקן וואַרשעווער געטאָ.

ווי אויסגעהאַקט פון שטיין זיינען נאַלקאָווסקאָס בילדער פון די יידישע ליידן. אַזעלכע ווערן זיי טאַקע פאַרבלייבן אין דער ליטעראַטור: מיניאַטור־מאָנומענטן פון דער גרויסער טראַגישער צייט. אָבער נישט די קאַלטע שיינקייט פון שטיין איז אייגנטימלעך פאַר דער באַציונג פון דער מייסטערין צו אונזער טראַגעדיע, נאָר אַ שפּרודלדיקע וואַרעמקייט אַזוי ווי עס פּאַסט פאַר א עכטן שרייבער־הומאַניסט, א פריינט פון מענטש.

די באַציונג פונעם דאָרף

דאָס נייע פוילן האָט געשאַפן און באַגינסטיקט די מעגלעכקייטן צו אַקטיוויזירן ליטעראַריש פרישע טאַלענטן נישט בלויז פון שטאָט, נאָר אויך פון דאָרף. א ריי עלטערע און ייִנגערע שרייבער פון דאָרף האָט אין צענטער פון די קינסטלערישע אָנשטרענגונגען געשטעלט אויך דאָס ייִדישע פּראָבלעם פון דער אָקופּאַציע־צייט. אמת — עס איז נאָך ביי די שרייבער נישט אויפגעקומען קיין פאַרגאַנצטע ווערק אויף דער ייִדישער טעמע. די אויפגאַבע פון אַזעלכע שאַפונגען איז צו שילדערן דעם ייִד אויפן באָדן, אָדער פּנים אל פּנים מיטן דאָרף און די באַציונג פונעם פּויער צו דער ייִדישער טראַגעדיע און צום ייִדישן ווידערשטאַנד אויף דער פאָן פון די שטרעמונגען, וואָס האָבן געוואָרטעוועט דאָס פּוילישע דאָרף אין דער צייט פון אָקופּאַציע, אָדער וואָס זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַרן פּוילישן פּויער, פאַר די פאַרשידענע שיכטן פון דאָרף, אַצינד, אינעם פוילן, וואָס בויט סאָציאַליזם. דערווייל זיינען דערשינען די ערשטע, דרייסטע פּרוון צו געבן די ווירקלעכקייט פון פּוילישן דאָרף פריער און היינט, און בפרט — די אָקופּאַציע־צייט מיט די אויגן פון היינט. צוזאמען מיט דעם יאָוועז זיך אויך די ערשטע קלענערע זאַכן אויף דער ייִדישע טעמע.

פאַרן צוגאַנג פון די דאָרף־שרייבער צו דער טעמע זיינען כאַראַקטעריסטיש דריי אופנים: דער אופן פון יוזעף מאַרטאַן, פון וויטאָלד זאַלעווסקי און פון לעאָפּאָלד בוטשקאָווסקי. צווישן די ערשטע צוויי און דעם לעצטן איז פאַראַן א בולטער אונטערשייד אין דעם אָרט אויפפאַסן די ייִדישע פּראָבלעמאַטיק, וואָס קומט ווי אן אויסדרוק פון די באַזונדערע אידיאיִשע באַציונגען פון די מחברים צום אמת, צו דער נייער ווירקלעכקייט.

נאַטוראַליזם: לעאָפּאָלד בוטשקאָווסקי

— בײַ לעאָפּאָלד בוטשקאָווסקי, אין זײַן דערציילונג „W nocy“ — „בײַנאַכט“, וואָס איז בלויז אַ פראַגמענט פון אַ פּלאַנירטער גרעסערער אַרבעט, וועגן לעבן פון ייִדישע פּאַרטיזאַנער אין פּוילן, איז בלי ספק פאַראַן אַ סך מיטלייד פאַר די וואַלד־ייִדן, פאַר די שטעטלשע ייִדן בכלל. דער מחבר שרײַבט וועגן אַ פּאַרטיזאַנישן אָפּטייל פון שטעטלשע ייִדן אונטער דער אָנפירונג פון כאַנע־שאַיע. איינע פון די הויפּט־געשטאַלטן פון דער דערציילונג איז דאָס ייִדישע מיידל רוזשאַ ספּאַידיק, אַ טראַגישע פיגור. זי קומט אום אַ לעבעדיק פאַרברענטע אין פלאַמען. זי בלײַבט דער געוויסן־מאַנער בײַ די פּוילישע און ייִדישע פּאַרטיזאַנער. בוטשקאָווסקי גיט אַ שלל מיט מאַטעריאַלן וועגן ייִדישער מאַרטירעריי, וועגן דעם לעבן פון די ייִדן אין וואַלד, וועגן דער קאַלטבלוטיקייט, אַלײנבאַהערשטקייט און העלדישקייט פון כאַנע־שאַיע. ער ווײַזט די באַזונדערע טראַגעדיע פונעם ייִדישן קינד. דעם ייִדישן מענטש, וועלכער איז אַ שטאַטישער עלעמענט, איז נישט לײַכט זיך אײַנצולעבן מיט די נײַע, רויע באַדינגונגען פון וואַלד. די צאָל קרבנות, נישט בלויז פונעם שונאס פײַער און נישט בלויז פון מענטשלעכער שלעכטס און מסירות, נאָר פון די אומדערטרעגלעכע באַדינגונגען גופא פון וואַלד, איז זייער גרויס. עס קומען אום די בערנשטיינס און די גאָדלס, די קאַצס און גוטמאַנס, גאַנצע שטאַמען שטעטלשע ייִדן, וואָס זײַנע באַקאַנט און אַפילו היימיש דעם דאָרף. אָבער דער ייִד, וואָס שטייט אויס די שווערקייטן אין וואַלד, אַז ער געוווינט זיך צו, ווערט ער אַ וואַלד־וואָלף, אַ רירעוודיקער, פאַרביסנער, ביטערער קעמפער, אַ וועגוויזער און פירער פאַר אַנדערע.

לעאָפּאָלד בוטשקאָווסקי איז אַן אימפּרעסיאָניסט — זײַן בילד איז פאַרנעפּלט און צעשוווּמען — און גלײַכצײַטיק אַ נאַטוראַליסט אין דער שילדערונג פון זײַנע געשטאַלטן, וועלכע קומען אַרויס ווי נישט דערגאַנצטע, אין זייערע צעברויזטע, רויע אינסטינקטן. ער לײַכט נישט אַרײַן אין דער נשמה פון מענטש — נישט פונעם ייִד און נישט פונעם פּוילישן פּויער. ער גיט דאָס אויסערלעכע, און אויך דאָס — נישט קלאָר, מטושטש. פאַראַן בײַ אים פּויערים גוטע און שלעכטע, אָבער עס ווערט נישט געוויזן זייער אינערלעכע וועלט. פאַראַן בײַ אים אַ מסור, ציטערט ער בלויז חיהש פאַר זײַן בידנעם לעבן, ווען ער פאַלט אַרײַן צווישן די פאָלקס־נקמה־

געמער; עס זיינען דאָ ביי אים פויערישע פּאַרטיזאַנען, זיינען זיי געגעבן רוי, אַנאַרכיש. די אַלע שטריכן פון בוטשקאָווסקיס סטיל זאָגן עדות אויף זיין נישט־קענען די שפּרונג־פּעדערס פון דעם אַנטיהיטלעריסטישן קאַמף, אויף דער פּאָליטישער אומרייפקייט פון מחבר.

רעאַליסטן: טאַדעוש זאַלעווסקי און יוזעף מאָרטאָן

דער יונגער וויטאָלד זאַלעווסקי זאָגט אויך אָן אַ גרעסערע דערציי־לונג „Broń" — „געווער". אין די פאַרעפנטלעכטע פראַגמענטן דערשיינט ער ווי אַ שרייבער מיט אַ פולשטענדיק אַנדערן שעפערישן מע־טאָד ווי בוטשקאָווסקי. זאַלעווסקי איז קודם כל אַ רעאַליסט: ער גיט אַי־נערלעכע איבערלעבונג, מענטשלעכן צאַפּל, הגם ער איז הימל ווייט פון אַי־דעאַליזאַציע, פון ראָמאַנטיזירן דעם פויער. עס איז קודם כל פּרינציפּיעל אין שרייבן. זיין צוגאַנג איז דער קלאַסעווער. זיין אַנטעק טרוימט וועגן ערד, וועגן אגראַר־רעפאָרם. ער העלפט דעם ייד זישע אָן שום קווענקל, ער נעמט אים ארויף אויף דער פור, הגם דער דייטשער פאַרבאָט איז אַ בפירושער און אַ קאַטעגאָרישער. אין בולטע פאַרבן שילדערט זאַלעווסקי די טאַקטיק פונם אָקופּאַנט, וועלכע באַשטייט אין דעם, אַז דער פויער ווערט דורך טעראָר געצווונגען צו שלאָגן דעם ייד — דעם זעלביקן, וועלכן ער האָט געהאָלפן און וועלכן ער וויל, אייגנטלעך, אויך ווייטער העלפן. זאַלעווסקי גייט צו דרייסט צום פּראָבלעם: ווען דער ס.־ס.־אָפיציר שטעלט דעם פויער אַנטעק די פראַגע — „האסט נישט ליב די יידן, אמת?" — ענטפערט ער, ווי זאַלעווסקי שטרייכט עס אונטער, טאַקע אָפנהאַרציק: „איך האָב נישט ליב". אָבער בשעת דער אָפיציר הייסט אים דערהרגענען זישען מיטן דראָנג, ציטערט דער פויער אויף איינגאַנצן. דערהרגהנען? און דער ס.־ס.־מאַן שטייט צו: „נאַ... וואָרעם איך וועל מוזן דיך (דערהרגענען). נאַ, זיי נישט קיין נאַר."

„אַ מוראדיקע שרעק האָט אָנגעכאַפּט אַנטעקן פאַר די פיס. ער האָט זיך אומגעקוקט אויף זאָשקען (זיין ווייב). זי האָט זיך פאַרשטעלט מיטן קינד, וואָס האָט געקוקט נישט פאַרשטייענדיק גאָרנישט. ער האָט אַ קוועטש

געטאָן מיטן גאַנצן כוח די קלאַניצע. ער האָט געמאַכט אַ טריט. געפילט, ווי עס פירן אים די וואַכזאַמע אויגן פון די דייטשן. ער האָט מורא געהאַט צו קוקן אויף זישען. זיך אַ גליטש געטאָן מיטן בליק איבערן שוואַרצן כאַלאַט. אַ געדאַנק איז אים אַדורכגעפלויגן, אַז ער האָט דאָך שוין נישט איינמאָל געשלאָגן מענטשן... ער האָט אויפגעהויבן די האַנט און די אויגן איינציייטיק. אין דער לעצטער רגע האָט זיך אים די דלאַניע אויסגעדרייט. זישע האָט אַ געשריי געטאָן. אַ פּאַסיקל בלוט האָט געפלאָסן איבער זיין פּנים. ווייס איז ער געווען ווי פּאַפּיר. די אויגן האָט ער געהאַלטן כסדר פאַרמאַכט. אַנטעקן האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ערשט איצט האָט ער אים דערזעען. „נאַ, ווייטער... האָט ער געהערט די גרויזאַמע דערמוטיקונג. ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ. דער דייטש האָט אויף אים געקוקט אַ פאַרקרימטער. „אַנטאַני" — האָט א זשום געטאָן אין דער לופט. עס האָט זיך אַנטעקן אויסגעוויזן, אַז דאָס בעט זישע. אינצווישן ווי עס וואָלט זיך ביי אים עפּעס אַראָפּגעלאָזט און געפּלאַצט. ער האָט נישט געקענט געבן קיין קלאַפּ. ער האָט שווער אויסגעדרייט דעם בליק. דער זשאַנדאַר האָט אַראָפּגענומען דעם העלם און אָפּגעווישט דעם שטערן. דער צווייטער איז געשטאַנען אַ צעקראַטשעטער איבערן ראָוו. די מינוט האָט זיך אויסגעצויגן ביז אומענדלעכקייט. פּלוצעם האָט זאַשקעס אַ דינער קוויטש איבערגעריסן די שטילקייט. אַנטעק האָט געפילט, ווי דער דייטש נעמט ארויס דעם רעוואָלווער. „נאַ, דו!"

זאַלעווסקי באַנוגנט זיך נישט מיט אויסערלעכן געמעל. ער וויל אריינדרינגען אין דער נשמה פון אָרעמען פויער, אין זיין אינערלעכער באַציונג צום קרבן, צום ייד. „עפּעס האָט זיך אין אים אָפּגעריסן און געפּלאַצט" — אין אַנטעקן. זאַלעווסקיס אַנטעק בלייבט שטיין פאַר אַן אומגעהויערן שווערן נסיון — דער אייגענער טויט, אָדער דער טויט פון דעם ייד. דאָ פאָדערט זיך הויכער גראַד פון מענטשלעכקייט. זאַלעווסקי דערפירט נישט די זאַך ביזן סוף — ווארעם, אייגנטלעך, איז דאָך שוין נישט וויכטיק דער אויסגאַנג; וויכטיק איז דער אינערלעכער געראַנגל, דער מענטשלעכער קווענקל; וויל אויב אַפילו אַנטעק וועט מיט קלאָרע געדאַנקען, אָדער מעכאַניש אויספירן דעם באַפעל פונעם ס.־ס.־מאַן, וועט עס זיין אונטערן בפירושן טעראָר. דער עיקר איז שוין דאָ די אינערלעכע איבערלעבונג.

אין אָט דער היניזיכט, אין היניזיכט פון אריינפירן דעם געזעלשאַפטלעכן באַוווסטזיין, דעם געוויסן־מאָמענט און אויך דעם סאָציאַלן עלעמענט,

דער טרוים פון אַרעמען פויער וועגן ערד — באַשטייט זאַלעווסקיס הע־בערקייט לגבי בוקאַווסקין.

נאָך טיפער — אין אַ געוויסער הינזיכט — גראָבט יוזעף מאַרטאַן. ער דערשיינט ווי דער מיליטאַנטישער פויערים־שרייבער, וואָס שמייסט זיין דאָרפישן פערסאָנאַזש פאַר דעם מאָמענטאַלן וואַקלען זיך, מעג דאָס דאָזיקע וואַקלען זיך זיין פאַרהעלטנישמעסיק פסיכאָלאָגיש און סוביעקטיוו באַרעכ־טיקט. אין אַ קורצער דערציילונג „זאָשקע" שילדערט ער איינעם פון די קריטישסטע מאָמענטן אין לעבן פון די יידישע פאַרטיזאַנער — אַן אַבלאַ־ווע, אַ שטראָף־עקספּעדיציע פון דעם שונא. די נקמה־נעמער מוזן זיך פאַר־שטעקן ערגעץ טיף אין וואלד, אין אַ באַהאַלט־אָרט אונטער דער ערד. די פוילישע פאַרטיזאַנער האַלטן איין מיט די יידן קאָנטאַקט און שיקן זיי יעדן טאָג עסן דורך אַ דאָרפיש מיידל, וועלכע פירט אויס גערן די שליחות. און אָט שטעלט מאַרטאַן אַוועק דאָס פויערישע מיידל פאַר אַ שווערן אי־בערלעכן נסיון. גראָד אין דער צייט, ווען זאָשקע נידערט אראָפּ אין אונ־טערערד צו די יידן מיטן שפּייז, ברעכט אויס אַ פאַרדעכטיקטער גערויש, און ביי אַלעמען איז קלאָר: די דייטשן זיינען געפאַלן אויף די שפּורן פון די באַהאַלטענע, און דאָס באַדייט — סוף, טויט.

דאָס פויערישע מיידל איז פאַרצווייפלט. זי איז אַריינגעפאַלן. פאַר ווע־מען? פאַר וואָס? פאַרוואָס זאָל זי אומקומען — זי איז דאָך נישט קיין יידי־שע. איז — ווער זשע איז שולדיק אין איר אומגליק? אין ערשטן מאָמענט גיסט זאָשקע אויס איר פאַרדרוס אויף — די יידן. צוליב זיי מוז זי אוועק־געבן איר יונג לעבן. מאַרטאַן איז אַ שטרענגער ריכטער — ער שלעפּט אַרויס מיט אַ זיכערער האַנט די פאַרבאָרגענע געפילן פונעם מיידל. ער ווייזט זי אַזוי ווי זי איז אין דער קריטישער רגע. ער זאָגט: ניין, זי האָט נישט אויסגעהאַלטן דעם נסיון! זי האָט אין האַרצן געשאָלטן די קרבנות, פאַר וועלכע זי איז זיך דאָך אַליין אַזוי אָפט מקריב געווען. און ווען עס ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָס איז געווען אַ פאַלשער אַלאַרם, אַז דאָס זיינען גאָר יידישע און פוילישע פאַרטיזאַנער, לעבט איבער דאָס דאָרפישע מיידל אַ פרישן שווערן געפיל: זי שעמט זיך אמתדיק, אויפריכטיק, זי באַדויערט איר שוואַכקייט־מאָמענט, זי קען זיך קיין אָרט נישט געפינען.

יוזעף מאַרטאַן, וועלכער איז אין דער שילדערונג אַ ביסל שווערמו־טיק און אפילו אַ ביסל פעסימיסטיש (אַן איבערבלייבעניש פון דער אַלטער צייט, ווען דער דאָזיקער שרייבער־רעאַליסט האָט אַנדערש נישט געקענט זען די לאַגע אויפן דאָרף אין פריציש־קאַפּיטאַליסטישן פוילן), איז דורך־

און־דורך מענטשלעך־אמתדיק. ער איז שאַרף־שטראָפעריש און מאָנט חשבון־הנפש. אזוי איז ער לגבי זיין אייגענעם פויערישן פּערסאָנאַזש.

ביים שילדערן דיווירקלעכקייט פון דאָרף וועגדט ער אָן אַ קלאַסן־צוגאַנג. מאַרטאַן זעט נישט סתם פויערים; טריי דעם סאָציאַלן אמת צוגלי־דערט ער דאָס דאָרף אויף רייכע, אָרעמע און קליין־באַזיצער. ער שילדערט אַ פראַגמענט פון יידישער טראַגעדיע אויפן פאָן פון דער סאָציאַלער דיפע־רענציאַציע אין דאָרף. אין דער דערציילונג „בוטקי״ („שיכלעך״) גיט ער אָן אויפטרייסלדיקן בילד, ווי אזוי דער קולאַקישער עלעמענט ווערט רייך אויפן אומגליק פון די יידן. ער דעקט אויף אומברחמנותדיק דעם פּרצוף פונעם חיהשן קולאַק. אין באַצוג צו די יידישע געשטאַלטן איז ער, פאַר־קערט, נישט בלויז מיטליידנדיק, נאָר ליריש, ער שילדערט זיי נישט גע־בראָכענע, נאָר קאַמף־גרייטע, נישט אין קיין היסטעריע־שטימונג, נאָר בטחונדיקע.

אָט אַזוי אַנטפּלעקן זיך אין דער אויפוואַקסנדיקער דאָרף־ליטעראַטור צוויי עיקר־צוגאַנגען: בוטשקאָווסקיס און דער פון מאַרטאַן־זאַלעווסקי. די צוקונפט געהערט צום לעצטן.

װעגן צעגײען זיך

אין יאָר 1933 האָט קרושקאָװסקי פֿאַרעפֿנטלעכט אין דער ייִדיש־פּראָלעטאַרישער „ליטעראַרישער טריבונע" אַ גרעסערע אָפּהאַנדלונג װעגן דעם מצב אין דער קעגנװאַרטיקער פּױלישער ליטעראַטור. קרושקאָװסקי האָט געגעבן אַ אַנאַליז פֿון דער פּױלישער שרײַבערישער װעלט דורך אַ סאָציאַל־אידעיִשער צעגלידערונג. ער האָט אין אַ באַשטימטן אָרט אָװעקגעשטעלט די גרופּע פֿון די „װיאַדאָמאָשטשי ליטעראַצקע" און זי כאַראַקטעריזירט װי א ליטעראטור פֿון עסטעטן, אײַנגעליבטע אין הױלן קלאַנג און װאָרט, װאָס עס איז זײ פֿרעמד און אַפֿילו דערװידער די געזעלשאַפֿטלעכע מיסיע פֿון קונסט. די דאָזיקע ליטעראטור איז פּאַקטיש און אָביעקטיװ געװען אײַנגעשפּאַנט אין דער בירגערלעכער אידעאָלאָגיע און האָט געדינט די אינטערעסן פֿון רעזשים. קרושקאָװסקיס כאַראַקטעריסטיק איז געװען זײער א טרעפֿלעכע. די עסטעטן האָבן זיך מיט צײן און נגל געשיצט קעגן דער מינדסטער פּאָליטישקײט. עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז װען בימי בריסק איז דורך אַ געװיסן קריטיקער אַרײַנגעטראָגן געװאָרן אױף דער פֿאַרװאַלטונג פֿון פּױלישן ליטעראַטן־פֿאַרײן אַ פֿאָרשלאָג אַרױסצוטרעטן מיט אַן אָקציע קעגן די גרױל־טאַטן פֿון קאָסטעק ביערנאַצקי, האָט זיך אױפֿגעשטעלט אײנער פֿון די פֿירנדיקע דיכטער־עסטעטן פֿון דעם „װיאַדאָמאָשטשי ליטעראַצקע"־קרײַז און דערקלערט: דער ליטעראַטן־פֿאַרײן איז א פּראָפֿעסיאָנעלע און נישט קײן פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע, און דעריבער מוז דער פֿאָרשלאָג װערן אָפּגעװאָרפֿן.

די דאָזיקע עסטעטן זײַנען געװען די בני זקונימלעך פֿון דעם הערשנדיקן סאַנאַטאָרישן רעזשים ביז אַ געװיסער צײַט; ביז — עס האָט גענומען אָנציען די קאַטאַסטראָפֿע, װאָרעם אינעם כאַראַקטער פֿון פֿאַשיזם ליגט דער

חיהשער שטריך, וואָס ער מוז סוף כל סוף אויפפרעסן אויך די שיינגייסטער — אָדער פאַרטיליקן זיי, אָדער גלייכשאַלטן.

צו דער עסטעטיזירנדיקער און פאַציפיסטישער גרופּע פון דער פּוילי־שער ליטעראַטור האָט קרוטשקאָווסקי דעמלט פאַרעכנט דעם ווירטואָז פון פּוילישן וואָרט יוליאַן טווים, אַנטאָני סלאָנימסקי, יוזעף וויטלינען און די צו זיי נאָענט שטייענדיקע דיכטער און פּראָזאַיקער.

קרוטשקאָווסקיס אַנאַליז איז געמאַכט געוואָרן, ווי געזאָגט, אין יאָר 1933. דאָס איז געווען דאָס טרויעריקסטע יאָר ביזט בלויז אין דער גע־שיכטע פון דייטשלאַנד, ווען עס האָבן געפּלאַקערט די שייטערהויפנס אין די דייטשע שטעט, און אויף זיי זיינען געברענט געוואָרן די שענסטע ווערק פון דער דייטשער און אייראָפּעישער ליטעראַטור. דאָס איז אויך געווען דאָס יאָר פון אָנהייב פון דעם שפּעטערדיקן פאַרברעכן אין וועלט־מאַס־שטאַב — פון דער געביידע פון בערלינער פּראָפּאַגאַנדע־מיניסטעריום האָט זיך אַ לאָז געטאָן דער בייזער טאָטאַליסטישער גייסט איבער דער וועלט. אין דרום־אַמעריקע און אין דער שווייץ, אין דרום־אַפריקע און אויפן באַל־קאַן, אין סודעטן־דייטשלאַנד און אויפן פּירענעיִשן האַלב־אינזל — אומעטום איז אַריינגעדרונגען דעם סם פון נעאָ־מיטלאַלטער.

אויך פּוילן איז נישט אויסגעמיטן געוואָרן. די וואַשוטינסקיס און פּיאַ־סעצקיס, די פירער פון דעם ענדעקיש־סאַנאַטאָרישן ממזר „א. נ. ר.", האָבן דעם אַלט־ענדעקישן אַנטיסעמיטיזם אונטערגעבויט מיט דעם יונגן, אימפּעטפולן, אַגרעסיווערישן, וועלפישן ראַסיזם פון נוסח היטלער, ראָזענ־בערג און געבעלס. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שוואַרצע אָפּענסיווע אויף די פּראָגרעסיווע עלעמענטן אין דער פּוילישער קולטור און אויף יענע שעפער אירע, וועלכע זיינען געווען פון יידישן אָפּשטאַם. דאָס פייער איז געווענדט געוואָרן סיי קעגן די זעגאַדלאָוויטשעס און וואַשילעווסקאַס, סיי קעגן די טווימס. עס האָט זיך אויף די שפּאַלטן פון אַלע סאַנאַטאָרישע און ענדעקישע פּרעסע־אָרגאַנען, — אי פון דעם „ליבעראַלן" „קוריער פּאָ־ראַנני", אי פון דער צייטונג פון מיליטער „פּאָלסקאַ זבראָינאַ", אי פון מאָ־נאַרכיסטישן „סלאָוואָ", אי פון יונג־פאַשיסטישן „פּראָסטאָ ז' מאָסטו", אי פון דעם גאַסן־בלעטל „גאָניעץ וואַרשאַווסקי", אי פון דער אַלט־ענדעקי־שער „גאַזעטאַ וואַרשאַווסקאַ" — אָנגעהויבן אַן אָנגריף קעגן די „אַרישע" פּראָגרעסיווע שרייבער און די נישט־אַרישע פּוילישע וואָרט־ווירטו־אָזן, די עסטעטן און שיינגייסטער. אָנווייזנדיק אויף די פעלערן פון דער דאָזיקער גרופּע און גלייכצייטיק אויסדריקנדיק איר סאָלידאַריטעט, האָב

איך דעמאָלט געשטעלט דאָס פּראָבלעם: — „צי האָבן מיר אין דעם קינסטלער־קרייז פון דעם טווימישן שניט דויערהאַפטע פאַרבינדעטע, אָדער קינסטלער־עגאָיסטן, וועלכע די לאַגע טרייבט אין דער ריכטונג צו אונז?״

די צייט האָט געשפּילט לטובת דעם ראַדיקאַליזיר־פּראָצעס ביי אַ גרויסן טייל פון דער אינטעליגענץ. די צייט, דאָס מיינען מיר: דער צע־הוליעטער אַנגריף פון פאַשיזם, די פאַרברעכערישע, אַנפאַלערישע מלחמה, דער טראַגישער סעפּטעמבער אין פּוילן, די אדם־נאַקעט ראָל פון דעם אַזאַן־רעזשים, איינשליסנדיק אפילו יענע זיינע טיילן, וועלכע האָבן זיך געהנדלט צו די עסטעטן און שיינגייסטער, און די געוואַלטיקע קאַטאַסטראָ־פע פון פּוילישן יידנטום, — פון איין זייט און פון דער צווייטער — די מענטשהייט־רעטנדיקע ראָל פון עם ראַטנפאַרבאַנד, די אַקטיוויזירונג פון די אַנטיפאַשיסטישע כוחות אין פּוילנס אונטערערד, דער אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ, דער זיג איבערן היטלעריזם און דער אויפקום פון א ניי פּוילן. אונטער דער ווירקונג פון אָט די צוויי קאָמפּלעקסן געשעענישן איז דער איינערלעכער קריזיס ביי די א. ג. צענטרום־שרייבער געוואָרן אַלץ שאַרפער און טיפער. אָבער נישט ביי אַלעמען איז דער חשבון־הנפש געווען אַ גלייכער און אַ פשוטער, נישט ביי אַלעמען איז ער געווען א קאָנסעקווענ־טער. די גרופּע, וועלכע מיר האָבן דעמלט באַצייכנט ווי דער „טווימישער קרייז״, האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן ווי א גאַנצקייט. אויף איין וועג איז אַוועק יוליאַן טווים און געגאַנגען ביזן סוף; אַן ענלעכן פּראָצעס מאַכט אויך אַדורך אַנטאָני סלאָנימסקי; און אויף אַן אָרט באַוועגט זיך, מאַכנדיק איין טריט פאָרויס און צוויי צוריק, וויטלין. אונטערן באַגריף פון דעם דאָ־זיקן וועג זיינען מיר אויסן: די שטעלונג צום נייעם פּוילן און די באַציונג צו דער יידישער טראַגעדיע פון דער אָקופּאַציע־צייט.

יוליאַן טווים

די צוויי קאָמפּלעקסן געשעענישן האָבן ארויסגערופן ביי טווימען אַ טיפע אויפטרייסלונג, וועלכע האָט דערפירט קאָנסעקווענט צו אַן אי־בערשאַצונג פון אַלטע ווערטן. די ערשטע דיכטעריש־עמאָציאָנעלע רע־

אַקציע אויף די גרוילן, וואָס קומען פאָר אין אָקופּירטן פּוילן, האָבן איר תיקון באַקומען אין לידער — אינם רירדיקן מאָטיוו פון אראָפּוואַרפן דורכן פענצטער דאָס האַרץ פונעם דיכטער צום געטאָ־קינד, וואָס זינגט אויס אַ ליד פון פּיין און יסורים. דער טווימישער מאָטיוו אָטעמט מיט אַן אַ שיעור ליבשאַפט. צוזאַמען מיט דער ליבשאַפט קומט אויף ביים דיכטער די גרויסע בענקשאַפט — נאָכן אַלטן ווארשע, און ער שרייבט זיינע „Kwiaty polskie“ — „די פּוילישע בלומען“, וועלכע זיינען אָבער נישט קיין עלעגיע, נאָר א לירישע דערמאָנונג פון דער הייס־באַליבטער, פאַרפייניקטער שטאָט, אַ דערמאָנונג, וואָס איז נישט קיין עפּיטאַפיע, נאָר אַ מיטל ארויסצופירן די וויזיע פון דער צוקונפט. אינעם לירישן בילד פון די „פּוילישע בלומען“ פאַרנעמט דער יידישער פערסאָנאַזש אַ אָנגעזעענעם אָרט, ווי אַ עלעמענט, וואָס איז אַן אָרגאַנישער טייל פון דעם וואַרשעווער טיפּאַזש. און שוין אין דער דערמאָנונג פון יידישן פּערסאָנאַזש מערקט זיך דאָס נייע, וואָס איז אויפגעקומען ביי טווימען. דאָס זיינען שוין נישט די אַמאָליקע, בייסיק־ און שניידיק־געצייכנטע לאַדזשער מענטשן, נאָר האַרציק־תמימותדיקע האַרעפּאַשניקעס — א יידישער גלעזער, א יידישער סאַדאָווניק, אָדער א יידישער אינטעליגענט. אין די „פּוילישע בלומען“ דערשיינט אָבער טווים נישט בלויז ווי א ליריקער, ער דערשיינט אויך דאָ ווי אַ בייסיקער סאַטיריקער, אָבער דאָס מאָל — א אָנגעלאָדענער מיט אַ נייעם אינהאַלט און א באַגייסטערטער מיט א נייער אידייע; נישט ווי אַ פּאַציפיסט און שיינגייסט, נאָר ווי א צאָרנדיקער אויסחוזקער פון דעם אַלטן פאַרסעפּטעמבערדיקן רעזשים, פון זיין גרויסהאַלטעריי, ברוטאַליטעט און אַנטיסעמיטיזם. טווים רעכנט זיך דאָ אָפּ אויף אַן עכטן סלאַוואַצקישן אופן מיט די דעמלטיקע שמירערס פון „גאָניעץ“ און „א. ב. צ.“, וועלכע האָבן אים באַוואָרפן מיט בלאָטע, פאַרשטעלנדיק דעם פּוילישן וואָרט־ווירטואָז ווי דעם פאַרשונדיקער פון פּוילישן טעאַטער און דעמאָראַליזאַטאָר פון פּוילישן פּובליקום. טווים טרייבט גאַליקן חוזק פון די דאָזיקע נאָכמאַכער פון געבעלסן, פון זייער דעקלינירן אויף אַלע פאַלן דאָס וואָרט „זשיד“ און ער פירט אויס: איך האָב אַליין אַמאָל געגלויבט אינעם „מאַי־נס“ (פּילסודסקיס איבערקערעניש), אָבער אַצינד האָב איך זיך פעסט איבערצייגט: נישטאָ קיין שלום, מאָפּאַנקו (רעדנדיק מיטן סטיל פון מיצקעוויטשעס קלוטשניק געראוואזי פון „פּאַן טאַדעוש“), נישטאָ קיין בורג־פרידן, עס איז דאָ פאַרביסענער, שאַרפער קאַמף צווישן ליכטיקייט און פינצטערניש.

„די פוילישע בלומען” זיינען געשריבן געוואָרן אין משך פון פיר יאָר — פון 1940 ביז 1944, אויף געצוווּנגענער עמיגראַציע, אין ריאָ־דע־זשאַנעיראָ און ניו־יאָרק.

ווי אַן אמתער גרויסער דיכטער האָט טוּווים נישט פאַרשטעלט זיינע פאַרבאַרגנסטע איבערלעבונגען, זיין טיפן ווייטיק, זיינע אַמאָליקע טעותים. ער האָט, קאָנטיק, לאַנג געזוכט אַ פּאַסיקן אויסדרוק פאַרן אומגעהייערן וויי פון דעם יידן־אומקום אין פוילן. ער, דער וואָרט־מייסטער, איז געבליבן שטיין מיטן וואָרט אַנמעכטיק אין אַנבליק פון אָט דעם גרעסטן מאָרד אין דער געשיכטע. ער האָט באַשלאָסן נישט אַרויסצוברענגען זיינע בראַך־געפילן אין געמאָסטענעם פערז און אויסגעטאָקטן קלאַנג. אין פּשוטער פּראָזע, אין אַ בריוו האָט ער אויסגעגאָסן דעם טיפן ווייַ און דעם נייעם אַני־מאמין, וואָס איז אויפגעקומען אין אים — אין אַ געוויינטלעכן, אָבער אויפטרייסלדיקן דאָקומענט, וואָס טראָגט דעם פּילדייטיקן, חשבון־הנפשדיקן נאָמען „My, Żydzi polscy“ — „מיר, די פוילישע יידן”. דער דאָזיקער דאָקומענט טרייסלט אויף נישט בלויז מיט זיין שטאַרקער וויזיע פון יידישן אומקום; ער דערהייבט מיט זיין אויפריכטיקער נשמה־אויפדעקונג. דער דיכטער וויל אריינגיין אין דער משפחה פון יידישן פאָלק, הגם ער איז מיט זיין דערציונג, קולטור, שעפערישן אינסטרומענט פאַרבונדן מיט פּויליש־קייט. אָבער ער זעט נישט קיין סתירה, ער פילט זיך פאַר אַ פּוילישן ייד — הגם ער ווייסט זייער גוט, אַז פאַר יידן האָט ער קיין שום פאַרדינסטן נישט. אָבער ער קען נישט רוען, ער וויל זיין אייניקעם מיט די, וואָס האָבן אַזוי פיל געליטן, אַזוי פיל בלוט אַוועקגעגעבן. עס איז גלייכצייטיק אַ גרויסער ווידוי און אַ טיפע סאָלידאַריטעט. עס איז אַ געוואַלטיקער קער ביי טוּווימען, אַזאַ אינערלעכע אויפטרייסלונג, וועלכע שטרייכט איבער אַ סך, אַ סך פון דער פאַראַנגענהייט.

אָבער נישט בלויז אין דעם יידישן מאָמענט באַשטייט דאָס חשבון־הנפשדיקע און איבערקערערישע פון טוּווימס האַרץ־רוף. דער נעכטיקער עסטעט דערקלערט בקול רם: איך טייל דאָס פּוילישע פאָלק נישט אויף הוילגעבוירענע און פּרעמדבלוטיקע, נאָר אויף קלוגע און נאַראָנים, אויף פאַשיסטן און קאַנטרפאַשיסטן, אויף אַנטיסעמיטן און אַנטיפאַשיסטן. דאָס איז אַ נייע שייד־ליניע, אַ פרישע אָריענטאַציע ביי טוּווימען, אַ געזעל־שאַפטלעכער קרעדאָ. טוּווים שטעלט זיך אויף דער לינקער זייט פון דער באַריקאַדע — קעגן פאַשיזם, קעגן אַנטיסעמיטיזם, קעגן שיינגייסטעריי, פאַר קאַמף, פאַר באַנייונג.

און טריי דעם דאָזיקן אַני־מאמין, קאָנסעקוועגט און ערלעך לגבי זיך אַליין, איז דער מחבר פון די „פוילישע בלומען" צוריקגעקומען אין נייעם פוילן.

אַנטאָני סלאָנימסקי

אַן ענלעכע, הגם אַ מער לאַנגזאַמע אַנטוויקלונג האָט אַדורכגעמאַכט אַנטאָני סלאָנימסקי. אַנטאָני סלאָנימסקי האָט אויסגעזונגען אַן עלעגיע נאָכן טויט פון די יידישע שטעטלעך, פון קאָרטשעוו, הרוביעשאָוו, פאַלעניץ, בראָד. ער באַוויינט די יידישע יינגלעך, וועלכע ער צערטלט אין זיין דיכטערישן דמיון, וועלכע וועלן שוין מער נישט קוקן אויף שאַגאַלס גאָלדיקע לבנות. ער שרייבט אַ הימן פאַר יאַנוש קאָרטשאַק און רופט אַריינצונעמען אינם פאַנטעאָן פון פוילנס גיבורים די נעמען פון די יידישע העלדן און מאַרטירער („עלעגיע פון די יידישע שטעטלעך" און „געזאַנג וועגן יאַנוש קאָרטשאַק").

יוזעף וויטלין

אַנדערש זעט עס אויס ביי יוזעף וויטלינען. אין זיינע יידישע מאָטיוון („צו די יידן אין פוילן" און „יום כיפור פון יאָר 1942—5703") רייסן זיך אַדורך עטלעכע שורות מיט אמתער ביטערקייט וועגן דעם יידישן גורל; אָבער די לידער זיינען פעסימיסטישע, אַפילו דער רוף צו יהוה, די טענה צו גאָט, הלמאי ציט זיך שוין דער יום־הדין קעגן יידן אַזוי פיל דורות, ווערט געדעמפט דורכן פאַעט אַליין און פאַרמאַגט נישט קיין קלאַנג פון פראָטעסט. וויטלינס וועג האָט זיך צעשיידט מיט טווימס און סלאָנימסקיס. וויטלין איז געבליבן אויף דער מערבדיקער עמיגראַציע. אַנדערע שרייבער פון דער זעלביקער ליטעראַרישער שטרעמונג וויזן אויך אַרויס אַ וואַרעמען געפיל פאַר די יידישע יסורים, אָבער אַן חשבון־הנפש, אַן אָנווייזונג — וואָס ווייטער? סטאַניסלאַוו באַלינסקי גיט אין דער פאָעמע „די וויזיע פון

געטאָ״ אַ רירנדיק בילד — די גאַרונג פונם געטאָ־קינד צו נאַטור, צו גע־וויקס, צו אַ צווייגעלע. דער פּראָזאַיקער טערלעצקי פּאַסט אויף די יידישע טראַגעדיע פון קריסטלעכן שטאַנדפּונקט, ווארעם, אָבער אַן געזעלשאַפט־לעכער קריטיק. קאַלטלעך קלינגט דאָס ליד פון קאַזשימיעזש וויעזשינסקי „צו די יידן״ — עס פילט זיך, ווי דער דיכטער באַמיט זיך צו זאָגן אַ שטאַרק וואָרט וועגן דער טראַגעדיע, אָבער דעם גאַנצן ענין האָט ער נישט אַדורכ־געוויטיקט אינערלעך אַזוי ווי, למשל, סלאָנימסקי; יאָ, ער שטרייכט אונ־טער, אַז ביידע פעלקער, די פּאָליאַקן און די יידן, וואַרטן אויף זייערע משי־חים, אויף דערלייזונג פון אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע, אָבער דאָס איז נישט ביי אים איין געמיינזאַמע שטרעבונג און ממילא נישט קיין בשות־פותדיקער קאַמף. נאָר צווי פּאַראַלעלע באַגערן. אַן אַנדער שרייבער פון זעלביקן לאַגער, פון דער לאָנדאָנער עמיגראַציע, קאַראָל עסטרייכער, מיידט בכלל אויס אַ דירעקטע שילדערונג, אָדער באַציונג־אויסדרוק צום געטאָ און אומקום־גרויל; ער פּאַרטרעט עס דורך אַ שילדערונג פון אַמאָליקן לעבן אין קראָקע, גייענדיק לויטן אַלטן טראַפּאַרעטן נוסח פון מאָלן אַן „אָרנט־לעכן״ יידישן אַנטיקוואַר, וועלכער האָט ליב זעלטענע כתב־ידן און שענקט זיי פּאַרן טויט אַוועק אַ פּוילישן פּראָפעסאָר („די קופּערנע שיסל״).

שוין־זשע איז עס אַ צופאַל, וואָס וויטלין האָט פּאַרן יידישן אומגליק געפונען בלויז אַ רעליגיעז־מיסטישן תיקון, וואָס וויעזשינסקי האָט נישט געקענט דערוואָרעמען זיין וואָרט, וואָס עסטרייכער האָט ליבערשט אַוועק־געדרוקט פון זיך די פּיין־וויזיע? עס איז נישט קיין צופאַל. די דאָזיקע שריי־בער, לעבנדיק אין דער מערבדיקער עמיגראַציע, האָבן זיך אונטערגעגעבן דעם גייסט פון דער דאָזיקער סביבה. עס איז דאָך געווען כאַראַקטעריסטיש, וואָס פון דער גאַנצער מערב־עמיגראַנטישער פּויליש־ליטעראַרישער וועלט האָבן בלויז די פריער אויסגערעכנטע, דאָס הייסט — אַ הייפל, בכלל רעאַ־גירט פּאָזיטיוו אויף דער קאַטאַסטראָפע פון פּוילישן יידנטום. די איינצעלנע זיינען ממש צדיקים, אויסנאַמען פון דער גאַנצער עמיגראַנטישער סביבה, אין לאָנדאָן, ניו־יאָרק און איראַן, וועלכע האָט געשוויגן, אָדער אַפילו פּאַר־ברעכעריש צוגעבאַמבקעט צום מאָרד (מאַצקעוויטש, סעידאַ). אונטערן דרוק פון אַזאַ אַטמאָספער האָט אין קיין אַנדער ריכטונג ווי אויסזיכטלאָזער פּע־סימיזם, מאַכטלאָזער פּאַטאַליזם, פאַרמעלער מיטלייד די רעאַקציע פון וויט־לין, טאַרלעצקי, וויעזשינסקי, עסטרייכער נישט געקענט גיין.

אַן אויסנאַם — אין בעסערן הינזיכט — זיינען די יידישע מאָטיוון ביי באַלינסקין. אָבער אויך ער קען זיך נישט דערהייבן צו דער מדרגה פון

טווים און בראָניעווסקי, צו דער הויך פון חשבון־הנפש, פון פּראָטעסט, פון פּולער, אינערלעכער פאַרברידערונג מיטן קרבן פון היטלעריזם, פון דער וויזיע פון אַ נייער וועלט.

צווישן קאַטוילישע שרייבער

די קאַטוילישע שרייבער אין פּוילן שאַפן נישט קיין אייגהייטלעכן — אין סאָציאַלן זין — עלעמענט. זיי בילדן אויך נישט קיין באַשטימטע ליטע־ראַרישע גרופּע. מיר נעמען אַריין דעם אַנאַליז פון זייערע ווערק אין איין קאַפּיטל נישט דערפאַר, ווייל אין די דאָזיקע שאַפונגען וויקלט זיך אַדורך איין אידעאָלאָגישע ליניע. די זאַך זעט אויס פאַרקערט, נאָר וועגן דעם — ווייטער. מיר באַהאַנדלען די דאָזיקע שרייבער אין איין קאַפּיטל דערפאַר, ווייל זיי האָבן מער־ווייניקער אַ געמיינזאַמע פאַרגאַנגענהייט אין זין פון זייער באַציונג צו רעליגיע, צום קאַטאָליציזם. אָבער שוין מיט יאָרן צוריק, פאַר דער מלחמה, איז קאַנטיק געווען אַ דיפערענציאַציע, אַ סאָציאַלע און אידעאָלאָגישע, ביי די קאַטוילישע שרייבער. די דאָזיקע דיפערענציאַציע איז געוואָרן נאָך בולטער, נאָך שאַרפער אין אונזערע טעג, אונטערן דרוק פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, וואָס קומט פאָר אין פּוילן. אין אָנבליק פון דער נייערווירקלעכקייט צעגייען זיך אַלץ מער די וועגן פון די קאַטוי־לישע שרייבער און עס פאַרשטאַרקט זיך די דערנענטערונג פון אַ טייל פון די דאָזיקע קינסטלער צום לאַגער פון סאָציאַליסטישן בוי און איבערבוי. די דאָזיקע שרייבער גזעגענען זיך בכלל מיט דער פריערדיקער רעליגיע־זער וועלט־אָנשויונג. עס וואַקסט אָן די רעוויזיע פון אַלטן קאַטוילישן וועלט־באַנעם און די דערנענטערונג צום מאַרקסיזם.

דער דאָזיקער קאַפּיטל איז אויסן צו ווייזן, ווי אַזוי עס זעען אויס די צוויי פּראָצעסן — די פאַרשאַרפטע דיפערענציאַציע און די פאַרשנעלערטע דערנענטערונג פון פּראָגרעסיוון טייל פון די נעכטיקע קאַטוילישע שרייבער צום אַטעאיזם און צום לאַגער פון סאָציאַליזם — אויפן אָפּשניט פון דער יידישער פּראָבלעמאַטיק פון דער אָקופּאַציע־צייט, וואָרעם עס איז פאַר־שטענדלעך, אַז די אַלגעמיינע איינשטעלונג, די באַציונג צו דער נייער ווירק־לעכקייט בכלל, רופט אַרויס ביי אַ די שרייבער אַ געהעריקע רעאַגירונג

לגבי דער ייִדישער טעמע. אויך דאָ לאָזט זיך אָבסערווירן אַ געוואַלטיק ברייטער שער — פון איין זייט: פאַרשווייגן, אָדער שונדיסטישע באַציונג, אָדער אַ קאַלטער רבנן־קדיש, אָדער גאָר אַפילו אַ שטילע צופרידנקייט מיט אַ צוגאָב פון פאַנטוס פילאַטוסעס פסוק: „מיינע הענט האָבן דאָס בלוט נישט פאַרגאָסן"; פון דער צווייטער זייט: דראַנג צו זיין מענטשלעך, מיטצופילן, הגם דער דאָזיקער חשק ווערט אַפילו ביי די בעסערע קאַטוילישע שרייבער נישט אויסגעדריקט אַזוי דירעקט און שטאַרק ווי ביי די פריער באַהאַנדלטע פוילישע קינסטלער, וועלכע האָבן זיך איינגעגלידערט אין נייעם בוי־פּראָצעס פון פוילן, אָדער זיך דערנענטערט צו דער נייער ווירקלעכקייט.

די טרעגער פון האַס

קאַטוילישע שרייבער האָבן אויף דער טעמע פון דער ייִדישער טראַגעדיע גענומען ווערטער אין ביידע געביטן: אין דער פובליציסטיק און אין דער בעלעטריסטיק. לאָמיר דערמאָנען די סאַמע כאַראַקטעריסטישע.

דער אַלטער ענדעקישער טוער און קאַטוילישער פובליציסט, מאַריאַן סעידאַ, וועלכער זיצט אויף עמיגראַציע אין לאָנדאָן, איז עס יענער, וואָס האַלט פון דעם אָקאָרשט ציטירטן פסוק: „מיינע הענט האָבן נישט פאַרגאָסן דאָס בלוט". מיט דריי יאָר צוריק האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ בוך אונטערן נאָמען: „פּראָבלעמען פון דער דעמאָקראַטיש־נאַראָדאָווער פּאָליטיק", וווּ ער מיידט אויך נישט אויס די ייִדן־פראַגע אין פוילן. אין אַנגעזיכט פון דער גרויסער טראַגעדיע פון פוילישן און אייראָפּעישן ייִדנטום שעמט זיך נישט סעידאַ איבערצוחזרן די אַלטע ענדעקישע תורות וועגן דער נויטווענדיקייט אַרויסצושטויסן די ייִדן פון מיטלשטאַנד; אינעם אונטערטעקסט פון סעידאַס פובליציסטיק שטעקט די שטילע הנאה פאַר אַדאָלף היטלערס „אויפטו" — גוט וואָס מ'האָט אויסגעראָטן די ייִדן, זאָל זיין מיט יענעמס הענט. סעידאַ האַלט, אַז זיין אייגענער געוויסן, דאָס געוויסן פון אַן אַלטן, פאַרביסענעם ענדעק איז דורך דעם ריין און רויק.

אַן ענלעכע פּאָזיציע פאַרנעמט אין דער באַנקראָטירטער עמיגראַנטישער פובליציסטיק קאַט־מאַצקעוויטש, דער מאָנאַרכאָ־פאַשיסט פון סאַנאַטאָרישן לאַגער. זיין געשריי, בכן דאָס פאַרמלחמהדיקע פוילן האָט געפירט

א פאַלשע פּאָליטיק, פאַרזעענדיק צו שאַפן אַ ברייטן פויליש־דייטש־אוקראַ־איניש־ווייסרוסישן אַנטי־יידישן פראָנט, איז אַ גאַנץ בולטער צודעק צו דער אינערלעכע צופרידנקייט מיט דער שווידערלעכן מאַסן־מאָרד איבער מיליאָנען יידן אין אָקופּירטן פּוילן.

אַזעלכע אַרויסזאָגונגען דעקן זיך פולשטענדיק מיט די פאַשיסטיש־אַנטיסעמיטישע אַרטיקלען אין די פאַלאַנגאַ־אָרגאַנען אין אונטערערדישן פּוילן אין די אָקופּאַציע־יאָרן, אין די סאַמע גרויליקע חדשים פון 1943, ווען די ליקווידאַציע פון די לעצטע יידן־אינדזלען האָט דערגרייכט דעם העכסטן פּונקט, האָט די דאָזיקע „פאַלאַנגאַ" געשריבן: „מיר באַקומען בריוו פון לייענער, וועלכע פרעגן ביי אונז, ווי דאַרף זיך אַ פּוילישער קאַטויליק באַציען צו אַ ייד, וואָס אַנטלויפט פון געטאָ און באַהאַלט זיך אויס? אונזער ענטפער איז: „ווי צו אַ שונא".

געשריבן זיינען די דאָזיקע מערדערישע ווערטער אין די זעלביקע טעג, ווען דער היטלעריסטישער גובערנאַטאָר פון וואַרשע, ד"ר פישער, האָט אויס־געהאָנגען איבער די גאַסן די טרויעריק־באַרימטע ווענדונג צו דער „אַרי־שער" באַפעלקערונג, זי זאָל צוזאַמענאַרבעטן מיט דער דייטשער מאַכט ביים אַנטפּלעקן און כאַפּן יידן, וועלכע גנבהנען זיך אַרויס פון ברענענדיקן געטאָ.

דאָס געטאָ איז דעמאָלט אונטערגעגאַנגען אין די לעצטע יסורימדיקע ווייען פון פאַרצווייפלטן קאַמף.

די, וואָס פאַרשטייען נישט

די קאַטוילישע פּובליציסטן האָבן לגבי דעם דאָזיקן קאַמף, דעם אויפ־שטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ פאַרנומען אָדער אַ „פאַלאַנגאַ"־שטעלונג, אָדער אַ סעידאַ־פּאָזיציע פון פריינטלעכער נייטראַליטעט צום שונא, אָדער זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען דעם זין פון דעם יידישן אויפשטאַנד. אַ סך פון זיי פאַרשטייען עס נישט, אָדער ווילן עס נישט פאַרשטיין ביזן היינטיקן טאָג. אָט רוקט אַרויס צו די רעאַליזאַטאָרן פון פילם „אוליצאַ גראַניטשנאַ" דער קאַטוילישער פּובליציסט פּאַוועל יאַשעניצאַ אין וואַרשעווער „סלאָוואָ פּאָווסעכנע" אַ טענה, הלמאי זיי האָבן געשיקט דעם קליינעם יידישן יינגל דאַווידעק, וואָס קען זיך ראַטעווען אויף דער „אַרישער" זייט, צוריק אין

געטאָ אויף אַ זיכערן אומקום, צום אומזיניקן, פון פאַרויס פאַרמשפּטען קאַמף קעגן דער מעכטיקער דייטשער מלחמה־מאַשין. יאַשעניצאַ האַלט אַזאַ קאָנ־צעפּציע פאַר אַן אַבסורד, פאַר אַן אויסדרוק פון פּאָליטישן סענטימענטאַ־ליזם. ער פּאַסט אויף דעם באַגריף „הילף פאַר יידן" נאָר פון שטאַנדפּונקט פון ראַטעווען יחידים, צי גרופּעס, אויף דער קריסטלעכער זייט. ער קוואַ־ליפיצירט דעם ווילן פון קליינעם יידישן פּאַטריאָט דאַווידעק צוריקצוגיין אין געטאָ אַריין צו זיינע נאָענטסטע ווי אַליינפאַרניכטונג און ער פאַראור־טיילט אַזאַ האַנדלונג. צו וואָס אָט די פּאָליטישע פאַלשקייט? פרעגט ער.

אַזוי אַרום דערשיינט פאַר אונז דער קאַטוילישער פּובליציסט ווי אַזאַ, וואָס פאַרשטייט לחלוטין נישט דעם זין פון דעם געטאָ־אויפשטאַנד. ער קען נישט תופס־זיין, אַז דאָס אָרט פון דעם יידישן יינגל איז געווען טאַקע דאָרטן, צווישן די, וועלכע האָבן געקעמפט אויף לעבן און טויט פאַרן כבוד פון יידישן פאָלק, פאַר דער צוקונפט, פאַר די העכסטע אידעאַלן פון דער מענטשהייט. נישט אין ראַטעווען אַזאַ אָדער אַן אַנדער צאָל יידן איז באַ־שטאַנען די עיקר־אויפגאַבע פון יענער צייט (הגם אויך דאָס איז וויכטיק געווען און אויך אין אָט דעם האָט זיך אַנטפּלעקט די מענטשלעכקייט און פּראָגרעסיווקייט פון דעם, צי יענעם טייל פון דער פּוילישער געזעלשאַפט), נאָר אין סטימולירן און שטיצן די ווידערשטאַנד־באַוועגונג, און אין דער הינזיכט איז דער פילם „אוליצאַ גראַניטשנאַ" אויסגעהאַלטן און טריי דער צוואה פון די קעמפער. *)

מען קען נישט זאָגן, אַז פּאַוועל יאַשעניצאַ ווייזט נישט אַרויס קיין מיטלייד צו די יידישע יסורים, אָבער די געפילן פון דער קעמפנדיקער יוגנט אין געטאָ פאַרשטייט ער לחלוטין נישט.

פּונקט אַזוי פאַרשטייט נישט די קאַטוילישע פּובליציסטיק אין לאַנד די נשמה פון יידישן מענטש בכלל. ווען עס קומט אַ רייד וועגן דעם אַנטיסעמיטיזם, רוקט ווידער אַמאָל אַרויס אַ טייל פון דער דאָזיקער פּובליציסטיק דעם איינציקן מיטל — שמד. דאָס טוט אַפילו אַזאַ ערנסטע קאַטוילישע שרייבערין ווי סטעפאַניאַ סקוואַרטשינסקאַ — אין דעם אָרגאַן פון קראָקעווער מעטראָפּאָליט „טיגאָדניק פּאָווששעכני". סקוואַרטשינסקאַ שטרייכט אונטער, אַז זי איז אויסן די טובה פון די טויזנטער יידן, וואָס האָבן אָנגענומען די קריסטלעכע אמונה בעת דער אָקופּאַציע. זי מוסרט

*) מיר רעדן דאָ נישט וועגן דעם פילם ווי אַזעלכן; עס זיינען אין אים פאַראַן פעלערן, אָבער אַנדערע, נישט די, וועגן וועלכע עס רעדט יאַשעניצאַ.

די פויליש־קאַטוילישע געזעלשאַפט, הלמאַי מען באַציט זיך אין אירע רייען קאַלטלעך צו די דאָזיקע פרישע קריסטן. זי רופט אויס מיט פּאַטאָס: „אין אַמאָליקן שלאַכעטסקן פוילן, אַז אַ ייד האָט זיך געשמדט, איז ער אַנערקענט געוואָרן פאַר אַ שלאַכטשיץ, מען האָט אים אָפּגעגעבן כיבודים, און היינט, אין דער עפּאָכע פון דעמאָקראַטיזם, ווי זעט ער היינט אויס?" ווי עס איז צו זען, קערעוועט די מיסיאָנערין סטעפאַניאַ סקוואַרטשינסקאַ גאָר אויס איר טענות צו דער „עפּאָכע פון דעמאָקראַטיזם" — אָט וואָס פאַר אַ מיאוסע וועלט עס איז די דעמאָקראַטיע! אַ מענטש נעמט און שמדט זיך, און גאָר־נישט! מען גיט אים אַפילו נישט קיין שכר!

אָט ווי ווייט עס גרייכט דאָס לגמרידיקע נישט־פאַרשטיין דאָס יידישע פּראָבלעם אין דער קאַטוילישער פּובליציסטיק!

אין דער אָפיציעלער קאַטוילישער בעלעטריסטיק שטעלט זיך פאַר דעם ענין נישט קיין סך בעסער. אמת — מיט דעם אונטערשיד, אַז די שרייבער דערגייען נישט דאָ צו אַזעלכע קאַריקאַטוראַרטיקע פאַרקריפּלונ־גען פון פּראָבלעם ווי דאָס וויי־געשריי פון סטעפאַניאַ סקוואַרטשינסקאַ. אויך האָבן מיר נישט אין דער דאָזיקער בעלעטריסטיק קיין צושטימונג צום מאָרד פון נוסח „פאַלאַנגאַ", מאַצקעוויטש און סעידאַ. אָבער עפּעס ענלעכס טרעפן מיר אָן אויך אין דער קאַטוילישער בעלעטריסטיק.

שונד - יאַן דאָבראַטשינסקי

לאָמיר נעמען די צוויי דיקע בענדער פון יאַן דאָבראַטשינסקיס „Najeźdźcy" — „די אָנפאַלער". מען קען דעם דאָזיקן ראָמאַן סיי פון שטאַנדפּונקט פון יידישן מאָמענט, סיי פון קוק־ווינקל פון דער גאַנצער איינשטעלונג לגבי די דייטשע אָקופּאַנטן נישט אַנדערש קוואַליפיצירן ווי שונד.

יאַן דאָבראַטשינסקי איז אַ מחבר פון קריסטלעך־היסטאָרישע ראָמאַ־נען. אַ קינסטלער איז ער אַ שוואַכער. זיינע ראָמאַנען זיינען אין אַ געוויסער מאָס פּובליציסטישע. זיין שטאַנדפּונקט איז אַ קריסטלעך־אַפּאָלאָגעטישער. אין ראָמאַן „Wybrańcy gwiazd" — „די אויסדערוויילטע דורך די שטערן", ווו ער פאַרמעסט זיך צו שילדערן די עפּאָכע פון אונטערגאַנג פון

מלכות יהודה אונטער די קלעפ פון בבלישן קיניג נבוכדנצר, גיט ער אַ פאַרקריפּלט בילד פון דעמאָלדיקן יהודה און אַ אידעאַליזאַציע פון דעם דעראָבערער־אונטערדריקער נבוכדנצר. ירמיהו און דניאל פאַלן אויס ווי די פּאַראַויסזאָגער פון דעם אָנקום פון ישו הנוצרי. אַ געפּעלשט בילד פון אַ צווייטער עפּאָכע פון יהודה פון דער צייט פון די צדוקים, פּרושים און קנאים, ווען עס זאָל זיך האָבן געיאָוועט דער נוצרי, גיט דאַבראָטשינסקי אין אַ צווייטן ראָמאַן „Święty Miecz“ — „דער הייליקער שווערד“, וווּ עס ווערט אַרויסגעפירט די פאַרהערלעכטע פיגור פונעם אַפּאָסטאָל פּאַ־ וועל אויפן פאָן פון דער „אומוויסנדיקער“ יידישער מאַסע. דאַבראָטשינסקיס היסטאָרישע ראָמאַנען ווימלען מיט התגלותן און נסים און עטעמען מיט קריסטלעכן פאַנאַטיזם און אומטאָלעראַנץ צום יודאיזם. טריי דער דאָזיקער איינשטעלונג איז דער מחבר אויך אין דעם אָקופּאַציע־ראָמאַן „נאַיעזד־ דזשצי“.

אין צענטער פון בוך שטייען נישט פאַרשטייער פון פּוילישן פאָלק, נאָר דייטשן. דאַבראָטשינסקין אינטערעסירט, אפנים, ווייניקער, וואָס עס האָט זיך געטאָן אינעם האַרץ פון פאָליאַק, און אַ פשיטא, אַז עס גייט אים לחלוטין נישט אָן די איבערלעבונג — די אינערלעכע און פיזישע — פונעם ייד. דער ווייט גרעסטער טייל פון זיין פערסאָנאַזש איז אַ דייטשער. היט־ לעריסטישע אָפיצירן, רייכסווער־גענעראַלן, היטלער־מאַדלעס — אָט זיי־ נען זיינע געשטאַלטן. דאָ און דאָרטן וואַרפט זיך דורך אַ פּוילישער מענטש — אויך ס'רוב כדי צו אילוסטרירן בולטער די כאַראַקטעריסטיק פון די דייטשע געשטאַלטן. קיין יידן פיגורירן בכלל נישט אין ראָמאַן — בלויז פון ווייטן ווייט דערגייט אָן עכאָ פון געטאָ, אָבער ווי עקלדיק און מיאוס! נאָר וועגן דעם שפּעטער.

דער ראָמאַן גיט איבער די געשיכטע פון אַ גרופּע יונגע דייטשע אָפי־ צירן, וועלכע דער מלחמה־גורל האָט פאַרטראָגן קיין פּוילן. איינער, וואַלטער רעקע, איז בטבע אַ ווייכער מענטש, אַ ליבעראַל, קען בכלל נישט סובל זיין די מלחמה און די מענטשן־שחיטה. אַ צווייטער, הערבערט קעסטרינג, קריגט ליב די פּוילישע מענטשן טאַקע מיטן גאַנצן האַרצן. דער דריטער, הוגאָ קאַסטשעוואַ, איז שוין יאָ אַ טיפּ פון אַ נאַצישן יונגן וואָלף, אָבער צום סוף קומט אויף אין אים אַ טיפע ענדערונג און ער ווערט געלייטערט. אגב, איז דאָס נישט קיין צופאַל, וואָרעם קאַסטשעוואַ שטאַמט פון גערמאַניזירטע סלאַווען, פון פּאָמערן, און דאָס סלאַווישע בלוט האָט זיך, אפנים, ווי עס שטעלט פעסט דער מחבר, אָפּגערופן — נאַטירלעך, לטובה.

עס פלאָנטערט זיך אויך אין ראָמאַן א בערלינער מיידל, גערדא — „אַ זינלעכע, אַ שיינע, הגם איר קערפּער איז געווען איבערגעלאָדן מיט פּרעכטיקע אַנטוויקלטע מוסקולן". זי איז אַ פירערין פון די היטלער מאַ־דעלס, אַ כלה פונעם אָפיציר קעסטרינג, זינדיקט אָבער אונטער מיט אַ נאַציסטישן גדול און ליבט זיך גאָר איבּעם „בלאָנדן וואָלף" קאָסטשעווא. צום סוף, נאָך דער מפּלה, בלייבט זי זיצן איינזאַם אויף אַ באַנק אין חרובן בערלין, און דער מחבר גיסט אויס אויף איר זיין מיטליידפול האַרץ.

דאָבראָטשינסקיס היטלעריסטישע אָפיצירן זיינען אַלע דענקענדיקע מענטשן, אינטעלעקטואלן, וועלכע פירן פילאָזאָפישע שמועסן וועגן תכלית פון דער וועלט און זין פון מלחמות. דאָס זיינען סטאָיקער, וועלכע מאַרשירן דורך די באַטאַליעס מיט א פילאָזאָפישן, וועלט־אָבסערווירדיקן בליק. און כדי נאָך מער אונטערצושטרייכן זיין „קריסטלעכע" באַציונג צום שונא, פירט צונויף דאָבראָטשינסקי דעם אָפיציר הערבערט קעסטרינג מיט אַ האַרציק און ריין פויליש מיידל אַלענקאַ. עס מאַכט גאַרנישט אויס, וואָס דער קעסטרינג האָט דערשאָסן אויף א מיאוסן אופן אַלענקאַס חתן, דעם פוילישן העלד פון סעפּטעמבער פון 1939, א מוטיקן קאַוואַלעריסט, ווען דער לעצטער איז אריינגעפאלן אין געפאַנגענשאַפט. פאַרקערט — ווען אַלענקא דערוויסט זיך, אז דער דייטשער אָפיציר איז דער רוצח פון איר חתן, דעם פּאַטריאָט, הייסט איר דער מחבר גאָר באַקומען מיטלייד און רחמים פאַרן מערדער! „ווען ער (קעסטרינג) איז אַרויסגעגאַנגען, האָט אַלענקא שווער אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויפן אַ‍ַלען פון טאַפּטשאַן... דעם מיידל איז געווען שרעקלעך אומעטיק. זי האָט באַדויערט דעם בחור (קעסטרינגן), וואָס איז אַרויס און עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז זיינע ליידן באַשווערן איר אויך"... „ער איז אָרעם"... — האָט זי געשעפּטשעט. אָבער זי האָט נישט געזאָגט אַלץ. נאָר אזוי האָט זי געוואגט אויסצודריקן איר ליי־בע. און דאָס האָט נישט געקענט זיין גענוג. האָט דעריבער אַ פּלוצלומדיקער שלוכץ א ריס געטאָן איר האַרץ".

דער מחבר באַטאָנט: זי האָט נישט געוויינט נאָך איר אומגעקומענעם חתן, באַהדאַן, זי האָט געוויינט פאַר דער נשמה פון הערבערטן — פון דעם, וואָס האָט דעם פוילישן פּאַטריאָט, בלית דין ודיין, דערהרגעט.

אָט ווי יאַן דאָבראָטשינסקי זעצט איבער אויף א בעלעטריסטישער שפּראַך די וואַטיקאַנישע פּאָליטיק פון סליחה ומחילה פאַר די נאַציסטישע מלחמה־פאַרברעכער.

איצט וועט קלאָר ווערן, פאַרוואָס דער דאָזיקער ראָמאַניסט האָט דער־מאָנט אין זיין בוך דאָס געטאָ אויף אַ באַליידיקנדיקן, פאַרשוועכנדיקן און שונדיסטישן אופן.

אינם ראָמאַן פיגורירט אויך אַ דייטשער גענעראַל. ווען דאָבראַטשינסקי וואָלט געוואָלט אַ ביסל זיין טריי דעם אמת, וואָלט ער געדאַרפט נעמען אַזאַ טיפ דייטשן גענעראַל, וואָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר יענער צייט. אויב אַפילו ערגעץ האָט זיך געדרייט אַ רייכסווער־גענעראַל אַ צדיק, איז ער דאָך געווען אַן אויסנאַם שבאויסנאַם. און בדרך כלל קענען מיר דאָך די דייטשע גענעראַלן, סיי די עלטערע פון לודענדאָרפס שניט, וועל־כע האָבן געמאַכט אַ וועג היטלערן, סיי די ייִנגערע פון דער היטלער־גענע־ראַציע, די קייטעלס, גודעריאַנס, רונדשטעטס, מאַנשטיינס, די אַלע, וועל־כע האָבן געגעבן די ערשטע באַפעלן אויסצוראָטן די ייִדישע באַפעלקערונג. אַנשטאָט געבן אַ טיפּישן פאַרשטייער פון דייטשן גענעראַלטום, פירט אַרויס דאָבראַטשינסקי דעם גענעראַל מאַריעס — אַ ליבעראַל, אַ זיידענעם מענטש, אַ דעפעטיסט, אַ פאַראויסזאָגער פון סיי־ווי־סייאיקן זיג פון „ייִדישן גייסט" און פון „קריסטלעכן אמת". ווי אַזוי האָט געקאָנט געמאָלט זיין, אַז דער הויפּט־שטאַב זאָל אָנפאַרטרויען אַזאַ דעמאָליבעראַל איינע פון די העכסטע מיליטערישע מיסיעס? נישט אַנדערש, נאָר דאָבראַטשינסקי איז דאָ ווידער אויסן דאָס זעלביקע — רייניקוואַשן די קריגס־פאַרברעכער און אויסגיסן אויף דעם היטלעריסטישן גענעראַל זיין כוס פון „קריסטלע־כע" רחמים.

און אויב דאָס איז נאָך ווייניק, פירט דער מחבר אַראָפּ דעם גענעראַל מאַריעס אין וואַרשעווער געטאָ. צו וואָס? כדי צו ווייזן אין אַן עקלדיקער, שונדישער סצענע אַ ייִדישע פּרוי. פון אַלע געטאָ־אסורים, פון דעם גאַנצן ייִדישן כלל, וועלכער איז פאַרשפּאַרט געוואָרן אין אַ ריזיקער תפיסה, האָט דער קאַטוילישער ראָמאַניסט אויסגעקליבן צו ווייזן זיינע לייענער צוויי — די געפאַלענע ייִדישקע על‏ווירא, וועלכע גיט זיך אָפּ דעם שונא פון איר פאָלק, דעם דייטשן גענעראַל מאַריעס, און איר מאַן, וועלכער איז אַליין דער שדכן, אָדער דער אַלפאָנס, און שטייט אויף דער וואַך, קיינער זאָל נישט שטערן דער ליבע־באַציונג. דער זעלביקער דאָבראַטשינסקי, וועמענס האַרץ עס איז אַזוי פול מיט רחמנות צו די דייטשע אָפיצירן, נעבעך, און צו די אויסגעלאָסענע גערטאַס, האָט פאַרשוועכט די ליידן פון מיליאָנען מענטשן, פאַרשונדעוועט די ייִדישע טראַגעדיע און אויסגעלאַכט די געפילן סיי פון ייִדישן, סיי פון פּוילישן בעסערן לייענער. די פּוילישע ליטעראַ־

רישע פרעסע איז געווען אויסער זיך פון דאַבראָטשינסקיס שונד. זייער שאַרף האָט אָטאַקירט דעם מחבר די מאַרקסיסטישע „קוזשניצאַ“, און דער פירנדיקער פויליש־מאַרקסיסטישער ליטעראַטור־קריטיקער סטעפאַן זשול־קעווסקי האָט אויפן אלפוילישן שרייבער־צוזאַמענפאָר אָפּן געשטעמפּלט דאַבראָטשינסקין ווי אַ שונדיסט.

דאַבראָטשינסקי פּאַסמאַקעוועט זיך עטלעכע מאָל אינעם ראָמאַן מיט דער שונדישער געטאָ־סצענע. זיין אויסגעטרוימטער גענעראַל מאַריעס בענקט אויף זיינע מלחמה־וואַנדערונגען נאָכן „טאַפּטשאַן“. עפּעס כאַפּט זיך אַדורך אַ מחשבה, אַז די עלווירע איז שוין נישטאָ, אָבער דער מחבר גע־פינט נישט אויס קיין איין וואָרט פון מיטלייד, פון האַרץ.

אַנדזשעי לעפּקאָווסקי

מען דאַרף מודה זיין: אין דער פויליש־קאַטוילישער ליטעראַטור איז אַזאַ ציינישע באַציִונג צו די יידישעליידן איינער פון צוויי איינציקע פאַלן. אַ צווייטער פאַל פון אַן ענלעכן מין, הגם מיט אַ מער מענטשלעכער איינ־טאָנאַציע, לאָזט זיך באַמערקן אין דער נאָוועלע „Noc marcowa“, „אַ מערץ־נאַכט“ פון דעם ווייניקער באַקאַנטן קאַטוילישן פּראָזאַיקער אַנדזשעי לעפּקאָווסקי (פאַרעפנטלעכט אין וואָכנבלאַט „דזשיש אי יוטראָ“). דאָס אָרט פון דער נאָוועלע איז אַ דאָרף ביי דער אונגאַרישער גרענעץ, די צייט — אַ פּאָר חדשים נאָכן אריינמאַרשירן פון די דייטשן, אַ שמוגלער־באַנדע פאַרנעמט זיך מיט אַריבערוואַרפן מענטשן איבער דער גרענעץ.

אין איינער אַ מערץ־נאַכט דאַרף מען אַריבערפעקלען אַ יידישן אַדוואָ־קאַט פון אַ שכנותדיקער שטאָט. ער אַנטלויפט פון געטאָ, פאַר היטלערן, פאַר אומקום. אָבער דער מחבר זעט נישט אין זיין געשטאַלט קיין סימן פון ליידן. ער שטעלט אַוועק אַ מענטש־חיה, אַ פחדן, וועלכער סקאָמליעט, מ׳זאָל אים לאָזן לעבן. אויך די אוקראַינישע שמוגלערס זיינען חיות, מע־סער־שטעכער, רויבער, פאַרגוואַלטיקער. די איינציקע אידעלע געשטאַלט, וועלכע איז זיך מקריב אָן שום באַלוינונג פאַר יענעם, איז דער פוילישער וואַלד־וועכטער. פון דער נאַציאָנאַליסטישער איינשטעלונג פון דער נאָווע־לע מוז ארויסדרינגען אַן אָפּשטויסנדיק געשטאַלט פון אַ ייד, וואָס קען

אַרויסרופן פאַראַכטונג, אָבער נישט קיין מיטלייד און נישט קיין רחמנות. אַזאַ באַציונג ווייזט אַרויס צו דער ידישער טראַגעדיע אַנדזשעי לעפּקאָווסקי.

באָגדאַן אָסטראָמענצקי

עס נויטיק זיך שוין דאָ, אויף דעם אָרט, אָקעגנצושטעלן דאָבראַטשינסקין און לעפּקאָווסקין אַן אַנדער שרייבער, אויך אַ קאַטוילישן, אָבער מיט אַ לגמרי אַנדער צוגאַנג צו דעם באַהאַנדלטן פּראָבלעם — באָגדאַן אָסטראָמענצקי און זיין נאָוועלע „Ratunek“ „רעטונג“. די אינגאַנצן אַנדערשדיקע באַציונג פון באָגדאַן אָסטראָמענצקי צום יידישן פּראָבלעם נעמט זיך פון דעם אינערלעכן פּראָצעס, וועלכן ער מאַכט אַדורך — פון זיין, הגם פּאָוואָליעדיקער, דערנענטערונג צו דער נייערווירקלעכקייט.

„רעטונג“ איז אַן אינטערעסאַנטע פּסיכאָלאָגישע סטודיע און אַ פיינער פּרווו צו לייזן אַ וויכטיקן מאָראַלישן פּראָבלעם. בעת לעפּקאָווסקי איז אַ דורכאויסיקער נאַטוראַליסט, בעת ביי אים קריכט תמיד אַרויס ביים מענטש דאָס חיהשע און עקלדיקע, דערשיינט אָסטראָמענצקי ווי אַ הומאַניסט, וואָס פּאַרמעסט זיך צו אַנאַליזירן מענטשלעכע נשמה־צושטאַנדן און וועלכער זוכט אַן אַבסאָלוטן ענטפער אויף מאָראַלישע נסיונות.

צום וואַרשעווער אייגוווינער, דעם פּאָליאַק סטעפאַן, קלאַפּט אַן ביינאַכט אַ גערודפטער ייד, שמעון, וועלכן עס האָט צושיקט א טוערין פון דער לינק־סאָציאַליסטישער אונטערערד, האַלינאַ, מיט דער בקשה אים צו לאָזן איבערנעכטיקן אַ געוויסע צייט. און די צייט איז א סכנותפולע — דאָס געטאָ ברענט און דעם גובערנאַטאָר פישערס אפישן זאָגן אָן טויט יעדן „אַריער“, ביי וועלכן עס וועט געפונען ווערן א ייד.

קודם כל, ווי אַזוי שילדערט דער מחבר דעם ייד שמעון: „ער האָט געהאַט אויף זיך אַ שלעכטן אויסגעריבענעם מאַנטל, ער האָט אויסגעזען שרעקלעך אויסגעמאָגערט, איז געווען בלאַס און פאַרלאָזט. ער איז געשטאַנען רואיק און זיך אַריינגעקוקט אין סטעפאַנען מיט אַ שווערן אומבאַוועגלעכן בליק“. שוין אין דעם אויסערלעכן בילד איז קאָנטיק דעם אויטאָרס באַציונג צום קרבן. ער זוכט נישט אויס ביי אים קיין שטריכן פון מורא און היסטעריע. ער וויל ליבערשט אים זען באַהערשט און ווירדיק.

שריט נאָך שריט ציט אָסטראָמענצקי אַרויס פון שמעונס געשטאַלט מענטשלעכע, סימפּאַטישע, אפילו מסירת־נפשדיקע שטריכן. שמעון קאָן נישט איינזיצן רואיק אין זיין באַהעלטעניש — אים בויערט אין מוח די זאָרג פאַר דער פרוי, וועלכע איז נאָך געבליבן אין געטאָ. ער טראַכט נישט וועגן זיך, נאָר וועגן די נאָענטסטע. ער פילט, ווי שווער עס איז פאַר זיינע מקום־מקלט־געבער אים צו האַלטן. ער איז גרייט אַוועקצוגיין, הגם א טריט אויסער דער שטוב דראָט אים מיט טויט. שמעון איז אינערלעך שטאַרק, אָבער נישט קיין העלד אויף שטאַלצן. ער וויינט, ווען ער טראַכט וועגן דעם גורל פון זיין פרוי, אָבער ער ברעכט זיך נישט צוזאַמען. ער איז ענערגיש, אַקטיוו.

ער דאַרף האָבן רעטונג, זיין פרוי נויטיקט זיך אין רעטונג, די יידן מוזן באַקומען רעטונג.

דאָס איז איין מין רעטונג, וועגן וועלכער עס שרייבט דער מחבר.

ער האָט אָבער אין זינען נאָך איין קאַטעגאָריע רעטונג — פאַרן פאַר־ליאַק סטעפאַן, וואָס באַהאַלט אויס דעם ייד. סטעפאַן נויטיקט זיך אין אַ צווייפאַכיקער רעטונג — אַ פיזישער און נשמהדיקער. ער ציטערט פאַרן גורל פון זיין משפחה — פישערס דראָונג מיט טויט איז נישט קיין שפּילכעלע, ס'איז אַ טרויעריקע רעאַליטעט. אָסטראָמענצקי עפנט אינגאַנצן סטעפאַנס האַרץ, ער דעקט אויף דעם אמת: סטעפאַן האָט מורא, ער האָט נישט קיין אינערלעכע איבערצייגונג פאַר זיין גוטער טאַט, ער וויל פטור ווערן פון דעם באַלאַסט, פון שמעונען, ער דאַרף אַ רעטונג.

אָבער אינעם האַרץ פון דעם דאָזיקן פשוטן מענטש קומט פאַר א מאָ־ראַלישער געראַנגל. ער פילט, אז צווישן שמעונען און אים איז פאַראַן אַ טיפער אונטערשייד. ער הויבט אָן מאַכן אַ חשבון הנפש. ער דערפילט ווי נישטיק עס איז זיין עקזיסטענץ אין פאַרגלייך מיט די אונטערערדישע קעמפער, מיט דעם דאָזיקן שמעון, וועלכער איז גרייט זיך אַליין מקריב צו זיין, אבי בלייבן מיט זיינע נאָענטסטע אין געטאָ.

אין סטעפאַנס האַרץ שפּילט זיך אָפּ א שווערער געראַנגל. דער מחבר גיט א ריכטיקע לייזונג פון אָט דעם אינערלעכן קאַמף.

סטעפאַן גורט זיך אָן מיט אַזוי פיל אינערלעכן כוח, אז ער גייט מיט מיט שמעונען זוכן דעם לעצטנס משפחה, זוכן פאַר זיי א רעטונג.

אָט אַזוי איז געקומען די רעטונג אין סטעפאַנס נשמה.

הגם אויך אין דער נאָוועלע „רעטונג" קאָן מען נישט מיט אַלץ מסכים זיין פון שטאַנדפּונקט פון רעאַליזם, איז אָבער כדאי אונטערצושטרייכן, אז

דאָס איז די איינציקע נאָענטסטע צום רעאַליזם שאַפונג פון קאַטוילישע שרייבער אויף דער טעמע פון באַציונג צו דער ייִדישער טראַגעדיע. עס איז נישט קיין צופאַל, וואָס די אונטערערדישע קעמפער, וועגן וועלכע מיר הערן אין אַסטראַמענצקיס נאָוועלע, זײַנען — ווי דער מחבר באַצייכנט זיי אַליין — פון לינק־סאָציאַליסטישן לאַגער.

וואַיטשעך זשוקראָווסקי

צווישן די צוויי אויפפאַסונגען פון טראַגישן ייִדישן געשטאַלט — צווישן לעפּקאָווסקיס חיהש־דערשראָקענעם ייִדישן אַדוואָקאַט און אַסטראָמענצקיס מסירת־נפשדיקן און ווירדיקן שמעון — שטייט דער נוסח פון דעם וואַקלדיקן, אָפּט אויף צוויי שטולן זיצנדיקן וואַיטשעך זשוקראָווסקי.

אין דעם ערשטן נאָוועלן־באַנד פון אָט דעם טאַלענטירטן יונגן שרייבער "Z kraju milczenia", — „פונם לאַנד פון שווייגן", וואָס איז געווידמעט דער טעמאַטיק פון דער אָקופּאַציע־צייט, איז פאַראַן אַ בילד אויך פון ייִדישן לײַדן "Pod śniegiem" — „אונטערן שניי". אויך פאַר זשוקראָווסקין איז דאָס קודם כל אַ מאָראַלישע פּראָגע. דערמיט שטייט ער העכער פון לעפּקאָווסקין. אָבער דאָס מאָראַלישע בינדט זיך בײַ אים מיט רעליגיעזן גלויבן און נישט מיט געוויסן, אַזוי ווי בײַ אַסטראָמענצקין. זשוקראָווסקיס אָביעקט פון דער ייִדישער טראַגעדיע איז, חוץ דעם, נישט קיין אמתער פאַרשטייער פון דער ייִדישער געזעלשאַפט. דאָס איז נישט דער ווירדיקער ייִד שמעון, וועלכער איז אײַנציייטיק פאַרבונדן מיט דער אַנטיפאַשיסטישער אונטערערד, נאָר אַ משומד, דער געטויפטער אַדוו. זיצמאַן, וועלכער לײַדט צוליב זײַן אָפּשטאַם. אמת, זשוקראָווסקי קוקט נישט אויבנאויפיק. ער בליקט אַרײַן טיפער אין דער זאַך, אין דער לאַגע, וואָס האָט זיך געשאַפן פאַר די זיצמאַנס. „זיצמאַנען, — זאָגט ער — האָט פון די שטאַם־ברידער געטיילט די רעליגיע, פון די גלויבן־ברידער — די ראַסע". דערמיט שטרייכט אונטער זשוקראָווסקי דעם פאַקט, וואָס די זיצמאַנס זײַנען אַרויס פון איין סביבה און זיך נישט פאַרוואָרצלט אין דער צווייטער... אָבער דער מחבר איז אַ קעגנער פון ראַסיזם. ער איז אָבער נישט קיין אַנטיראַסיסט מחמת אַנטיפאַשיסטישע, אינטערנאַציאָנאַליסטישע איבערצייגונ־

גען. זיין אידעאָלאָגיע — אַזוי ווי זי קומט צום אויסדרוק אין דער נאָוועלע „אונטערן שניי" — געפינט זיך נאָך אין די פּענטעס פון רעליגיאָזיטעט, פון קאַטוילישקייט. ווען זיצמאַן ווערט על־פּי־צופאַל געראַטעוועט פון אַ זי־כערן טויט, פון אַ קויל פון אַ דייטשער ביקס, איז ער טיף איבערצייגט, אַז אַרויסגעהאָלפן האָט אים די תפילה: „איך בין דאָ געשטאַנען, ער דאָרטן, — דעמלט גאָרנישט, כ'האָב נאָר געבעטן: „יעזוס, ראַטעווע מיך"... און דעמלט האָב איך דערפילט „ס'איז נאָך נישט דיין שעה, ווערסט זיין געראַטעוועט"... אָבער, גיט ער צו: „ס'איז בלויז אָפּגע־לייגט געוואָרן... בלויז אָפּגעלייגט"... וואָרעם ביי זיין גאַנצן קאַטאָליציזם איז זשוקראָווסקי אַ ראַציאָנאַליסט, ער פאַרשטייט, אַז די תפילה קאָן נישט זיצמאַנען ראַטעווען לגמרי, אַז דער גזר דין האָט זיך נאָר אָפּגעשלעפּט. און נאָך עפּעס: עס רייסט זיך אַריין אין אָט דער גלויבערישער שטימונג דער ניכטערער קול פון דער סאַמע מענטשלעכסטער און פּאָזיטיווסטער גע־שטאַלט פון דער נאָוועלע, אַננאַ: „דער הונט האָט איך געראַטעוועט", — די קויל, וואָס איז געווען באַשטימט פאַרן ייד־קריסט, האָט געטראָפן אין הונט.

דער דאָזיקער דואַליזם אין זשוקראָווסקיס וועלט־באַנעם, דער דואַליזם, וואָס האָט צווישן אַנדערע געווירקט אויף אויספאָרמירן אַזאַ צעצווייטע, צעריסענע, אין ערגעץ נישט פאַרוואָרצלטע געשטאַלט ווי זיצמאַן, האָט זיין מקור אין דער נישט דעצידירטקייט פון דעם מחבר אין אַנבליק פון דער נייער ווירקלעכקייט. זשוקראָווסקי ווערט אָפּט כאַראַקטעריזירט ווי אַ שרייבער, וואָס זיצט אויף צוויי בענקלעך — פון דער נייער ווירקלעכ־קייט און פון דער אַלטער וועלט. אַזאַ איז ער אין אַלע זיינע שאַפונגען. זיינע צענטראַלע פיגורן זיינען ס'רוב מענטשן פון דער גלחישער וועלט. און האָט ער געוואָלט זאָגן אַ וואָרט וועגן דער יידישער טראַגעדיע, האָט ער אין צענטער אַוועקגעשטעלט אַ משומד. פון אָט דער נישט־דעצידירטקייט נעמט זיך דער סטיליסטישער נעפּל ביים שרייבער, די נישטקלאָרקייט פון זאַץ, די עלעגישקייט אינעם געמעל. זיינע פיגורן זיינען אָפּט איבערלעך־צעריסענע מענטשן — אַזאַ איז סיי דער קרבן זיצמאַן, סיי דער, וואָס באַ־האַלט אים צייטווייליק אויס, ד"ר פּאָדווינסקי — אַ מענטש מיט אַ גוט האַרץ, אָבער אָן אַ ברעקל ווילן... די איינציקע גאַנצע געשטאַלט אין „אונטערן שניי" איז די פּרוי אַננאַ — „כלומרש אַ דינסט, און דאָך עפּעס בעסערעס, כמעט אַ מיטגליד פון דער משפּחה, אַן אויסגעצידלטע פון פּויזן". אַננאַ איז דאָס געוויסן פון דער שטוב, איר בליק איז צודריגלעך און באַ־

שולדיקנדיק, א דאַנק איר בלייבט זיצמאַן לעבן. דורך איר רעדט אַרויס דער צוויטער זשוקראָווסקי, דער, וואָס זיצט אויף דער שטול פון דער נייער וועלט, דער הומאַניסט.

זשוקראָווסקיס „אונטערן שניי״ שטייט אָן אן ערד, אָן א פאַרגלייך העכער פון דאַבראַטשינסקיס און לעפקאָווסקיס ביכער אין פרט פון באַנע־מען דאָס פּראָבלעם. זשוקראָווסקי דעקט אויף אין פּלאַסטישע בילדער די אַכזריות פון די היטלעריסטישע הענקער. ער באַרעכטיקט דעם שטראָפע־ריש־מאַנענדיקן בליק פון אַנגאַ, ער רירט שטאַרק אין זיין שילדערונג פון דעם געפּלאָגטן און געיאָגטן זיצמאַן.

ער האָט זיך אָבער נישט דערגרונטעוועט צום תוך פון פּראָבלעם. אין דעם האָט אים געשטערט דער צוויטער עלעמענט פון זיין וועלט־באַנעם, דער עלעמענט, וואָס איז פאַרבונדן מיטן אַלטן און פאַרגייענדיקן.

אויף א דואַליזם פון א ענלעכן, אָבער נישט פון זעלביקן כאַראַקטער ליידט אויך קסאַווערי פּרושינסקי.

קסאַווערי פּרושינסקי

דער דאָזיקער שרייבער, ביי וועלכן קאַטאָליציזם איז נישט מער ווי א זאַך פון טראַדיציע, האָט שוין פאַר דער מלחמה אַרויסגעוויזן אַ סימפּאַ־טיע פאַר די פרייהייט־באַוועגונגען, בפרט פאַר די שפּאַנישע רעפּובּ־ליקאַנער. ער איז אויך באַקאַנט געווען מיט זיין סאָלידאַריזירן זיך מיט די געדרודפטע יידן אין סאַנאַטאַרישן פּוילן. קסאַווערי פּרושינסק האָט זיך אין יענע יאָרן פאַרגעשטעלט ווי א ליבעראַל מיט א געוויסער פאַרשטענדעניש פאַר די פּראָגרעסיווע כוחות, אָבער מיט א האַרץ, וואָס האָט פונדעסטוועגן געקלאַפּט פאַר דער וועלט, וועלכע גייט אַוועק.

ס'איז געווען אין אים אַ געמיש פון נעכטן און היינט.

נאָך בולטער קומט אַט דער דואַליזם צום אויסדרוק ביים איצטיקן פּרושינסקי, ביים מחבר פון דעם באַנד דערציילונגען „Karabela z Meschedu“ — „די שווערד פון מעסכעד״, וועלכע זיינען אַ פּראָדוקט פון די מלחמה־ און ערשטע נאָכמלחמה־יאָרן.

פרושינסקי פאַרנעמט אַ פּאָזיטיווע פּאָזיציע לגבי דעם נייעם פּוילן, אָבער קינסטלעריש האָט ער דאָס נייע און די אייגענע באַציונג נאָך נישט פאַרדייט און ממילא נאָך נישט געבראַכט צום אויסדרוק אין דער בעלעטריסטיק.

זיין פּוילישער הויפּט־העלד איז דער אָפיציר פון דער פּויליש־עמיגראַנטישער אַרמיי, וועלכער האָט זיך אַנטוישט אין לאָנדאָן און אין דער פּויליש־עמיגראַנטישער רעגירונג, אָבער ער פאַרשטייט נאָך נישט דאָס, וואָס קומט פאָר אין פּוילן, און דעריבער בלייבט ער אַן אַנטוישטער, אַן אייגערלעך־צעריסענער, פאַלט אַריין אין אַ שטימונג פון „זיי געזונט, וועלט״ און גייט אַוועק אויף התבודדות אין די טיפענישן פון די קאַנאַדער וועלדער. ווען פרושינסקיס העלד וואָלט געלעבט מיט אַ יאָרהונדערט צוריק, וואָלט ער מסתמא זיך פאַרמאַכט אין אַ קלויסטער, כדי זיך אָפּצוטיילן פון דער וועלט און פון די מענטשן.

פרושינסקי איז אַ פריינט פון די אַמאָליקע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן פון פאַרמלחמהדיקן פּוילן, פון די אוקראַינער און יידן. זיין פריינטשאַפט איז אַן אויפריכטיקע, אָבער עס פילט זיך אין איר אַ ווידערקול פון דעם אַמאָליקן גוטן שליאַכטע־מאַן, וועלכער זעט אין דעם אוקראַינער און ייד אַ פּאָזיטיוון עלעמענט בלויז דערפאַר, ווייל זיי זיינען טריי דער פּוילישקייט, און נישט צוליב זייערע פּערזענלעכע מעלות.

פרושינסקיס אוקראַינישער העלד איז דער פּאָפּ אולאַס, וועלכער האָט ליב די פּוילישע קולטור און בלייבט איר טריי ביזן סוף. דאָס איז, נאַטירלעך, זייער אַ שיינער שטריך פון פעלקער־פריינטשאַפט, אָבער דער מחבר האָט דאָ פאַרזען דעם עיקר — דעם געפיל פון אַן אוקראַינישן פּאַטריאָט און פּראָגרעסיסט — זיין ליבע צום אייגענעם, דורך דער רויטער אַרמיי באַפרייטן פאָטערלאַנד.

פרושינסקיס יידישער העלד איז לאַזאַר גיטמאַן („די שווערד פון מעסבעד״) אַ דורכאויס סימפּאַטישע געשטאַלט — אַן איינוווינער פון די „קרעסן״, וועלכער איז שטאַרק צוגעבונדן צו דער פּוילישער קולטור, ווידמעט זיך איינגאַנצן דער זאַמלונג פון אַלט־פּוילישע מוזעאַלע חפצים, אין ווען ער געפינט זיך, בעת דער מלחמה, אין איראַן, ווערט ער תיכף פאַרכאַפּט פון ווילן איינצושאַפן זיך די אַלטע מוזעאַלע שווערד, וועלכע געפינט זיך על־פּי־צופאַל אין אַ מיטל־אַזיאַטישן שטעטל מעסכעד.

לאַזאַר גיטמאַן ווערט דורך פרושינסקין נישט סתם באַשריבן, נאָר ממש באַזונגען. ער זעט אין אים אַן אויפריכטיקן פּוילישן פּאַטריאָט און אַ

צכטן מענטש־אידעאַליסט. גיטמאַן איז אַן אָרגאַנישער טייל פון דער פּויל־שער קולטור און פון דער פּוילישער לאַנדשאַפט. אָבער דאָס איז אין גרונט גענומען אַ ייד פון אַלטן שניט. פּרושינסקי זאָגט אַליין אין אָנהויב פון דער דערציילונג, אַז עס איז אים נאָענט דער טיפּ פון אַלטן יאַנקל צימבאַליסט פון „פּאַן טאַדעאוש". דער שרייבער פאַרגעסט, אַז ציַיטן בייטן זיך, און דער מענטש ענדערט זיך מיט זיי צוזאַמען. יאַנקל איז אַן אידעאַלער טיפּ פאַר יענער עפּאָכע, איצט איז געבליבן פון אים די טראַדיציע, אַ לעבעדיקע טראַדיציע, אָבער די געשטאַלט גופא איז שוין איבערגעלעבט. אָט ווי פּרו־שינסקי שילדערט זיין העלד: „דער אַרייַנקומענדיקער איז געווען אַ געבויג־הויכער ייד מיט אַ שוואַרץ, קליין בערדל... ער האָט געהאַט זייער אַ יידיש פּנים, אַ געלט, נישט קיין גרויסע, שוואַרצע אויגן... ער איז געווען אָנ־געטאָן אין שוואַרצן, צי אין טונקעלן, בולט לויטן יידישן שטייגער, אַזוי זיינען געגאַנגען טאַקע אָנגעטאָן די יידן אין דעם אומבאַשטימטן דרייעק צווישן מאַלקין, באַראַנאָוויטש און מאַלאַדעטשנאָ. ער האָט געקענט זיין אַ פאַכטער און האַלטן אין אַרענדע אַ סאָד, און געקענט זיין אַ שוחט, און האָבן אַ האַלץ־געשעפט, און איינקויפן גענדז קיין פּרייסן, און וואָס נאָך. אויפן קוק איז ער געווען אַזאַ, וועגן וועלכן מען האָט דעמאָלט געזאָגט: „אַזאַ פּשוטער ייד". אָבער אין גענזיכט האָט ער געהאַט עפּעס דינס, רבנישס. הענט האָט ער אויך געהאַט אַזעלכע ווייסע, לאַנגפינגערדיקע און ווייכע, אין קול עפּעס דיסקרעטס און שטילס."

צי איז אַזאַ ייד געווען אין פאַרמלחמהדיקן פּוילן? אומבאַדינגט יאָ! צי האָט אַ ייד אין טראַדיציאָנעלער הלבשה געקענט זיין אַן אַנטיקוואַר און אַ זאַמלער פון פּוילישע מוזעאַלע חפצים? בלי שום ספק יאָ; מיר האָבן אַזעלכע געקענט סיי אין דער פּראָווינץ, סיי אין דער הויפּט־שטאָט. צי איז גיטמאַן אַ סימפּאַטיש געשטאַלט? אויך אויף דעם מוז מען געבן אַ פּאָזיטיוון ענטפער. אָבער שוין זשע איז ער נישט אַן איבערחזרונג פון אַלטן יאַנקל, אַ טיפּ פון אַ באַשטימטן פאַרגאַנגענעם מיליע, אַ געשטאַלט געמאָלט פון פאָלגנדיקן שטאַנדפּונקט: גיטמאַן איז אַ סימפּאַטישער ייד, ווייל ער האָט ליב די אַלטע פּוילישע קולטור? בעת ריכטיקער וואָלט געווען, ווען גיטמאַן איז סימפּאַטיש און פּאָזיטיוו, קודם כל, ווי אַ מענטש! ווען מיר וואַרפן אָפּ דעם אינערלעכן דראַנג פון פּרושינסקיס ייִד צו אַלט־פּוילישע זעלטענע ווערטן, בלייבט פון דער גאַנצער געשטאַלט לאַזאַר גיטמאַן גאָרנישט.

עס קומען אויפן רעיון אַנדערע יידישע געשטאַלטן פון די „קרעסן", אַרויסגעבראַכטע האַרט פאַר דער מלחמה אין די שיינע פּאַליעסער וואַג־

דער־רעפּאַרטאַזשן פון וואַנדאַ וואַשילעווסקא — די געשטאַלטן פון גע־זונטע, ערדישע, האַרעפּאַשנע פּאַליעסער יידן, ארבעט־גיריקע, מענטשן מיט אָפענע, פשוטע, נישט־קאָמפּליצירטע נשמות, גאַסטפרייינטלעכע, קער־פּערלעך און גייסטיק גאַנצע, איינגעוואָרצלטע אין זייער באָדן, צוגעבונ־דענע צו דער פּאַליעסער נאַטור, אין תוך געמען — פּאַטריאָטן. וואַשי־לעווסקאַס ייד און פּרושינסקיס ייד — ס׳אַרא מהלך עס איז צווישן זיי, אַ מהלך פון א גאַנצער תקופה.

אָבער נישט געקוקט אויף אַט דעם צוגאַנג, וואָס נעמט זיך פון פּרו־שינסקיס שטעקן מיטן געמיט און האָרץ אין עבר, איז די דערציילונג „די שווערד פון מעסכעד״ א הימן פאַר דעם יידישן פאָלקס־מענטש, א דערהוי־בונג פון אַ יידישער געשטאַלט, אַ קינסטלערישער אַרויסטריט קעגן דער אַנטיסעמיטישער ליטעראַטור, וועלכע רוקט אַרויס ווי דעם טיפּ ייד — אַ ני־דעריקן פאַרשוין און אַ פּאַרעטער. לאַזאַר גיטמאַן איז מקריב אַ גאַנץ לעבן פאַר אַן אידייע, דער אידייע פון ראַטעווען און זאַמלען קונסט־ווערטן. לאַ־זאַר גיטמאַן האָט טיף ליב די פּוילישע קולטור, ער האָט ליב זיין היים־אָרט, די אַלטע פּוילישע שטאָט קראָקע. ער איז אפשר מער פּאָליאַק ווי ייד, ער איז אפשר א שפּאַר ביסל ראָמאַנטיזירט — און אויך דאָס קאָן מען פאַרוואַרפן דעם מחבר — אָבער דער מחבר האָט געהאַט דעם בעסטן ווילן, נאָר ער האָט נישט באַוויזן גובר צו זיין דעם אייגענעם האַלב־ראָמאַנטישן מעטאָד, וועלכער שפּיגלט טאָקע אָפּ זיין צוגעבונדנקייט צו דער פאַרגאַנגענהייט.

אין אַנדערע דערציילונגען פון דעם זעלבן באַנד וועבן זיך אַדורך נייע יידן, אַ שטייגער — דער אונטעראָפיציר ראָזענבערג, וועלכער קעמפט און צייכנט זיך אויס; אָבער די דאָזיקע געשטאַלט איז אַן עפּיזאָדישע, א דורך־אַגבדיקע, און חוץ דעם פאַקט גופא דערוויסן מיר זיך ווייניק וועגן דעם מענטש, וועגן זיין כאַראַקטער, נשמה־אינהאַלט און גורל.

אין דער גרופּע קאַטוילישע שרייבער פאַרנעמט קסאַווערי פּרושינסקי אַ פאַרגעשריטענע פּאָזיציע. ער גייט שוין, אייגנטלעך, אַרויס פונם גדר פון אַט דער ליטעראַטור. ער איז פריי פון פאַראורטייל. די באַציונג צום ייד און אוקראַאינער מוז נישט ביי אים פונאַנדערגעוויקלט ווערן דורך אַ מאָראַלישן געראַנגל.

אין דער זעלביקער צייט לאָסטעט נאָך ס׳רוב אויפן קאַטוילישן שריי־בער די דאָזיקע מאָראַלישע פראַגע. כאַראַקטעריסטיש אין דער הינזיכט איז

די נאָוועלע פונעם אַפּאָלאָגעטיש־קאַטוילישן דיכטער און פּראָזאיקער וואַיטשעך באַנק „שרה פרידלענדער". אויפן שרייבער ליגט נאָך די גאַנצע ירושה פון דער מיסטישער שרעק־באַציונג צום ייד, און עס מוז קומען אַ גרויסע אויפטרייסלונג, שרה פרידלענדער מוז אַרויס מיט אַ מטורפדיקן פּראָטעסט קעגן דער פאַרשאָלטענער אָרדענונג צוליבן טויט פון איר זון אויפן פראָנט, אז אויך ביים יונגן קריסט, אינעם הארץ פון מחבר, זאָל זיך דערוועקן א פונק פון מענטשלעכער באַציונג צו דער יידישער פרוי, צום יידישן מיטבירגער.

ביי ס׳רוב קאַטוילישע שרייבער איז די יידישע טעמע, אָדער די יידישע געשטאַלט אַ מין נשמה־רייניקונג, אָדער אַ מצבה אויפן קבר פון פּוילישן יידנטום. די מצבה איז נישט תמיד געלונגען און נישט שטענדיק געשטעלט אויפן ריכטיקן אָרט. די דאָזיקע שרייבער מיינען מיט זייערע קינסטלערישע עפּיטאַפיעס אויסצודריקן אויך זייער מיִק, אז מיטן פּוילישן יידנטום איז געענדיקט. זיי זעען נישט קיין ווידערגעבורט. למשל — ביי באַלקאַוסקאַן לעבט דבורה זשעלאַזנא איבער און גרייט זיך צו א ניי לעבן; ביי אַטוויגאַווסקין — בלייבט עווא פּרויד לעבן און גרייט זיך צו א ווייטערדיקן קאַמף; ביי אַנדזשעיעווסקין גייט אירענא ליליען אַוועק אין דער נאַכט־פינצטערניש צו עקשנותדיקן ווידערשטאַנד. איר גורל איז נאָך נישט געחתמעט; שוין אָפּגערעדט, אז ביי רודניצקין, וויגאָדזקין און אַנדערע פון זייער שניט ווערט בולט באַטאָנט „דער המשך. ביי בראָניעווסקין איז דער געטאָ־אויפשטאַנד א קאַמף־אָנשטרענגג פאַר א נייער וועלט, וועלכע קומט אויף — און אַזוי ווייטער און ווייטער. אַנדערש ביי ס׳רוב קאַטוילישע שרייבער. דער ייד קומט אום, אָדער איז פאַרמשפּט צום אונטערגאַנג און קיין שום רמז אויף ווידעראויפלעבונג איז נישטאָ. בדרך כלל איז פאַר דער קאַטוילישער ליטעראַטור כאַראַקטעריסטיש די עלעגיע פון קריסטינאַ קאַנאַווסקא־לאַשאָווא „דער דענקמאָל אין געטאָ", וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „טיגאָדניק פּאָווסעכני" צום זעקסטן יאָרטאָג פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד. די דיכטערין דריקט אויס איר פאַרהערלעכונג פאַרן אויפשטאַנד, אָבער זי שטעלט פעסט, אז עס זיינען געבליבן בלויז שטיינער. זי פאַרשטייט נישט דעם זין פון קאַמף, זי קען נישט די אידייען פון ווידערשטאַנד, זי זעט נאָר א גערנגל מיטן טויט און — דעם סוף. דער דענקמאָל „וועט קיינעם שוין נישט טרייסטן, ווייל געבליבן זיינען בלויז שטיינער".

די דיכטערין האָט די בעסטע געפילן, זי זינגט אויס אַן עלעגיע, אָבער איר באַגרענעצטער וועלט־באַנעם דערלויבט איר נישט צו זען ברייטער, צו זוכן אַ היסטאָרישע פּערספּעקטיוו און זי שטעלט פעסט אַ לגמרידיקן איבערדרייס אין דער גאָלדענער קייט.

די לאַגער־ליטעראַטור

די ליטעראַטור, וועלכע שילדערט, אָדער גיט איינדרוקן פון דעם גיהנומדיקן לעבן אין די דייטשע פּיין־ און אומקום־לאַגערן, איז אין דער פּוילישער שפּראַך זייער גרויס. אין אונדזער אַרבעט וועט נישט זיין קיין רייד וועגן די גבית־עדותדיקע באַשרייבונגען און אויך נישט וועגן דער פּובליציסטישער לאַגער־ליטעראַטור. אונדז אינטערעסירן אויף דעם אָרט די קינסטלערישע ווערק אויף דער לאַגער־טעמאַטיק. עס איז קלאָר, אַז די אַלע קינסטלערישע באַשרייבונגען פון דעם מין זיינען אויך געבויט אויף דירעקטע, פּערזענלעכע אָבסערוואַציעס און איבערלעבונגען, זיינען אויך גבית־עדותדיק און דאָקומענטאַריש, אָבער זיי אונטערשיידן זיך פון די סתם־באַשרייבונגען מיט זייער פּלאַסטישקייט פון בילד און שילדערונג פון מענטש. זיי גיבן איבער נישט בלויז און נישט סתם פאַקטן, נאָר פּרווון אריינדרינגען אין דער נשמה פון די קרבנות און נישט זעלטן אויך אינעם פּאַטאַלאָגישן כאַראַקטער פון די פּייניקער.

היות די קינסטלערישע לאַגער־ליטעראַטור איז זייער גרויס, וועט אויסקומען זיך אָפּשטעלן אויף די סאַמע כאַראַקטעריסטישע ווערק.

צום לויב פון אָט דער ליטעראַטור איז נויטיק צו באַטאָנען איין עיקר־שטריך, וואָס איז געמיינזאַם כמעט פאַר אַלע מחברים. ביי דער לאַגער־מעטאַטיק איז זייער לייכט צו לאָזן זיך באַהערשן דורך נאַטוראַליזם. אָט די גע־פאַר האָט טאַקע נישט תמיד באַוויזן אויסצומיידן דער יונגער באָראָווסקי, הגם ער האָט דעם גוטן ווילן צו קוקן דעם אמת גלייך און דרייסט אין די אויגן. אַלע אַנדערע אויטאָרן האָבן גובר געווען די דאָזיקע גרונט־שוועריקייט. עס איז מערקווירדיק, אָבער אַ פאַקט: כמעט אין אַלע ווערק אויף דער לאַ־גער־טעמאַטיק שטייט אין צענטער פון די באַשרייבונגען נישט די אַכזריות

פון די פייניקער, נאָר דאָס מעטשלעכעביים פאַרפייקטן קרבן; עס דער־הויבט זיך איבער די בלוט־פאַרגליווערנדיקע שילדערונגען אַ שטראַל פון ליכט, וואָס שטעקט אין דעם מאַרטירערישן מענטש גופא. נאַטוראַליזם באַדייט — איין זייט פון דער ווירקלעכקייט, די אויסערלעכע זייט, דער סטאַטישער אמת; נאַטוראַליזם דאָס איז פאַרקריפּלונג פון דעם ווירקלעכקייט־בילד; אין גרונט גענומען דערפירט עס צו פאַטאַליזם; שמאַגלעווסקאַ, יוסטאַ, רושינעק, דלוגאָשעווסקי זיינען אַרויס פון דער עמק־הבכא־שילדערונג, ווי הומאַניסטן און נישט ווי נאַטוראַליסטן.

טאַדעוש באָראָווסקי

אַוודאי — דאָס, וואָס עס שילדערט טאַדעאוש באָראָווסקי אין דער דער־ציילונגען־ און סקיצן־זאַמלונג „די געזעגענונג מיט מאַריאַ״ „Pożegnanie z Marią״ איז אין איטלעכן פּרט באַזונדער אמת, אָבער אַלץ צוזאַמען גיט נישט קיין אַלזייטיק און ממילא טריי בילד פון דער גאַנצער ווירקלעכ־קייט. באָראָווסקיס סטיל וואַרפט זיך אַריבער פון איין עקסטרעם אין צווייטן — פון נאַטוראַליזם ביז כמעט ראָמאַנטיזם. אין דער ערשטער דער־ציילונג, וואָס טראָגט דעם טיטל פון דער זאַמלונג, ברענגט ער צוויי יידישע געשטאַלטן, ביידע אַנטלאָפענע פון געטאָ, אַ יונגע זינגערין און אַן עובר־בטולדיקע זקנה. ביידע זיינען אַנטיפּאַטיש אין זייער טרויעריקער סיטואַציע און פיין, קיין שום מענטשלעכער פּונק, קיין שום אויסטייטש פון דער ספּע־ציפישער לאַגע, וועלכע מאַכט זיי אומסימפּאַטיש, אַ ריין אויסערלעכע שיל־דערונג, אַ שטייגער: די יונגע זינגערין האָט קי־אויגן, צעוואַקסענע היפטן, לאַקירטע נעגל, זי איז נאַריש — דאָס אַלץ. און עפּעס טוט זיך דאָך אינעם האַרץ פון אָט דער אַנטלאָפענער פון גיהנום.

די דעטאַלן פונעם בילד, זיינע באַזונדערע שטריכן קענען זיין אמת, אָבער עס שאַפט זיך נישט די פולקייט פון דער דעמלטיקער ווירקלעכקייט אַפילו אין באַצוג צו איין פּערזאָן. אין אַ צווייטער שילדערונג שטעקט אויך בולטער נאַטוראַליזם: „די אַלטע האָט געגעסן פּאַמעלעך, אָבער מיט אַפּע־טיט. די גאַלדענע מאַסיווע שורה ציין האָט מיט געשמאַק זיך איינגעטונקט אין דער ווייטער בולקע. איך האָב זיך אַריינגעקוקט אין זיין בליאַסק, אַפּ־

שאַצנדיק אינסטיקטיוו די וואָג און ווערט פון דער שטשאָקע". די דאָקטאָרשע, וועגן וועמענס גאָלדענע ציין עס איז דאָ אַ רייד, קומט אויך אַרויס אָפּשטויסנדיק, חיהש־פּחדנותדיק, אומסימפּאַטיש.

און פאַרקערט: מאַריאַ, דער אַריש־יידישער מישלינג, דערשיינט ווי כמעט אַ ראָמאַנטישע געשטאַלט, כמעט ווי אַ מענטש נישט פון דער וועלט. אַ שוואַרץ־ווייס־שפּיל.

אין די ווייטערדיקע דערציילונגען און סקיצן — „אַ טאָג אויף האַרמענזע", „מיר בעטן אייך צום גאַז", „דער טויט פון אויפשטענדלער", „די שלאַכט ביי גרונוואַלד" — ווייזט אַרויס דער שרייבער אַ סך בקיאות און אָבסערוואַציע־פעאיקייט ביים שילדערן פּרטים און איינצעלנע כאַראַקטערשטריכן. אָבער אין אַלגעמיין בלייבט ער שטעקן אינם פאַקט און קען נישט דערהויבן און פאַרסכהכלען דאָס בילד. די שוואַרץ־ווייס־שפּיל גייט ווייטער אָן: דער יידישער תליון, בעקער, וועלכער הענגט זיין אייגענעם זון, און — דער יידישער קאָנספּיראַטאָר רובין, וועלכער ראַטעוועט אַנדערע. דער סאַדיסטישער מערדער אַנדריי און — דער טרעגער פון העכסטער מסירת־נפש איוואַן, די מאַסע ווי שאָף געטריבענע יידן, און — דאָס שטאָלצע מיידל. אָבער אַפילו די געשטאַלטן, וועלכע זיינען ווייס, קומען אַרויס מטושטשדיק, בלויז אין אויסערלעכער האַנדלונג, אָן אַ נשמה. אַזוי איז אויך די שילדערונג פון דער יידישער מאַסע, וועלכע ווערט געטריבן פון די וואַגאָנען גלייך צום טויט — היות דער מחבר דרינגט נישט אריין טיפער, בלייבט דער איינדרוק אַ געגנוג קאַלטער. עס איז כדאי צו פאַרגלייכן די דאָזיקע באָראָווסקיס שילדערונג מיט צוויי בילדער פון אַן ענלעכן מאָטיוו ביי אַ פשוטן יידישן עדות פונעם גרויל מ. קייזער, באַארבעט דורך דעם פוילישן ליטעראַט אַדאַם אָסטאַיאַ: קייזער־אָסטאָיאַ שילדערן אַ טויטן־מאַרש פון יידן אין אָשוויענטשים, דעם דורכמאַרש פון מענער פאַרביי דעם פרויען־לאַגער, און מיר ווערן איינגאַנצן אויפגעציטערט פון די שטומע טראַגישע בליקן, פון די פייבּפולע קעגנזייטיקע קוקן־זוכענישן פון פאַרמשפּטע מענער און פרויען, אפשר וועט געלינגען צו דערזען דאָס ווייב, אַ נאָענטן, צום לעצטן מאָל וואַרפן אַ געזעגן־וואָרט— ווי העכער שטייט דאָס בילד פון אַ פשוטן עדות איבער די אימפּרעסיאָניסטישע נישט־דערזאָגענישן און קאַלטלעך־אָבסערוואַטאָרישן סטיל פון טאַדעאוש באָראָווסקי! אָדער אַ צווייט בילד ביי קייזעראָסטאָיאַ: די יידן, די געטריבענע צום גאַז, הויבן אָן זינגען, אַ טייל זינגט אויס אַ דאַוונען, אַ טייל זינגט אַ פאָלקס־ליד — אַ ציטער נעמט דורך, לייענענדיק די דאָזיקע באַשרייבונג! נישט קיין היסטעריע, נישט קיין וויי־געשריי,

נישט קיין פאַרצווייפלונג, נאָר רירנדיקער אַדורכדרינגנדיקער געזאַנג — אין אַנבליק פון טויט — אַ לעצט וואָרט דער וועלט...

פונקט אַזוי וועט אויספאַלן נישט צום גונסטן פון טאַדעאוש באָראָווסקי דער פאַרגלייך פון דער אויפפירונג פון דער יידישער טאָכטער שוין נאָך דער באַפרייאונג מיט דער קינסטלערישער קאָנצעפּציע פון אַ צווייטן מחבר פון אַ לאַגער־בוך, מיכאַל רושינעק. סיי באָראָווסקי, סיי רושינעק,ביידע קאַצעטניקעס, וועלכע האָבן אַ סך פּערזענלעך־איבערגעלעבטס אַריינגע־לייגט אין זייערע באַשרייבונגען — טרעפן אָן אַקאָרשט נאָך דער באַפרייאונג יידישע מיידלעך, אויף אַציִנד אויסגעלייזטע פונעם לאַגער גיהנום. די דאָזיקע מיידלעך דאַרפן אויסדריקן נישט קיין צופעליקע פיגורן, נאָר כאַראַקטע־ריסטישע געשטאַלטן און אַפילו נשמה־צושטאַנדן פון דעם באַפרייטן יידישן מענטש. מיר האָבן אין אַזאַ פאַל רעכט צו פאָדערן נישט פּסיכאָלאָגיזם, נישט געפילן־שפּיל, נישט צופעליקע שטימונג, נאָר די שטריכן פון מענטש און צייט, וועלכע דאַרפן דערהויבן נאָך די דערדריקנדיקע שילדערונגען פון לאַגער־לעבן. און דאָ אַנטפּלעקט זיך טאַקע דער אונטערשייד אין אויפנע־מען דיווירקלעכקייט ביי באָראָווסקין און ביי רושינעק.

ביי באָראָווסקין: דאָס יידישע מיידל, נינאַ, זי איז פול מיט היסטעריע, האָט זיך קיינמאָל נישט געפילט איבערלעך נאָענט מיט דער יידישער סביבה. איר געליבטער איז געווען אַן ענדעק (צי איז עס טיפּיש? קלאָר, אַז — ניין! דאָס איז נאָר איין זייטיקער ניואַנס פון אַמאָליקן יידיש־שטעטלשן לעבן). נאָך דער באַפרייונג זוכט זי אויך אַ קריסט, כדי מיט אים צו אַנטלויפן פון יידן (ווידער אַ זייטיקער שטריך און נישט קיין טיפּישער, וואָרעם די געפילן פון די באַפרייטע זיינען געגאַנגען אין אַן אַנדער ריכטונג).

— „מאָרגן פאָרן מיר אָפּ ווייטער — האָט געזאָגט דאָס מיידל, באַ־פרייענדיק איר האַנט. — ווער ווייסט, וווהין? אַ טאָג אין איין לאַגער, אַ טאָג אין אַ צווייטן... כסדר פרישע מענטשן, פרעמדע. איך פיל צו דעם אַן עקל" — און פלוצים האָט זי געזאָגט כמעט מיט אַ פליסטער: „איך האָב שרעקלעך מורא, טאָמער פאָר איך קיין פּאַלעסטינע. וואָס האָב איך פאַר אַ שייכות מיט יידן? זיין איינזאַם, פריוואַט אַ יידישע — יאָ! אָבער לעבן אין אַ יידישן דאָרף, מעלקן קי, כאַפּן יידישן קורטשאַקעס, חתונה האָבן מיט אַ ייד? ניין, ניין. — האָט זי אויסגעשריען, פונקט ווי איך וואָלט זי דערצו אָנגערעדט". זי וויל אויך נישט צוריק פאָרן קיין פּוילן. זי וויל נישט בויען פּאָזיטיוו. זי וויל נישט אָנטיילנעמען אינעם ווידעראויפבוי־

פון ייִדישן ישוב אין באַפרייטן פוילן. עס טרייבט זי צום פּאַלש־לאַקנדיקן מערב.

אין דער גאַנצער שילדערונג פון דעם מיידל ניבאַ שטעקט אַ סך ברוטאַלישקייט און אַפילו אַ דאָזע ציניזם. אַוודאי זיינען אַ סך לאַגער־קרבנות אַרויס אויף דער באַפרייונג נישט בלויז פיזיש, נאָר אויך מאָראַליש צעבראָכן. אָבער אויפן דנאָ פון זייערע נשמות איז געבליבן נישט בלויז ביטערניש, נאָר אויך אַ בענקשאַפט צו לויטערקייט און באַנייונג. אין סך־הכל זיינען דאָס געווען טראַגישע געשטאַלטן און נישט קיין סתם היסטערישע, ווי זיי קומען אַרויס פון אונטער באָראָווסקיס פען.

מיכאל רושינעק

ביי רושינעקן:
לחלוטין אַנדערש, וואָרעמער, מענטשלעכער, אַריינדרינגנדיקער, רושינעק זעט דעם תהום, וואָס טיילט אָפּ דעם געמיט פון די אמעריקאַנער און קאַנאַדער זעלנערקעס, וועלכע געהערן צו דער אַליאַנטישער אַרמיי, — פון דעם נשמה־צושטאַנד פון אַניאַ דעם באַפרייטן ייִדישן מיידל פון אָשוויענטשים מיטן אויסגעטאַטואירטן נומער אויף דעם אָרעם. רושינעק פאַרשטייט אַניאַס טראַגיזם, נאָך מער: דעם טראַגיזם פון די אַניאַס, דעם געמיט פון די ייִדן. ווען די זיגער — און אויף אַ טייל באַפרייטע — פרייען זיך, פאַרווילן זיך (און דאָס איז נאַטירלעך און פאַרשטענדלעך), רופט אויס אַניאַ: „איך קאָן נישט!” זי, דאָס ייִדישע מיידל, די לעצטע האַלאַווּשקע פון אָשוויענטשים, איז נישט מסוגל מיטצומאַכן אַלעמענס פרייד — ווי קאָן זי טאַנצן און פאַרברענגען, ווען איר פאָלק איז אויסגעמאָרדעט געוואָרן, ווען דער נצחון האָט אָפּגעקאָסט אַזאַ בלוטיק־טייערן פּרייז — זעקס מיליאָן אירע ברידער און שוועסטער. אין רושינעקס שלוס־אַקאָרד הילכט שוין אָפּ פון פאָרויס דער אָנזאָג פון דער געוואָלטיקער טראַגעדיע פון דער נאָענטער אויסגעוואָרצלטקייט און היימלאָזיקייט פון ייִדן פּליטים אויף די אויסוועגלאָזע שליאַכן פון מערב־אייראָפּע. אַניאַ איז אַרויס פון כף הקלע מיט אַ געזונטן באַגער — אויפצוהויבן אַ קאַמף פאַר אַ געזונטן, מענטשלעכן, פּראָדוקטיוון קיום.

רושינעקס סטיל איז האַרמאָניש, קערנדיק, ליריש און דירעקט. אים אינטערעסירן ווייניק די פּסיכישע ניואַנסן ביי די פאַרברעכערישע לאַגער־טיפּן, ביי די אַנדרייס, צי די בעקערס. אים באַגייסטערט די לעכצונג צו פריקהייט, דער קאַמף פאַר איר. זיין בוך „Z barykady w dolinę głodu" „פון דער באַריקאַדע צום טאָל פון הונגער" איז אַ שילדערונג פון דעם פּיין־וועג פון מחבר אַליין און פון טויזנטער אַנדערע, וועלכע זיינען נאָכן דורכפאַל פון וואַרשעווער אויפשטאַנד פאַרוואָגלט געוואָרן אין ווייטע דייטשע לאַגערן. די קאַצעטניקעס ווערן ענדלעך באַפרייט, אָבער זיי זיינען פאַרמשפּט איבערצולעבן אַ פרישע אַנטוישונג פון ניע וואָגלענישן, פון צוזען, ווי אַזוי דייטשע פאַרברעכער ווערן דורך די אַמעריקאַנער מיליטערישע אָרגאַנען טראַקטירט בעסער ווי זיי, די אויסגעלייזטע אַרעסטאַנטן.

אמת — רושינעק וויזט נישט אין אַלע דעטאַלן אַרויס פּאָליטישע רייפקייט. ער דרינגט נישט אַריין אין דעם תוך פון דעם וואַרשעווער אויפשטאַנד זומער־צייט 1944. אין זיינע באַשרייבונגען שפּילט אָפּ אַ ראָל מער צופאַל ווי לאָגיק פון געשעענישן־אַנטוויקלונג. אָבער ביי אַ ריי פּראָבלעמען קומט ער מיט אַזאַ נייעם צוגאַנג, אַז ער דערגרייכט אין היבזיכט פון דרייסטקייט פון אָוועקשטעלן די פראַגע די מדרגה פון יעזשי אַנדזשעיעווסקי.

רושינעק שילדערט אין קאָנצענטרירטע, בולטע בילדער דעם אויפשטאַנד פון 1944. בעת דעם דאָזיקן אויפשטאַנד שוועבן פאַר זיינע אויגן די שאָטנס פון די אומגעקומענע קעמפער פון וואַרשעווער געטאָ. אין אַ געוויסן מאָמענט קומען פאַר קאַמפן אויפן געביט פון די געטאָ־חורבות. און פאַר רושינעקס אויגן שטייען אויף בילדער פון אַ יאָר צוריק: „דאָ האָבן אַמאָל געפלאַטערט דריי פענער: ווער עס האָט געוואָלט, האָט געקענט דעמלט זען אַ מיידל אין אַ דעראָבערטן דייטשן העלם, זי האָט געצילעוועט פון אַ ביקס אין גאַס אַריין. זי האָט — פּונקט ווי דאָס איצטיקע (פּוילישע) מיידל אויף מיאָדאָוואַ פאַרטיידיקט איר וואַרשע. אין דער זעלביקער צייט, ווען אַנדערע — און עס זיינען געווען אויך אַזעלכע — האָבן געשלעפּט די בערדיקע קעפּ פון די דערהרגעטע און געהאַנדלט אין הורט מיט די, אויסגעהאַקטע ביי זיי, גאָלדענע ציין. כדי אָפּצוואַשן די שאַנד, וועלן נאָכאַמאָל אומקומען אין דעם צפון־ראַיאָן מענטשן, און טאַנקן וועלן דערטרונקען ווערן אין אַ פאַרגליווערטער אָזיערע פון רויטע, צעכוואַליעטע ציגל".

אַ נייע מערקווירדיקע אויפפאַסונג פון דעם פּוילישן וואַרשעווער אויפשטאַנד! אין דער פּוילישער ליטעראַטור הערן מיר דאָס צום ערשטן מאָל. רושינעק זאָגט: דער גרויסער קרבן פון דעם דורכגעפאַלענעם פּוילישן אויפ־

שטאַנד איז טיילוויז געווען, כדי אָפּצוּוואַשן די שאַנד פון דעם גלייכגילט פון די א. ק.־עלעמענטן לגבי דעם יידישן קאַמף און אומקום מיט בערך אַ יאָר צוריק...

רושינעק האַלט נישט, אַז דעם דאָזיקן זיין פונם פוילישן וואַרשעווער אויפשטאַנד האָבן אַלע פאַרשטאַנען. פאַרקערט — ער וואַרפט אַ שווידערלעכע באַשולדיקונג אויפן אַדרעס פון אַ טייל פאַליאַקן, פון באַר־קאָמאַראָווסקיס חדר, וועלכע זיינען אַ פרישע זינד באַגאַנגען לגבי יידן אַפילו בעתן אויפשטאַנד פון 1944, דאָס הייסט — זיך נישט באַפרייט פון זייער זאָאָלאָגישן אַנטיסעמיטיזם אַפילו אין אַנבליק פון אייגענעם אומקום. רושינעק איז פול מיט פאַרביטערונג און פּראָטעסט, ווען ער דערזעט, ווי אַ גרופּע אַנטיסעמיטן וואַרפט אַרויס אַ יידישע משפחה פון דעם געמיינזאַמען „סכראַן” — אַ יידישע משפחה, וואָס האָט איבערגעדויערט אַ יאָר צייט, כדי צו ווערן איצט אַרויסגעטריבן דורך די מענטשן, וועלכע זיי האָבן אַריינגעלאָזט בעתן נייעם אומגליק אין אייגענעם באַהעלטעניש. אָבער רושינעק איז זיך נוקם אין די אַרויסטרייבער. זיי געפינען נישט קיין רו. עפּעס גריזשעט זיי אין טיפן האַרצן. און עס קומט גאַרנישט שפּעט די באַצאָלונג. נאָכן אַרויסטרייבן די יידן פליט אַריין אַ באָמבע אין דעם סכראַן, און די שלעכטע עגאָאיסטישע מענטשן קומען אום — די גערעכטיקייט טריומפירט, און רושינעק באַהאַלט נישט לגמרי זיין הסכמה מיטן מידת הדין.

די דריי מחברים פון ווערק אויף לאַגער־טעמאַטיק, וועגן וועלכע עס וועט באַלד זיין אַ רייד — ב. מ. דלוגאָשעווסקי, שמאגלעווסקאַ און יוסטאַ זיינען אויך אַליין געווען דירעקטע עדות פון דעם גיהנום און גיבן — פּונקט ווי רושינעק — אַ שטראַל ליכט פון דעם סאַמע פינצטערן תהום.

ב. מ. דלוגאָשעווסקי

דלוגאָשעווסקיס נאָוועלע „דער אומנויטיקער לעפל” דערציילט וועגן דער טראַגעדיע פונעם יידישן קינד אין אָשוויענטשים. אין לאַגער געפינען זיך ביידע — טאַטע און זון, רובין פון אַפּט און זיין יינגעלע שלמהלע. אָבער אין אָשוויענטשים טאָרן טאַטע און זון נישט זיין צוזאַמען. עס טיילן זיי אָפּ עלעקטרע־אָנגעלאָדענע דראָטן. עס טיילט זיי אָפּ נאָך עפּעס שטאַר־

קערס, גרויזאַמערס: דער טאַטע איז געזונט און איז נאָך לעת עתה פאַר־משפּט אויף „לעבן", דאָס ייִנגל מוז מיט אַלע פון זיין עלטער גיין צום גאַז. און שלמהלע וויל עפּעס איבערלאָזן דעם טאַטן — דעם לעפּל — דעם דאָזיקן מכשיר, וואָס איז איינס פון די וויכטיקסטע אין לאַגער — דער פאַר אים שוין אומנוציקער, אומנוצלעכער לעפּל. איינשטעלנדיק דאָס אייגענע לעבן, פירן צונויף די פּוילישע שכנים צום לעצטן מאָל דעם פאָטער און דאָס קינד. מיט פּשוטע ווערטער ברענגט דלוגאָשעווסקי אַרויס דעם שטומען טראַגיזם, וואָס איז דאָך אַזוי יחידיש און אַזוי אַלגעמיין אייגנצייטיק:

„דער טאַטע מיטן זון האָבן זיך געפונען נעבן זיך. דאָס ייִנגל האָט אַרומגענומען דעם פאָטער, טוליענדיק זיך צו זיין ברוסט. דער טאַטע האָט אַריינגענומען אין די הענט דעם ייִנגלס קאָפּ, לאַנג, שווייגנדיק געקושט. דערנאָך האָט ער אים גענומען וויגן, חזרנדיק מיט געוויין:

— שלמהלע, שלמהלע, שלמהלע...

— טאַטע, וואָס וויינסטו, וואָס טוסטו, וואָס וועט עס העלפן, — האָט געשעפּטשעט דאָס ייִינגל.

— איך וויין נישט, זונעלע, איך פריי זיך, וואָס איז זע דיך נאָך איין מאָל. איך פריי זיך, ס'איז גאָרנישט.

„איך האָב זיך נישט ווילנדיק אָפּגערוקט פון זיי. באַשאַק (אַ פּאָליאַק) האָט זיך דערנענטערט צו מיר, מיך אַ כאַפּ געטאָן פעסט פאַר דער האַנט און אַ וואָרטשע געטאָן מיט צאָרן:

— פּשיאַ קרעוו, פון אַזאַ שמחה דרייען זיך איבער ביי מענטשן די בעבעכעס. איך וועל שוין די נאַכט נישט שלאָפן. אַ, אויסוואורפן, דייטשע אויסוואורפן!

— טאַטע, — האָב איך געהערט דעם ייִנגלס קול. — דו זאָרג נישט פאַר מיר, דו באַמי דיך אויסצודויערן אין לאַגער. איך בעט דיך, מיר איז שווער צו טראַכטן, אַז דו זאָרגסט זיך צוליב מיר.

— איך זאָרג זיך נישט, זונעלע, וואָס האָב איך זיך צו זאָרגן, דו גייסט דאָך נאָר אין טראַנספּאָרט, אַ גוטער טראַנספּאָרט. דער פאַן שרייבער זאָגט אויך אַזוי...

„דאָס ייִנגעלע האָט נערוועז אַ שמייכל געטאָן. ער האָט זיך אָוועקגעריסן פון טאַטן און גענומען שנעל רעדן:

— אין טראַנספּאָרט, אין טראַנספּאָרט, אין אַזאַ גוטן טראַנספּאָרט. אַלע זאָגט איר אַזוי, און איך ווייס דען נישט, אין וואָס פאַר אַ טראַנספּאָרט איך גיי? איך ווייס, איך ווייס גוט, וווהין איך גיי, איך האָב נישט קיין מורא,

ב'האָב נישט קיין מורא: הערסט, טאַטע? איך האָב נישט קיין מורא! — האָט ער עקשנותדיק געחזרט, — מיר איז אַלץ איינס. איך וויל נאָר, דו זאָלסט זיך נישט זאָרגן".

אַזוי ווי אַ סך פּוילישע שרייבער שטרייכט אויך דלוגאָשעווסקי אונטער די געוואַלטיקע משפחה־צוגעבונדנקייט ביי יידן. דלוגאָשעווסקי ווירקט מיט אַ סך ווייניקער קינסטלערישע מיטלען, איידער באַראַווסקי. ער איז נישט אַזוי רייך און שפּעדיק אין דער שפּראַך, ווי דער מחבר פון „דער געזעגענונג מיט מאַריאַ", ער אָפּערירט אויך מיט אויסערלעכע שילדערונג, אָבער ער גיט זיי אַזוי, אַז אין די באַוועגונגען פון די העלדן שטעקט אַזוי פיל קאָנצענטרירטער וויטיק, אַלטרואיזם, געפיל, ליבע, אַז נישט געקוקט אויף דער אָרעמקייט פון מיטלען און שפּראַך, ווירקט די דערציילונג זייער שטאַרק, רירט מיט איר טיפער מענטשלעכקייט. נישט בחינם איז דער דאָזיקער שרייבער (ער איז בלינד געוואָרן פון די לאַגער־איבערלעבונגען) אויסגעטיילט געוואָרן דורכן זשורי אינעם קאָנקורס פון דער בעסטער ראַדיאָ־נאָוועלע.

קריסטינאַ יוסטאַ

עפּעס ענלעכס קען מען זאָגן וועגן קריסטינאַ יוסטאַ, דער אויטאָרין פון „Z bagna i kamieni" „פון זומפּ און שטיין". פּונקט ווי דלוגאָשעווסקי ווירקט אויך יוסטאַ נישט פאַנאַנדער קיין כאַראַקטערן און אימפּאָנירט נישט מיט שפּראַך־ און בילד־אייגנאַרט... אָבער איר פּשוטע דערציילונג שוידערט אויף און רירט. צווישן איר דרייסיק קורצע אָשוויענטשים־דערציילונגען זיינען פיר געווידמעט יידישע געשטאַלטן, אין אַנדערע וועבט זיך אַדורך די יידישע טראַגעדיע. און מערקווירדיק: די דערציילונגען מיט יידישן פּערסאָנאַזש געהערן ביי יוסטאַן צום אָפּטייל, וואָס רופט זיך אַן „ליבע" אָדער צו דער קאַטעגאָריע ווידערשטאַנד־מאָטיוון. די אויטאָרין האָט אין דעם שוידערלעכן טאָל פון אומקום געפונען פּערל פון מענטשלעכע געפילן און די שענסטע און טייערסטע פּערל — ליבע. דער ליבע־מאָטיוו אין אָשוויענטשים איז אָבער דורכגעוויטיקט מיט פּיין. דאָס יידישע מיידל זענקאַ, וואָס אַ פּוילישע שול־חברטע, קאַשיאַ, רוקט איר אַריין בעת דער סעלעקציע אין „אַרישן" דאָקומענט, און אַ דאַנק דעם בלייבט זי דערווייל לעבן, האָט

אירע מינוטן פון גליק — די געפילן פון דעם אַרעסטאַנט יוזעק. זענקאַ איז דאָפּלט אומלעגאַל אין לאַגער — זי מוז אויסבאַהאַלטן איר אָפּשטאַם און זי מוז אויסהיטן איר ליבע. לאַגער־ליבע איז פאַרגלייך מיט אַט דעם גע־פיל אין נאַרמאַלן לעבן איז טויזנט־פאַכיקע פּיין, טויזנטפאַכיק אומגליק, טויזנטפאַכיק אויסזיכטסלאָזו, און דאָך — די איינציקע טרייסט ביי די זענקאַס.

אַ צווייט געשטאַלט פון אַ יידיש מיידל — קאַטיע פון סלאָוואַקיע, וועל־כע עס האָט געטראָפן דאָס גליק צו ווערן אַ שרייבערקע אין לאַגער־באַראַק, אַ טראַגישע פיגור, וועלכע איז טריי ביזן סוף אירע שול־חברטעס פון ווייטן סלאָוואַקישן שטעטל. אין די צוויי דערציילונגען וועגן קאַטיען שטעלט אַוועק די אויטאָרין דאָס פּראָבלעם: צי איז קאַטיעס האַנדלונג נישט ערלעך? צי דאַרף מען זי פאַראורטיילן, ווען זי גייט ראַטעווען דאָס לעבן פון אירע פריינט דורך איבערגעבן זיך דעם תליון פון די יידישע טראַנספּאָרטן, דעם בלוטיקן קאָמענדאַנט? יוסטא פאַראורטיילט נישט. זי ברענגט אַרויס מיט עטלעכע בולטע שטריכן די טראַגיק פונעם מיידל. קאַטיע קייקלט זיך נישט אַראָפּ, די צוגעבונדנקייט און דאָס מקריב זיין זיך פאַר די נאָענטע איז אַ מענטשלעכער שטראַל. זי איז אַ קרבן פון די גרויזאַמע אומשטענדן. אָבער יוסטא זאָגט נישט, אַז קאַטיע איז אַ העלד. פאַרקערט — זי שטעלט אַוועק נעבן איר אירע דריי פריינט, די צוויי יידישע מיידלעך פון סלאָוואַקיע, העדדי און בעטטי און דעם בחור טילבאַר, די דריי לערער, וועלכע האַנד־לען דאָ אַזוי, ווי דער אַלטער יאַנוש קאָרטשאַק אין וואַרשעווער געטאָ. מיט איר אייגענעם קערפּער קויפט אויס קאַטיע ביים קאָמענדאַנט פאַר די דריי די לעבן־שיינען, אָבער אַט איז דער ענטפער, וואָס זי באַקומט פון זיי:

„טייערע קאַטינקע מיינע! זיי נישט בייז אויף מיר, אָבער איך קען באמת נישט. ווען דו וואָלסט געזען דאָס קליינוואַרג, ווען דו וואָלסט געזען, ווי שרעקלעך זיי האָבן מורא און קענען זיך נישט קיין עצה געבן. פאַרפאַלן. פאַרשטיי, אַז דאָס איז שטאַרקער ווי דער בלויזער ווילן צום לעבן... איך קוש דיך זייער, זייער שטאַרק. אין דער רגע איז געקומען טילבאַר. ער האָט זיך דעצידירט און גייט מיט אונדז. העדדי".

דער דאָזיקער אויטענטישער בריוו, וועלכן עס ברענגט יוסטאַ, איז נישט קיין באַווייז פון אַקטיווער גבורה, אָבער ער איז אַן אילוסטראַציע פון דער מאָראַלישער דערהויבונג פון אַ טייל פון דער יידישער יוגנט אין די פּיין־לאַגערן. די יסורים, דאָס אונטערגעבן זיך דעם גרויזאַמען גורל שיל־דערט די אויטאָרין אַנאַנים דורך דער גרויסער מאַסע. די ווערדע, די מאָ־ראַלישע עליה, דעם ווידערשטאַנד — דורך בולט אַרויסגעפירטע איינדי־

ווידואַליטעטן. אין דער דערציילונג „ירושלים" שילדערט יוסטאַ די באַ־רימטע שוין געשטאַלט פון מאַלאַ צימעטבוים — אַ היסטאָרישע פיגור, אַ יידיש מיידל פון בעלגיע, וועלכע איז געווען אַנגאַזשירט אין דער אונטער־ערדישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין אַשוויענטשים, איז אַנטלאָפן איינ־איינעם מיט אַ פוילישן חבר און געפאַלן דערנאָך מיט אַ העלדישן טויט אויפן עקזעקוציע־פּלאַץ אינעם לאַגער. די געשטאַלט פון מאַלאַ צימעטבוים האָט באַקומען אַ תיקון אין דעם פוילישן פילם „דער לעצטער עטאַפּ" (מאַר־טאַ). דער איינדרוק פון איר העלדישן אויפטו איז קאַנטיק געווען אַזוי שטאַרק, אַז מיר געפינען באַשרייבונגען סיי ביי קריסטינאַ יוסטאַ, סיי ביי סעווערינאַ שמאַגלעווסקאַ. יוסטאַ פירט אַרויס אין דער דערציילונג צוויי יידישע קעמפערינס — רות און מאַלאַ. רות אָטעמט מיט נקמה־לעכצונג. עס טוט איר ווי, וואָס די יידן שטעלן נישט קיין ווידערשטאַנד, וואָס בעת עס חורן זיך איבער אַנטלויפונגען פון פאַרשטייער פון פאַרשידענע נאַציעס, הערט מען נישט, אַז אַ יידישער אַרעסטאַנט זאָל גיין אויף אַזאַ שריט. זי פאַרשטייט, אַז ביי אַ ייד איז דער ענין אַנטלויפן אַ סך קאָמפּליצירטער — אַ ייד איז לייכטער צו דערקענען, צו דעמאַסקירן. אָבער רות האַלט, אַז עמעצער מוז זיך ברענגען פאַר אַ קרבן פאַר דער אידייע צו ווייזן די העל־דישקייט אויף פונעם ייד. ביז זי ווירקט אויף צוויי — אויפן פּאָליאַק עדעק און אויף דעם יידישן מיידל מאַלאַ, וועלכע אַרבעט ווי אַ לויפערין ביי דער לאַגער־עלטסטער. דאָס הייסט — עס איז איר בעסער ווי אַנדערע. עדעק און מאַלאַ פאַרבינדן צוויי אינטימע געפילן — ליבע און געמיינזאַמע אַר־בעט אין אונטערערד. זיי אַנטלויפן, אָבער ווערן געכאַפּט. עדעק קומט אום, און אויפן פּלאַץ ברענגט מען דאָס יונגע יידישע מיידל — די תליה שטייט שוין פאַרטיק.

אָבער דאָ געשעט אַ זאַך, אויף וועלכער אַפילו די עקזאַלטירטע, קאַמף־לעכצנדיקע רות האָט זיך נישט געריכט; נאָר לאָמיר געבן אַ וואָרט דעם מחבר אַליין.

„אָבער מיט אַמאָל איז געשען עפּעס אַזוינס, וואָס קיינער האָט זיך נישט געריכט. עפּעס אַזוינס, וואָס איז אַדורכגעפלויגן ווי אַ פייערדיקע פאָן צווישן די רייען און האָט אָנגעצונדן, צעפלאַקערט מיט התלהבות די אויגן פון אַלע יידישקעס אָן אויסנאַם.

„אין אַ געוויסער רגע האָבן די ס.ס.־לייט דערזען, וואָס עס קומט פאָר. מאַלאַ, איבערשניידנדיק מיט אַ ראַזיר־מעסערל די אָדערן פון דער לינקער האַנט, האָט דאָס זעלבע געוואָלט טאָן מיט דער רעכטער. דער בלאָק־פירער

דיטערס האָט זיך אָריענטירט דער ערשטער און איז צוגעשפּרונגען צו מאַ־לאַן, געוואָלט איר אָרויסרייסן די זשילעטקע.

„אין מיטן דעם ריזיקן פיר־עק פון אַרעסטאַנטקעס, פאַרן גאַנצן לאַגער, פאַר די פייערלעך פאַרזאַמלטע מאַכט־אָרגאַנען, שלאָגט די טויט־פאַרמשפּטע מאלא ריטערסן אין פּרצוף.

„זי האָט אים פּעסט אַ זעץ געטאָן אויף אַ געניטן אופן, וועלכער איז גוט באַקאַנט געווען אין לאַגער, טאַקע מאלא, טאַקע אַ ידישעו!"

קריסטינאַ יוסטאַ פאַרשטייט, אַז עס איז שוין נישט וויכטיק, וואָס עס איז ווייטער געשען, אַז מען האָט מאלאן לעבעדיק פאַרברענט אין קרעמאַ־טאָריום. נישט דאָס איז דער עיקר. דער עיקר איז דער איבערברוך — אַ יידיש מיידל, אַ פאַרשטייערין פון סאַמע דערנידעריקסטן, פון סאַמע באַ־שפּיגענעם פאָלק, דווקא זי האָט געפּאַטשט בפרהסיא דעם רעפּרעזענטאַנט פון די פּייניקער, דווקא זי איז אַרויס מיט אַן אָפענעם בונט, אָן מורא, אָן קווענקל, דרייסט אין אַנבליק פון טויט.

„דער פּאַטש, וועלכן עס האָט באַקומען ריטערס, איז געווען דאָס, וועגן וואָס רות האָט געוואָלט רעדן מיט אַלע ידישקעס, וואָס האָט געדאַרפט זיי האַלטן דורך דער גאַנצער שווערער און שרעקלעכער צייט, וועלכע האָט אויף זיי געוואַרט... דאָס איז געווען דער סאַמע בולטער און שטאַרקער אַר־גומענט".

יוסטאַ פאַרשטייט דעם מאָראַלישן באַדייט פון מאלאס אַקט פאַר יידן, פאַרן כבוד פון יידישן פאָלק.

דאָס איז דאָס ווערטפולסטע, וואָס די אויטאָרין האָט אונז געגעבן. ווערטפולער פון אַלע אירע, אגב, אויך רירנדיקע באַשרייבונגען פון יידישן ליידן, גענען מיט די אויגן פון אַן עכטן מענטשן־פריינט.

אַזוי האָט געקענט אויפּפאַסן די שטאַרקע ווידערשטאַנד־באַגערן פון דער יידישער יוגנט טאַקע אַזאַ פּראָגרעסיווע פּוילישע אויטאָרין, וועלכע איז אין אַשוויענטשים געקומען נישט צופעליק, נישט צוליב אַ „לאַפּאַנקע", נאָר ווי אַן אונטערערדישע אַנטיפאַשיסטישע קעמפערין.

דריי געשטאַלטן יידישע מיידלעך האָט קריסטינאַ יוסטאַ געגעבן אין איר בוך: קאַטיע, זענקאַ און רות־מאלא (לאָמיר די צוויי סימבאָליש, סינ־טעטיש אַנגעמען פאַר איין געשטאַלט), דריי באַזונדערע וועלטן, אַלע דריי האָט די אויטאָרין פאַרשטאַנען, אויפגעפּאַסט מיט האַרץ, אָבער דער גרעס־טער פאַרדינסט אירער איז דאָס אַרויסברענגען מאַלאַן.

סעווערינאַ שמאַגלעווסקאַ

ווי געזאָגט, טרעט אַרויס מאַלאַ אויך אין באַרימט געוואָרענעם בוך פֿון ס. שמאַגלעווסקאַ „Dymy nad Birkienau“ „רויכן איבער בירקענאַו“. און נישט בלויז מאַלאַ — שמאַגלעווסקאַ דערציילט אַ סך וועגן יידישן ווידערשטאַנד, וועגן דעם בונט פֿון די יידן אין קרעמאַטאָריום, וועגן דעם העלדישן קעגנשטעלן זיך פֿון אַ יידישער אַקטריסע וכדומה.

שמאַגלעווסקאַס בוך איז נישט פֿון זעלביקן ליטעראַרישן זשאַנר, וואָס פֿון די פֿריערדיקע מחברים. דלוגאָשעווסקאַ און יוסטאַ האָבן בעלעטריזירט די איבערלעבונגען, שמאַגלעווסקאַ גיט אַ דירעקטע באַשרייבונג — זי שילדערט דאָס „לעבן“ אינעם בירקענאַוער לאַגער, די עטאַפּן אין דער אַנטוויקלונג פֿון דעם טויט־אָרט און די געשעענישן. איר בוך איז אַ גרויזאַמער באַשולדיקונגס־אַקט קעגן פֿאַשיזם. „די רויכן איבער בירקענאַו“ זיינען אַ קינסטלערישער רעפּאָרטאַזש, געשריבן אין אַ זעלטן רייכער און זאַפּטיקער שפּראַך מיט אַ קענטעניש פֿון מענטשלעכע כאַראַקטערן. טראָט נאָך טראָט עפֿנט זי פֿאַר אונז דאָס בילד פֿונעם לאַגער. אָבער נישט די אַכזריותן פֿון די עס־עס־לייט און קאַפּאָס שטייט אין צענטער פֿון בוך, נאָר די טעמע — וואָס ווערט פֿון מענטש נאָכן אַריינטרעטן אין דעם גיהנום, דאָס פֿאַרלירן די אייגענע פּערזענלעכקייט, דאָס אַוועקהרגענען דעם צלם מענטש. עס גייט פֿאַרביי אַ גאַלעריע דייטשן: היטלעריסטן, קרימינאַליסטן און מענטשן, וועלכע זיינען נישט אַזוי אַכזריותדיק ווי יענע, אָבער עס איז שוין אין זיי דערשטיקט געוואָרן דאָס מענטשלעכע — עס איז נאָך אפשר ביי זיי נישט דערוועקט די חיה, אָבער עס איז שוין אָפּגעטעמפּט דער מענטש. און ווייטער: די פֿאַרפּייניקטע, גוטע און שלעכטע, טעמפּ געוואָרענע און דערדריקטע, פֿון צרות מבולבלע און בונטאַרע. און אומעטום — אַ שטראַלעכל פֿון ליכט, אַ ניצוץ מיטגעפֿיל. שמאַגלעווסקאַ טשאַטעוועט אויף אָט די ליכט־פֿאַסן און מאַכט זיי בולט. אָן זיי וואָלט אַלץ אונטערגעגאַנגען, מיט זיי — איז נאָך דאָ אַ האָפֿענונג, אַז נישט די גאַנצע וועלט וועט פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַ גיהנום. צווישן אָט די ליכטיקע שטראַלן זיינען פֿאַראַן צוויי, וועלכע רירן

עם לייענער ביזן בײַך, צווייַ, וואָס זיינען פֿאַרבונדן מיטן יידישן פּערסאָ־נאַזש: דאָס געזאַנג פֿון יידישן מיידל פֿון גריכנלאַנד, די שיינע אַלעגרי, און — דער יידישער דיכטער, וואָס ווערט געטריבן צום גאַז.

דאָס קאַפּיטל „אַלעגרי פֿון זוניקן גריכנלאַנד" איז אַ סימפאָניע פֿון קאָלירן־שפּיל און אמתער מענטשלעכקייט. אַלעגרי איז אַ מיידעלע פֿון גריכנלאַנד, וועלכע איז אַהער געבראַכט געוואָרן באַנאַנד מיט טויזנטער טויט־פֿאַרמשפּעטע גריכישע יידן. ווען ביי די מענטשן ווערט די שטימונג געפֿאַלן, טרעט אַרויס אַלעגרי — זי זינגט אַ ליד אין איר שפּראַך צו דער מאַמען. „אַלעגריס שטים, אַ טיפֿע און ווייכע, רגעווייז ציטערדט זי מיט אַ געוואַלטיקער בענקשאַפֿט, וועלכע, דוכט זיך, וועט זיך ביי איר אָפּרייסן פֿון דער געזאַנג־כוואַליע און וועט אויסברעכן מיט אַ געוויין נישט צום לעשן... אַלעגרי זינגט נאָך אַ ליד. זי הויבט זיך אָן מיט די ווערטער: „אַ, טאַלמע מאַסיס", וואָס באַטייט: „יאָ, קום צוריק"!... פּאָר אָט דעם ליד, אַלעגרי, דאַרפֿן דיר געבן אַ קרוג גאָלדענעם וויין די טייערסטע הענט, די הענט, וועלכע וואָלטן געקענט היילן דיין ווייטיק".

די הענט פֿון דער מאַמען.

אינטערעסאַנט: דעם מאָטיוו פֿון מיטרייסנדיקן, באַגייסטערנדיקן געזאַנג פֿון יידישע פּרויען פֿון גריכנלאַנד געפֿינען מיר אויך אין אַ פּרעכטיקער דערציילונג ביי זאָפֿיאַ נאַלקאָווסקאַ.

די גריכישע יידן האָבן געהערט אין לאַגער צום סאַמע פֿיזיש־שוואַכסטן עלעמענט. שוין דער קלימאַט האָט פֿון זיי געמאַכט אַ תל. אָבער די שלאָפּ־סטע האָבן אויסגעפֿישופֿט פֿון זיך אַ מאָדנעם כוח, וואָס האָט געהיילט די גע־מיטער פֿון די אחים לצרה — דער כוח פֿון ליד. גראָד די סאַמע דערנידע־ריקסטע פֿון צווישן די יידן זיינען דערהויבן געוואָרן צו ווערן די טרעגער פֿון שענסטן ליד אין דעם לאַגער פֿון אומקום.

דאָס האָבן אַרויסגעפֿילט סיי די גרויסע קינסטלערין נאַלקאָווסקאַ, סיי די סאַמע עמפּפֿינדלעכסטע באַשרייבערין פֿון אָשוויענטשים, שמאַגלעווסקאַ.

זי האָט אויך געשטעלט אַ מערקווירדיקע מצבה דעם אַנאָנימען יידישן דיכטער, וואָס האָט אין סאַמע טויט־לאַגער, אויפֿן לעצטן וועג צום אומקום אויסגעזונגען אין אומפֿאַרשטענדלעכע פּאָר דער אויטאָרין ווערטער דעם לעצטן הימן, וואָס האָט באַגלייט זיינע ברידער צום טויט.

ביי זייטיקע, נישט באַהאַונגטע מענטשן זיינען די פֿרייע תנועות פֿונעם דיכטער, וואָס בלייבט זיצן אויף אַ שטיין איינמיטן וועג, ווי אַ תפֿילה צו גאָט. דאָס איז אָבער געווען זיין לעצטע ליד — קיינער האָט שוין נישט געוווסט

זיין קאָנקרעטן אינהאַלט, אָבער דאָס האַרץ פון דער מיטפילנדיקער אויפטאָרין האָט אויפגעכאַפּט דעם מאָדנעם שמייכל אויף זיין געזיכט — דעם שמייכל פון דיכטער, וועלכער פילט זיך פריי אין דער אינערלעכער וועלט פון זיין פּאָעזיע, אין דער וועלט, וואָס קיין שום ברוטאַלער עס־עס־מאַן איז נישט בכוח צו צערייסן, צו פאַרברענען.

אַלץ איינס ווי דער דיכטער האָט געהייסן. נישט אין קאָנקרעטן פאַקט האַנדלט עס זיך דאָ. עס גייט אינעם אַרויספילן דורך דער שרייבערין די אויסלייזערישקייט פון יידישן פּאָעטישן וואָרט.

אַזעלכע ביכער, ווי „רויכן איבער בירקענאַו" לאָזן לאַנג, לאַנג נישט רוען. זיי טאַטשען אינעם האַרצן מיט זייער נאַגענדיקן אַליאַרם־רוף: מער נישט קיין אַשוויענטשים, מער נישט קיין מלחמה! שמאַגלעווסקאַ גיט זיך אַפּ אַ דין וחשבון, אַז נישט איטלעכער וועט אויפנעמען גלייך איר שוידערלעכן רעפּאָרטאַזש פון יענער זייט לעבן. ווען איינע פון אירע געשטאַלטן פאַלט אַריין אין אַ בונטאַריש־מטורפער שטימונג און נעמט שרייען אין דער נאַכט אַריין: „אַמעריקע, ראַטעווע די קינדער!" — הערן זיך ניכטערע קולות: „אַמעריקע וועט עס נישט דערהערן!", „אַמעריקע וועט זיך קיינמאָל נישט דערוויסן דעם אמת!" און בעיקר: „און אויב זי וועט זיך דערוויסן, וועט זי נישט גלויבן!".

נאָכן דורכלייענען שמאַגלעווסקאַס אויפשוידערנדיק בוך, מוז מען גלויבן, ווייל עס קאָן נישט געמאָלט זיין אין דער וועלט אַ שרייבער מיט אַזאַ געניאַל משוגעהדיקער פאַנטאַזיע, וואָס זאָל קענען אויסטראַכטן אַזעלכע בילדער. באַצווייפלען וועט דאָס אָנגעשריבענע דער פאַשיסט, דער מלחמה־העצער, דער פאַרטיידיקער פון גענעראַל מאַנשטיין. יעדער אַנדערער וועט גלויבן און וועט מוזן רעאַגירן קעגן מלחמה, קעגן ראַסן־האַס.

די הויפּט־מעלה פון די ביכער אויף לאַגער־טעמאַטיק ביי שמאַגלעווסקאַן, יוסטאַ, רושינעקן, דלוגאָשעווסקין איז דאָס, וואָס דורכלייענענדיק זיי, ווערן מיר נישט דערדריקט, נישט געפאַלן ביי זיך, נאָר מיטגעריסן מיט דער מענטשלעכעקייט און העלדישקייט פון די, וואָס האָבן זיך טראָץ אַלע ענויים, מאָראַליש אויפגעהויבן העכער איבערן עמק הבכא. די ווערק פון די אָקאָרשט אויסגערעכנטע שרייבער ווירקן אין דער ריכטונג פון מאָבילייזירן די כוחות נישט צו דערלאָזן מער, אַז דער פאַרשאָלטענער פאַשיזם, וואָס האָט פאַרטיליקט מיליאָנען און דעפּראַווירט מיליאָנען, זאָל נאָכאַמאָל אויפהויבן דעם קאָפּ.

„אלט און נײַ"

לוציאַן רודניצקי

לוציאַן רודניצקי איז נישט קיין פּנים חדשות אין דער ליטעראַטור, אַגב די ברייטע עפנטלעכקייט הערט צום ערשטן מאָל זיין נאָמען. לוציאַן רודניצקי, היינט שוין קרוב אַ בן שבעים (ער איז געבוירן אין 1882 אין שטעטל סולעיווו היינטער לאָדזש), האָט אַדורכגעמאַכט אַזאַ לעבן, וואָס האָט נישט דערלאָזט, אַז זיין אמתער נאָמען זאָל זיין אָפן באַקאַנט. לוציאַן רודניצקי האָט זיך אין דער פריסטער יוגנט געווידמעט דער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט און האָט דעם גרעסטן טייל פון זיינע יאָרן דורכגעלעבט אומלעגאַל, אָדער האַלב-לעגאַל: ער האָט אַזוי אַרום אַלע זיינע יאָרן געמוזט זיין אַ נסתר. אַלס אַרבעטער פון דער לאָדזשער טעקסטיל-אינדוסטריע, באַגייסטערט דורך די רעוואָלוציאָנערע אידעען פון יענער צייט, ציט זיך אַריין רודניצקי צו-ערשט אין פּ. פּ. ס.; אינייגעם מיט די פּראָלעטאַרישע עלעמענטן פון דער פּאַרטיי מאַכט ער אַדורך די שפּאַלטונג; אונטערן איינפלוס פון דער מאַרקסיסטישער ליטעראַטור טרעט ער אַריין אין ס. ד. ק. פּ. ל. ער ווערט אַ פּראָפעסיאָנעלער רעוואָלוציאָנער. ער פאַלט אַריין אין תפיסות און מאַכט דאָ אַדורך זיינע אוניווערסיטעטן. ער איז טעטיק צווישן די פּראָלעטאַריער פון לאָדזש, ראַדאָם, קעלץ, טשענסטאָכאָוו, ביאַליסטאָק, סאָסנאָוויץ; ער וואַנדערט איבער די טורמעס פון קאַליש, קיעוו, מאָסקווע. עס קומט דאָס יאָר 1918, און ער וויל נישט אָראָפּשטייגן ביי דער סטאַנציע „ניעפּאָדלעגלאָשטש". ער פאָרט ווייטער, ער ווערט אַ מיטקעמפער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון פּוילן, ער איז טעטיק אין אירע אונטערערדישע

פּרעסע־אויסגאַבעס. ער פּרוּווט זײַנע כּוחות אויפֿן ליטעראַרישן געביט און לאָזט אַרויס תּחילת די צוואַנציקער יאָרן ס׳ערשטע בוך. ער מוז זיך אָבער אויסהיטן פאַר אַ בייז אויג פון דעפענסיווע־לייט און דעריבער גייט אַדורך זײַן דעביוט אָן אַן איבעריקן אָפּקלאַנג. אַלט און אַ בעל־מום (טויב אויף אַן אויער), גייט ער אַרויס קוים מיט גאַנצע ביינער פון דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע. אָבער די גאַנצע צײַט שרײַבט ער פיבערדיק זײַן זעקסבאַנדיקן „סטאַרע אי נאָווע“, וואָס שוין די ערשטע טיילן האָבן אים איצט, אין פרײַען פוילן, דעראָבערט די אָנערקענונג סיי אין די ליטעראַרישע קרײַזן, סיי מצד דער געזעלשאַפט.

עס איז שווער צו באַצייכענען דעם ליטעראַרישן זשאַנער פון „אַלט און נײַ“. ס׳איז נישט קיין ראָמאַן, און עס פאַרמאָגט דערציילערישע עלעמענטן; ס׳איז נישט קיין מעמואַרן, און עס אַנטהאַלט וואַגיקע זכרונות און אַן אינטערעסאַנטע כאַראַקטעריסטיק פון אַ גאַנצער עפּאָכע — פון דער תּקופֿה פונעם געבורט און פאַנאַנדערוווּקס פון דער פוילישער אַרבעטער־באַוועגונג.

געשריבן איז דאָס ווערק אינעם נוסח פון באַקאַנטן פראַנצויזישן „קאָזערי“, אָדער פוילישער „גאַווענדאַ“. לוציאַן רודניצקי דערציילט בילדעריש און אין דער לאָקאַלער שפּראַך פון סולעיוווּ די געשיכטע פון זײַן לעבן, וואָס איז אַ געשיכטע פון זײַן בן־דור, פון אַ פויליש פּראָלעטאַריש קינד. עס איז אָבער נישט בלויז דערציילונג, עס איז קינסטלערישער געמעל, וואָרעם דער מחבר ווירקט מיט בילד, מיט געשטאַלטן, מיט דיאַלאָג, מיט שילדערונג. נאָך מער: דאָס בוך ווערט דערהויבן דורך דעם דענקערישן עלעמענט זײַנעם. רודניצקי איז אַן אינטעלעקטועלער פּראָלעטאַרישער שרײַבער. נישט בלויז ער שילדערט דעם נשמה־צושטאַנד פון אַ טראַכטנדיקן יונגן פוילישן אַרבעטער, נאָר ער פירט אויך אַרײַן דעם אַנאַליז פון דערשײַנונגען. ס׳איז אַ סינטעז פון ליריק און פון אינטעלעקטועלער באַטראַכטונג פון סאָציאָלאָגישע פּראָבלעמען. און דאָס אַלץ געגעבן אין אַן אינטערעסאַנטער „גאַווענדזשאַרסקער“ פאָרם.

די הויפּט־מעלה פונעם בוך איז זײַן אויפריכטיקייט. דער מחבר רײַסט אויף און אַנטפּלעקט אַלע אינערלעכע געראַנגלען און ווידעראַנגדן אין זײַן נשמה פון דער פריסטער יוגנט אָן. דאָס איז דער געראַנגל צווישן רעליגיעזער מיסטיק און רעאַליסטישן בליק אויף דער וועלט, צווישן דער איינגעזויגטער מיט דער מאַמעס מילך אַפּאָלאָגיע פאַר דער „הייליקער מוטער“ און דעם רוף פון דער פּראָלעטאַרישער גאַס, צווישן נאַציאָנאַליסטישער באַגרענעצטקייט פון דער יורדישער, טיף־אָרעמער, קליין־שליאַכטיש־אָפּ

שטאַמיקער היים און אינטערנאַציאָנאַליסטישן געפיל, צווישן פּאַראָורטיילן לגבי „דעם לאַנגנאָזיקן אַבראַם" און דעם געפיל פאַר סאָציאַלער גלייכקייט און סאָלידאַרישקייט מיטן יידישן האַרעפּאַשניק. פאַמעלעך און האַמעטנע קומט אויף ביים יונגן לוציאַן דער פּראָלעטאַרישער באַוווסטזיין און דער פּרייער געדאַנק. ער מוז זיך פריער אַרויסרייסן פון דעם שטעטלש־אַלט־שטייגערישן באָדן, כדי אין דער נייער סביבה פון לאָדזשער פאַבריק־אַר־בעטער נעמען איינזאַפּן אין זיך וויסן וועגן וועלט און מענטש. די שטוביקע חוזקן פון דעם דאַזיקן מתמיד, דעם אויטאָדידאַקט, זיי רופן אים „ראַבין" און לאַכן אים אויס, פאַרוואָרפדיק, הלמאי ער זיצט ביז שפּעט ביינאַכט אי־בערן „תלמוד", איבער וויסנשאַפטלעכע און ליטעראַרישע ווערק. מיט שווע־רער מי קומט אָן לוציאַנען צו דעראָבערן וויסן. איינצייטיק ווערט ער אַקטיוו אין דער אונטערערדישער באַוועגונג, צוערשט פאַרמאָגט ער אַן אידעישן מישמאַש אין קאָפּ — אינדיווידועלער טעראָר, גריבגשעצונג לגבי דעם רו־סישן אַרבעטער, סאָרעליזם, אָבער מיט דער צייט ווערט סאָרעל אַרויסגע־שטופּט דורך מאַרקסן.

עס הויבן זיך אָן שיטן אויף דעם יונגן אַרבעטער־טוער רדיפות און רעפּרעסיעס. אַ פאַרמסרטער דורך אַן אינטריגאַנטישן מייסטער, אַ יוצר־משרת פונעם קאַפּיטאַל, ווערט ער אַרויסגעוואָרפן פון פאַבריק.

— „געַנוג! אַזעלכע זיינען אונז נישט נויטיק!" — זידלט מען אים ביים באַזייטיקן אין קאַנטאָר. רודניצקי איז שוין דעמלט געווען אַ קלאַסן־באַוווסטזיניקער פּראָלעטאַריער, און ער האָט רעאַגירט ווירדיק:

„עס איז פינצטער געוואָרן אין די אויגן פון באַליידיקונג און מאַכטלאָ־זיקייט. עס זיינען געלאָזט געוואָרן פריי אַלע העמונגען. איך האָב אַ שלידער געטאָן די פויסט אין דער זייט פון די באַפּולמעכטיקטע פון דעם קאַפּיטאַ־ליסט:

— איר וועט אינגיכן אַוועקגיין פונדאַנען צו אַלדי רוחות! איך וועל דאָ צוריקקומען!

„איך האָב געוואַרט אויפן צוריקקער פיר־און־דרייסיק יאָר. ניין, נישט געוואַרט. מיר האָבן דעראָבערט אין שווערן אָנשטרענג פּאָזיציע נאָך פּאָזי־ציע".

מיט דעם שטאַרקן שלוס־אַקאָרד ענדיקט זיך דער ערשטער טייל פונעם בוך.

אַן אַנגעזען אָרט פאַרנעמט אין „סטאַרע אי נאָווע" דער יידישער סעקטאָר. דאָס איז נישט ביי רודניצקין קיין אָפּגעזונדערטער עלעמענט. יידן

זיינען אַ טייל פֿון סולעיוווּ, אַ טייל פֿון דעם מחברס מיליע, אַ טייל פֿון פּוילן און פֿון דער באַוועגונג.

שילדערנדיק דעם פּוילישן עמק הבכא סולעיוווּ, אַ מין פּוילישע טונע־יאַדעווקע, אָדער כתריאלעווקע, פּאַסט דער מחבר אַריין אויף אַ נאַטירלעכן אופֿן אין דעם געמעל אויך די יידישע גאַס. ער שטעלט זיך נישט פּאַר סולע־יווו און די סולעיווער פּוילישע מיל־געזעלנס, סטאָליער, פּויערים אָן די יידי־שע בעל־מלאכות און קליינהענדלער. די פּוילישע אָרעמקייט איז געווען עקס־פּלואַטירט און האָט געליטן נויט; אין אַן ענלעכער סאָציאַל־עקאָנאָמישער לאַגע האָט זיך געפֿונען די אַרבעטנדיקע און אָרעמע באַפֿעלקערונג. „די יידי־שע שוסטער, שניידער, היטלמאַכער און די אַלערליי יידישע הענדלער האָבן געאַרבעט אַ סך מער ווי צען שעה אין מעת־לעת", שרייבט רודניצקי אויף זייט 46. רודניצקי גיט אַ שטיק בילד פֿון יידישן שטעטל און פֿון זיין שטיי־גער, וואָס איז לגמרי אַנדערש פֿון דעם, ווי עס האָבן פֿאַרגעשטעלט די זאַך אַ סך פֿאַרמלחמהדיקע פּוילישע שרייבער. ביי אים איז נישטאָ די מחיצה, וואָס אַזעלכע באַשרייבער האָבן אַריינגעפֿירט צווישן דעם יידישן און פּוי־לישן סעקטאָר פֿון אַמאָליקן שטעטל. דער „געשמאַקער ציבעלע־ריח" פֿון די „יידישע שבתדיקע פֿיש פֿון די קופּערנע ראַנדעלס" מישט זיך אויס ביי רודניצקין מיטן ריח פֿון „גויישע קאַפּוסטע" און שאַפֿט צוזאַמען די אַט־מאָספֿער, דעם ספּעציפֿישן אַטעם פֿון דעם פּוילישן „קאַבצאַנסק" סולעיוווּ. דאָס דאַרף מען, נאַטירלעך, נעמען מער בלשון סימבאָל. אָבער רודניצקי בלייבט נישט שטיין ביי בלויזער שילדערונג און שטימונג. רודניצקי האַלט די יידישע האַרעפּאַשניקעס פֿאַר זיינע ברידער. איינער פֿון די לירישע גע־פֿילן־אויסגוסן אין „סטאַרע אי נאָווע" איז געווידמעט די יידישע בעלי־מלאכות:

„עס איז אומגעקומען בערעק איינעם מיט זיין צאָלרייכער און אַרבעט־זאַמער משפּחה דערפֿאַר, ווייל ער האָט ליב געהאַט דעם אַלטן „זאַקאָן" און סולעיוווּ. פֿאַרמעגלעכע קרובים האָבן אַמאָל איינגעלאַדן בערעקן קיין פֿראַנק־רייך. ער איז דאָרטן געווען, זיך אַרומגעקוקט, אָפּגעאַרבעט צוויי חדשים און איז צוריקגעקומען.

— פֿאַרוואָס? — פֿרעג איך.

— דאָ קאָן איך דאַוונען און אַרבעטן, דאָרטן האָב איך נישט געקאָנט".

בערעק מאַרקעוויטש איז געווען אַ שוסטער. אַן אַרבעטזאַמער, ערלעכער און אויך אַ פֿרומער ייד. רודניצקי האָט אים ליב געהאַט ווי אַן אייגענעם. פּונקט אַזוי האָט ער ליב געהאַט דעם שטעטלשן שניידער דוד הערצעק און

דעם בעקער שאול, וועלכער איז געווען אַ גוטער מענטש און האָט געגעבן די אָרעמע קונים ברויט אויף באָרג. דעם פּוילישן בעקער שטשיגעל האָט רודניצקי פיינט געהאַט, ווייל ער איז געווען אַ קמצן און אַ שלאַק. בערעק איז רודניצקין נאָענטער געווען ווי שטשיגעל. די שייד־ליניע ביי רודניצקין איז נישט די ראַסע, נישט די נאַציאָנאַליטעט און נישט די פאָרם פון דער גאָז, נאָר דער סאָציאַלער מצב און די עטישע מדרגה פון מענטש. און פונקט זי בערעק מאַרקעוויטש דער שוסטער איז אים טייער ווי אַ ברודער, אַזוי איז אים פרעמד אַ צווייטער בערעק, וואָס פאַרמאָגט די מענטאַליטעט און דעם כאַראַקטער פון דעם קמצנישן פּאַליאַק, דעם אַנטיפּאַטישן שטשיגעל.

„איך האָב געקענט נאָר איין סולעיוווקער בערעק, דער האָט זיך דער־שלאָגן צו אַ גרויסן פאַרמעגן אין דער האַלץ־בראַנזשע. אין די ערשטע טעג פון די קריג־אָפּעראַציעס איז אים געלונגען צו אַנטלויפן קיין לוואָו און אונטער דער שוץ פון דער סאָוויעטישער מאַכט. אין אַ האַלב יאָר אַרום איז ער אויך געקומען צוריק.

— פאַרוואָס?

— דאָרטן דאַרף מען שווער האָרעווען, דאָ בין איך פריי.

אויך ער איז אומגעקומען. איך דערמאָן אים גלייכגילטיק. דעם טויט פון בערעק מאַרקעוויטש (דעם שוסטער) פיל איך ווי איך וואָלט פאַרלוירן אַן אייגענעם, אַ ליבלעכן ברודער" (זייט 36).

די זעלביקע גלייכגילטיקייט פילט דער מחבר צו באַקאַנטע פּאַליאַקן סוחרים און קאַפּיטאַליסטן. און די זעלביקע ליבשאַפט — לגבי פּוילישע ערלעכע אַרבעטס־מענטשן.

אויף זיין גאַנצן, שווערן און אומרויקן לעבן־וועג טרעפט רודניצקי יידן. דאָס זיינען יידן אַנדערע סיי פון דעם האַלץ־סוחר, סיי פון דעם האָ־רעפּאַשנעם און פרומען שוסטער. דאָס זיינען יידן־רעוואָלוציאָנערן, טרעגער פון פרייען געדאַנק און פון קאַמף, וועלכע שטייען אויף באַריקאַדן און שמאַכטן אין תפיסות. מיט אַ געפיל פון אַ ברידערלעכקייט און דאַנקבאַר־קייט דערמאָנט דער פּוילישער אַרבעטער זייערע נעמען. די יידישע מיט־קעמפער האָבן אַריינגעגאָסן אין אים גלויבן און אים געהאָלפן באַוואָפענען זיך מיט וויסן, וואָס איז אַזוי נויטיק צום קאַמף. אין יאָר 1903 זיצט רוד־ניצקי אין שעראַדזער טורמע אינאיינעם מיט אַ יונגן אַרבעטער אַ בונדיסט. דער ייד שאַפט רודניצקין ביכער און באַרייכערט זיין גייסטיקן באַגאַזש. אין יאָר 1909 זיינען לוציאַנס לערער אין דער קאַלישער תפיסה די צווי־

יידן־רעוואָלוציאָנערן ראָטענבערג. און אין יאָר 1918 פאַרנעמט זיך מיטן פּעיקן אַרבעטער דער באַקאַנטער פּראָפעסאָר פון וואַרשעווער „ושעכניצאַ״ עטינגער.

רודניצקי שטעלט זיי אַלעמען אַ מצבה אין זיין ווערק. ער שטעלט זיי אין איין ריי מיט דער פאַרברייכער גאַלעריע פוילישע אַרבעטער־רעוואָלוציאָנערן, מיט וועלכע ער האָט זיך אָנגעטראָפן אין זיינע שטורמישע יאָרן.

לוציאַן רודניצקיס בוך איז אַ מוסטער פון אינטערנאַציאָנאַליסטישן גייסט. עס איז דורכגעדרונגען אויף אַ נאַטירלעכן און אויפריכטיקן אופן מיט דער אידעע פון פעלקער־פריינטשאַפט.

אינהאלט:

אַריינפיר 3 — 6

די רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור 7 — 28

וולאַדיסלאַוו בראָניעווסקי

וואַנדאַ וואַשילעווסקאַ

לוציאַן שענוואַלד

לעאָן קרושקאָווסקי

סטאַניסלאַוו וויגאָדזקי

די אונטערערדישע ליטעראַטור 29 — 43

מיעטשיסלאַוו יאַסטרון

טשעסלאַוו מילאָש

יאַן קאָט

טאַדעוש סאַרנעצקי

די יונגע

לעך פּיעטשאַק

חשבון הנפש 44 — 53

יעזשי אַנדזשעיעווסקי

אַדאָלף רודניצקי 54 — 66

קאַזשימיעזש בראַנדיס 67 — 74

די ראָמאַנטיק פון געטאָ־אויפשטאַנד 75 — 83

סטעפאַן אַטווינאָווסקי

יעזשי בראָשקעוויטש 84 — 90

אַרטור זאַנדויער 91 — 97

זאָפיאַ נאַלקאָווסקאַ 98 — 104

די באַציונג פון דאָרף 105 — 110

לעאָפּאָלד בוטשקאָווסקי

טאַדעוש זאַלעווסקי

יוזעף מאָרטאָן

וועגן צעגייען זיך 111 — 136

יוליאַן טוווים

אַנטאָני סלאָנימסקי

יוזעף וויטלין

צווישן קאַטוילישע שרייבער

יאַן דאָבראַטשינסקי

אַנדזשעי לעפּקאָווסקי

באָגדאַן אָסטראָמענצקי

וואָיטשעך זשוקראָווסקי

קסאַווערי פּרושינסקי

די לאַגער־ליטעראַטור 137 — 151

טאַדעוש באָראָווסקי

מיכאַל רושינעק

ב. מ. דלוגאָשעווסקי

קריסטינאַ זוסמאַ

סעווערינאַ שמאַגלעווסקאַ

„אַלט און ניי" 152 — 157

לוציאַן רודניצקי

ביכער פונעם זעלביקן מחבר:

1) „געשיכטע פון דער פוילישער אַרבעטער־באַוועגונג" (אונטערן פּסעוודאָנים מ. אַראָנסקי); פאַרלאַג „קליינע ביבליאָטעק", וואַרשע, 1936.

2) „געשיכטע פון די סאָציאַלע באַוועגונגען אין פוילן", ערשטער באַנד: מיטלאַלטער; פאַרלאַג „טאָמאַר", ווילנע, 1938.

3) „געשיכטע פון די סאָציאַלע באַוועגונגען אין פוילן", צווייטער באַנד: נייע צייט; פאַרלאַג „טאָמאַר", ווילנע, 1939.

4) „POWSTANIE W GETCIE WARSZAWSKIM", Moskwa, nakładem Biblioteki Z. P. P., 1944

5) „דער אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ"; פאַרלאַג: „דער עמעס", מאָסקווע, 1944.

6) „חורבות דערציילן"; פאַרלאַג: „דאָס נייע לעבן", לאָדזש, 1947.

7) „אויפן קבר פון צבי־הירש גרעץ"; פאַרלאַג: „נידערשלעזיע", וראָצלאַוו, 1948.

ביכער דערשינען אין פארלאג „יידיש בוך"
ביים צ. ק. פון די יידן אין פוילן

פארן יאר 1947

1. „מלכות געטאָ" — נאָוועלן פון ישעיהו שפּיגעל
2. „דער מענטש וועט גוט זיין" — משלים פון י. אַליצקי
3. „מיט אַש אויפן קאָפּ" — לידער פון א. זאַק
4. „אויף די חורבות" — פּאָעמע פון חיים גראַדע

פארן יאר 1948

5. „אַ בוים אין ווינט" — דערציילונגען פון י. אַקרוטני
6. „מלך שאול" — ביבלישע טראַגעדיע פון י. אשענדאָרף
7. „יידן אָן געלע לאַטעס" — סקיצן פון ה. סמאָליאַר
8. „דער אָפּגרונט רופט" — לידער פון גוטע גוטערמאַן
9. „אַ ייד צווישן פויערים" — פּיעסע פון ש. דיאַמאַנט
10. „דורך שאָטן און שיין" — לידער און פּאָעמען פון בינעם העלער
11. „אַ פענצטער צו דער וועלט" — לידער פון פסח בינעצקי
12. „צו לויטערע ברעגן" — לידער פון רייזל זשיכלינסקי

פארן יאר 1949

13. „רואיגע אין זון" — לידער פון לייב מאָרגנטוי
14. „אין אַ פוסטער שטאָט" — דערציילונגען פון יצחק גוטערמאַן
15. „דער וועג פון פיין" — דערציילונגען פון ד. האָפנונג

16. „שרייבער און ביכער" — קריטיק פון דוד ספארד

17. „פלעמלעך אין דער נאַכט" — לידער פון לייבל קופּערשמיד

18. „משלים־בוך" — פון ל. אָליצקי

19. „יידישע שרייבער אין דער היים" — עסייען פון אפרים קאַגאַנאָווסקי

20. „דער מענטש האָט געזיגט" — א כראָניק פון א. גאָזשאַנסקי

21. „און געוואָרן איז ליכט" — לידער פון י. שפיגעל

פאַרן יאר 1950

22. „פרילינג אין פוילן — לידער פון בינעם העלער

23. „די יידישע ליטעראַטור ביז די קלאַסיקער" — פון ש. לאַסטיק

24. „די יידישע טראַגעדיע אין דער פוילישער ליטעראַטור" פון ב. מאַרק.

אין זאַץ:

25. „אַלמאַנאַך פון דער מאָדערנער פוילישער ליטעראַטור", א. אנד.

באמערקטע דרוק־פעלערן:

זייט 9 שורה 1 פון אונטן — אַנשטאָט „שוידערט אויך" דאַרף זיין: „שוידערט אויף"
„ 11 „ 17 פון אויבן — „ „די דיכטער" „ „ „דער דיכטער"
„ 14 „ 5 פון אויבן — „ „מנטשלעכע" „ „ „מענטשלעכע"
„ 15 „ 11 פון אונטן — „ „פרזענלעכן" „ „ „פערזענלעכן"
„ 18 „ 2 פון אונטן — „ „אומגקומענער" „ „ „אומגעקומענער"
„ 23 „ 7 פון אונטן — „ „כאַראַקטריזירן" „ „ „כאַראַקטעריזירן"
„ 24 „ 4 פון אויבן — „ „פוילן" „ „ „פוילישן"
„ 29 „ 11 פון אויבן — „ „אַטוויאַוווסקי" „ „ „אַטווינאָוווסקי"
„ 33 אינם טיטל — „ „טאַדעוואשס רנעצקי" „ „ „טאַדעוש סאַרנעצקי"
„ 34 „ 14 פון אונטן — „ „וואָל" „ „ „וואָס"
„ 35 „ 5 פון אויבן — „ „צעמישע" „ „ „צעמישטע"
„ 37 „ 8 פון אויבן — „ „פוילישר" „ „ „פוילישער"
„ 41 „ 13 פון אויבן — „ „גויטעווגדיקייט" „ „ „גויטוועטדיקייט"
„ 43 „ 18 פון אונטן — „ פראָסטאָו ז מאָסטו „ „ „פראָסטאָ וז מאָסטו"
„ 45 „ 10 פון אויבן — „ „באַוועגונג" „ „ „באַפעלקערונג"
„ 45 „ 5 פון אונטן — „ „העלדישר" „ „ „העלדישער"
„ 49 „ 8 פון אונטן — „ „וואָלק" „ „ „פאָלק"
„ 50 „ 16 פון אויבן — „ „שלעכט" „ „ „שלעכטס"
„ 51 „ 10 פון אונטן — „ „איבערלעבעישן" „ „ „איבערלעבענישן"
„ 52 „ 10 פון אויבן — „ „פונים" „ „ „פונעם"
„ 54 צווישן די שורות 2 און 3 פון אונטן פעלט אַ שורה: „איינעם מיט דער פוילישער ערד."
זייט 58 שורה 3 פון אונטן — אַנשטאָט „אויפריכיטק" דאַרף זיין „אויפריכטיק"
„ 59 „ 3 פון אויבן — „ „די נאַציִשע טראַגעדיע" „ „ „די נאַציאָנאַלע טראַגעדיע„
„ 63 „ 6 פון אויבן — „ „פיאָפעסאָר ליליען „ „ „(פראָפעסאָר ליליען)"
„ 64 „ 4 פון אונטן — „ „פאַרנאַגונג" „ „ „פאַרניכטונג"